YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i05

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 5
February 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 5)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/62

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפּלאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט". וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. I. No. 5. Price 3 cents. Friday, February 14, 1919. פרייטאג, דעם 14טען פעברואר, 1919.

צו דער ריזיגער פיקעט דעמאנסטראציע נעקסטען מאנטאג!

דער זיעג פון די סטרייקענדע לײדיעס ווייסט מייקערס איז שוין גאר־גאר נאהענט.

א העלפט פון די סטרייקער, 15 טויזענד אין צאהל, האבען שוין געזיעגט. די גאנצע שטאדט קאכט מיט'ן סטרייק. שלעזינגער איז „טהי ביזיעסט מען אין טאון", ווי מען זאגט עס אויף ענג־ליש. א חוץ אלערליי קאנפערענצען מיט די באסעס, סיי די לײדיעס ווייסט מייקער באסעס, וועלכע האלטען אין איין אפטרעטען און אפּבּרעקלען זיך פון דער אסאסיאיישאן, און סיי מיט די באסעס פון אנדערע טריידס, וועלכע זיינען אנגעשלאסען אן דער אינטערנעשאנעל, מוז ער נאך האלטען לעקטשורס אין פארשיעדענע טשוירטשעס, לײדיעס קלובס, וועלכע זיינען שטארק נייגעריג צו הערען פון דעם פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנעל וועגען די הויפּט־אישוס פון סטרייק. ווי דער פרעזידענט, אזוי איז די גאנצע אינטערנעשאנעל ביזי. עס קלייבען זיך צום קאמפף די ווהייט־גודס מייקערס יוניאן, פון וועלכער ס. שאר איז דער ראש המדברים. עס קלייבען זיך אויפ'ן מלחמה־וועג די ראפער און קימאנא מייקערס, און אלע מיט איין געשריי: א 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך, א רייז אין וויידזשעס און אלע איבעריגע פאדערונגען, וואס די לײדיעס ווייסט מייקערס יוניאן שטעלט. די טשילדרענס דרעס מייקערס יוניאן פיהרט אויס אלע איהרע פאדערונגען ביי דער אסאסיאיישאן אהן א סטרייק, דאך בלייבען נאך ניט געסעטעלט די אינדעפענדענט און ניט־יוניאן שעפער, און אין די שעפער וועט זיך אנפאנגען דער קאמפף נעקסטען מאנטאג. לעצטען מאנטאג פריה איז פארגעקומען א גרויסע, וואונדערליכע דעמאנסטראציע וועלכע עס וועלען קיינמאל ניט פארגעסען די, וועלכע האבען איהר בייגעוואוינט! דעם מאנטאג מוז די דעמאנסטראציע זיין נאך פיעל גרעסער. שלעזינגער, באראף, זיגמאן, ווידמאן און די גאנצע דזשענעראל סטרייק קאמיטע וועט זיין אין דער פיקעט־ליין.

אודאי, ווען די רעדעל־פיהרער פון דער באסעס אסאסיאיישאן פון דער לײדיס ווייסט אינדוסטריע וואלטען געקאנט פאראויסזעהן מיט פיער וואכען צוריק אלעס, וואס איז און האט געמוזט פארקומען פון דעם מאמענט, ווען זיי האבען מיט אזא לייכטזיניגקייט ארויסגערופען דעם סטרייק פון זייערע טויזענדער און טויזענדער ארבייטער, קענט איהר וועטען צעהן צו איינס, אז זיי וואלטען עס קיינמאל, קיינמאל ניט געטאן. אבער אזוי איז שוין דער נארישער מענש. עס קומט אויף איהם אן א מינוט פון משוגעת, פון ווילדקייט. ער פארגעסט אלע לעסאנס פון דער פארגאנגענהייט, און ער שלעפט אויף זיך אליין צרות. אלמאי, ניקאלאי און ווילהעלם! די מאכט מאכט בלינד, משוגע. אזעלכע מענשען הייבען אן ליידען פון דעם, וואס מען רופט גרעסען־וואהן. דאס איז אזא איינריידעניש, אז קיין גרעסערער, קיין שטארקערער פאר מיר איז גאר אויף דער וועלט ניטא. זיי גלויבען, אז די גאנצע וועלט דארף ליגען פאר זיי אין שטויב און לויכטען זיך אין זייערע נארישע פנים'ער. און זיי רופען ארויס דעם קאמפף, וועלכער געדויערט אמאל לענגער, אמאל קירצער, אבער אי־מער־צו מיט א פינסטערען סוף פאר זיי און פאר אלע זייערע נארישע אמביציעס.

מען קען ניט זיין אין כעס אויף דעם סארט ווארריאטען, כאטש זיי פאראורזאכען אזוי פיעל אומגליקען פאר דער וועלט. זיי זיינען נעביך גייסטיג קראנק. זיי געהערען גיכער אין א האספּיטאל פאר גייסטיג־קראנקע, ווי אין פריזאן.

די באסעס פון דער אסאסיאיישן זיינען באפאלען געווארען אט פון דער זעלבער גייסטיגער פארפינסטערונג, ווען זיי האבען דערלאזען, אז דינסטאג, דעם 21־טען יאנואר, זאלען זייערע ארבייטער פארלאזען זייערע שעפער. זיי האבען עס געטאן, ווייל זיי האבען זיך איינגערעדט, אז, ערשטענס, וועלען זייערע ארבייטער די שעפער ניט פארלאזען. וואס הייסט זיי וועלען ארויסגעהן, ווארפען זייערע דזשאבס, אין מיטען ווינטער, ווען דער יקרות ברענט, און ווען ווענינע פון זיי האבען עפעס אפגעשפארט? צווייטענס, האבען זיי גערעכענט, אז, אויב די ארבייטער וועלען פארלאזען די שעפער, וועלען זיי באלד צוריקקומען. וואס דען, עס איז עפעס א תכלית ארומצובלאנקענען זיך אין די גאסען? דריטענס האבען זיי גערעכענט, אז אויב ניט עיערע ארבייטער פון פאר'ן סטרייק, וועלען זיין אנדערע וואס גארען צו קריגען א דזשאב.

אט דאס איז געווען די באסישע אונגליקליכע, פאר זיי, איינריידעניש. און וואס איז איצט געווארען פון אט די אלע האפנונגען? א רואינע! די ארבייטער זיינען ארויס פון די שעפער, אבער צוריגעקעהרט זיך בעטען ארבייט האבען זיי ניט. קיין אנדערע אויף זייערע פלעצער זיינען אויך ניטא. א העלפט פון די סטרייקער ארבייטען שוין צוריק, און אויף די באדינגונגען, וועלכע זיי האבען געשטעלט, און די גאנצע באסעס־חברותא, וואס האט אויסגעזעהן צו זיין אזוי איינִיג און פעסט ערשט מיט פיער וואכען צוריק, האלט זיך אין איין צוברעקלען, ווי אן אלטע, פארפוילטע געביידע, און דער קאמפף פון די לײדיעס ווייסט מייקערס ווערט מיט יעדען טאג, מיט יעדער שטונדע אלץ שארפער, ענערגישער!

דאס איז דער רעזולטאט פון דעם פיער־וואכיגען קאמפף! און האבען מיר זיי ניט געווארענט? האבען מיר זיי ניט געזאגט, אז זיי וועלען זיך רייסען די האר פון קאפ? עס האט אבער ניט געהאלפען. אז מענשען זיינען משוגע געווארען אויף דעם געדאנק פון אלמעכטיגקייט, איז דאך ניט שייך. אבער איצט זעהען זיי שוין דאס אליין איין. פיעלע פון זיי האבען שוין אויסגעקלייבט זייערע וואפען און זיך אונטערגעגעבען. אבער עס זיינען נאך פארבליבען גענוג עקשנים צווישען די באסעס. און עס שטעלט זיך די פראגע, וויפיעל טעג וועט נאך נעהמען, ביז זיי וועלען דערזעהן די ליכט? און מיר אפעלירען צו די סטרייקער איצט: העלפט זיי, די אונגליקליכע באסעס אייערע, צו קומען וואס גיכער צו זייער פארשטאנד. זאל אייער רחמנות־געפיהל זיין דאס מאל שטארקער פון אייער צארן, און לאזט ניט די עטליכע מענשען, וואס האבען זיך גאנץ ניש־קשה'דיג ארויפגעארבייט, צו קומען אין דער לאגע צו ווערען צוריק פעדלער מיט עפעל, וואס זיי זיינען אמאל געווען.

און ווי קענט איהר, סטרייקערינס, עס טאן בעסער, ווי ארויסצוקומען נעקסטען מאנטאג אין אייער גאנצער מאכט, וויפיעל איהר זיינט נאך פארבליבען, אהום 15־20 טויזענד? אפשר וועלען די באסעס דאך איינזעהן, ווי דאס האבען שוין איינגעזעהן הונדערטער פון זייערע חברים, אז יעדע ווייטערע שטונדע פון קאמפף מיינט פשוט רואינע פאר זיי.

זיי, אייערע באסעס, זיינען דאך בלינד; זיי קענען זיך נאך איינריידען, אז ווייל איהר אייער סטרייק אזוי שטיל, אזוי מיושב'דיג, אזוי אהן געפילדער, איז א סימן, אז אייער הארץ איז ניט אין דעם גרויסען קאמפף. זיי קענען דאך ניט פארשטעהן, אז אייער שטילער קאמפף קומט נאר פון אייער זיכערהייט אין אייער ענדליכען זיעג, פון אייער באוואוסטזיין, אז קיין מאכט קען פון אייך דעם זיעג ניט ארויסרייסען. דאס צו פארשטעהן, דארף מען זיין א שטיקעלע פסיכאלאג. די באסעס אייערע זיינען אבער ניט קיין מענשען פון דעם סארט. טו ניט זיי צו פארשטעהן דורך אייער דעמאנסטראציע נעקסטען מאנטאג אט דעם קלארען געדאנק. זאלען זיי איינזעהן, אז קיינמאל, קיינמאל וועט איהר זיך ניט צוריקקעהרען אין זייערע שעפער, ביז זיי וועלען ניט נאכגעבען די גערעכטע, די אונבאדינגט־

אינהאלט־פארצייכניס
נומער 5 „גערעכטיגקייט"

זייט 1. צו דער ריעזיגער פיקעט־דעמאנסטראציע נעקסטען מאנטאג — רעדאקציע. ספעציעלע טעלעגראמע פון קליוולאנד — מ. פערלשטיין.
זייט 2. ביי אונז אין לאנד (די וויכטיגסטע פאסירונגען פון וואך) — הלל ראגאף.
זייט 3. דער געווינס פון פרייער צייט — דזשוליעט סטוארט פאינטץ. קארטון פון מ. לאעב.
זייט 4. א מערקווירדיג שעהנער מיטינג פון קלאוקמאכער — ל. פינקעלשטיין. בילדער פונ'ם ווייסטמאכער סטרייק — עליאס ליבערמאן.
זייט 5. אונזער אינטערנעשאנאל איבער'ן לאנד — מאקס ד. דעניש.
זייט 6. עטליכע שעהן פארבראכטע שטונדען — יענטע סערדאצקי. דער מיטינג פון דזשאינט באארד — ל. לאנגער.
זייט 7. אברהם לינקאלן — לואיס וו. גאלדעסמאן. אמאליגע גוטע ווערקצייג פון די באסעס, היינטיגע גוטע יוניאן לייט — מ. י. אשפיז.
זייט 8. אינגעבארג (ראמאן) — ב. קעלערמאן.
זייט 9. ראמאן. א פארשפעטיגטע באגרוסונג — ס. שאר.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ ביכעל.
זייט 11. די לעצטע גרויסע סטרייקס אין אמעריקא — א. זעלדין. וואו געהסטו, מיין חבר? (געדיכט) — י. אדלער.
זייט 12. די נויטווענדיגקייט פון וואך־ארבייט אין קלאוקס־טרייד — מאריס זיגמאן. גיט מיר צוריק די מלחמה (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. די אינטערנאציאנאלע ארבייטער־וועלט — וויליאם מ. פייגענבוים.
זייט 14. צוויי דיכטערינס פון עלענד און נויט — ל. לאקסאן. די וועלט וואלט שעהן געווען... (געדיכט) — יוסף קאנאפסקע.
זייט 15. דעמאביליזאציע און די ארבייטער — מ. קאלטשין. מענשען הערצער (ערצעהלונג) — סעמועל דזיקסעל.
זייט 16. קורצע שמועסען צווישען רעדאקטאר און לעזער. דער רעקארד דעפארטמענט פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן — נ. מ. מינקאוו.
זייט 17. די לײדיס טיילארס יוניאן לאקאל 80 געווינט א באדייטענדען סטרייק. דער נייער האספיטאל אין בראנזוויל. אין עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון אונזער יוניאן — ס. ליבערטי.
זייט 18. געסעטעלטע פירמען פון ווייסטמאכער סטרייק. ראמאן (שלום פון ז. 9.)
זייט 19. אדווערטייזמענטס.
זייט 20. צווישען די ווייסטמאכער סטרייקער — א סטעפ רעפארטער. וויכטיגעס און אינטערעסאנטעס אין לאק. 66 — אסיף וואלינסקי.

קליוולאנדער קלאוק מאכער וועלען שאפען א סטרייק־פאנד

(ספעציעלע טעלעגראמע צו דער „גערעכטיגקייט")

קליוולאנד, דעם 12טען פעברואר. — מאנטאג אווענד, דעם 10טען פעברואר, איז דא אפגעהאלטען געווארען א מאס־מיטינג פון מיטגליעדער פון דער קלאוק־מאכער יוניאן און עס איז באשלאסען געווארען, דאס א טעקס פאר א דזשענעראל סטרייק־פאנד זאל ארויפגעלעגט ווערען אויף יעדען מיטגליעד פון דער יוניאן. יעדער מאן וועט איינצאהלען פינף דאלאר און יעדע פרוי דריי דאלאר. אלע פארפליכטען זיך איינצוצאהלען דעם דאזיגען טעקס אין די נעקסטע פינף וואכען.

מ. פערלשטיין.

א געדענקווירדיגער מאנטאג

פון א סטעף רעפארטער.

איך וויל דא זיין גאנץ אפענהערציג מיט אונזערע לעזער. די פיקעט דעמאנסטראציע לעצטען מאנטאג אין דערפריה, ארום די ווייסט און דרעס שעפער אין ניו יארק, איז ניט געווען אזוי גרויס ווי זי האט געזאלט און געדארפט זיין, כאטש די פיקעט ליין איז געווען א סך, א סך גרעסער ווי אירגענד וועלכען פריהמארגען בעפאר; גרויס גענוג צו מאכען א שטארקען איינדרוק אויף אלע פארבייגעהער. די פיקעט ליין איז דאך געווען גאנץ וואזשנע און איינדרוקספול.

נאך גאנץ פריה, אין דעם גרויען קאלטען פריהמארגען, ווען עס איז אזוי אנגענעהם צו ליגען אין א ווארימער בעט, האט מען שוין געקענט זעהן מארשירען אהין און צוריק אויף די טראטוארען לעבען די ווייסט און דרעס שעפער, וואס זיינען אין סטרייק, טויזענדער מיידלאך און פרויען, ווייסע און שווארצע, יונגע און עלטערע, און אויך א סך מענער. די גאסען פון דער 36טער סטריט ארונטער דאון־טאון, צווישען דער 6טער און מעדיסאן עוועניוס, זיינען יענעם פריהמארגען גאנץ פריה באלעבט געווארען. די מו־טיגע סטרייקער האבען פון דרויסען באטראכט די הויכע בילדינגס, אין וועלכע עס געפינען זיך די שעפער, וואו זיי פארברענגען די שענסטע און בעסטע יאהרען פון זייער לעבען! איצטער האבען זיי צייט געהאט צו באטראכטען פון דרויסען די וויסטע לערע שעפער, אין וועלכע זיי פארלירען פאר די עטליכע דאלאר, וואס זיי פארדינען, זייער יוגענד, זייער פרישקייט און שעהנקייט, זייער געזונד און לעבען!

און זיי שפאצירען ארום דרייסט, שטאלץ, מיט באגייסטערונג פאר זייער יוניאן. זיי ווייסען גאנץ גוט, דאס ווען ניט זייער יוניאן, וואלט נאך זייער לאגע געווען טויזענד מאל ערגער. אין זייערע אויגען בליטשעט א הייליגער פייערעל פון ליעבע צו דער ארגאניזאציאן, צו דער יוניאן, וואס זיי שטעהען איצט אויף דער וואך איהר צו פארטיידיגען געגען דעם שמוציגען אנגריף פון דער מאנופעקטשורערס אסס'ן מיט זייערע משרתים, און פון טיפען הארצען רייסט זיך ארויס ביי זיי א פלוך פאר זייערע בעלי בתים, וועלכע ווערען רייך און פעט פון דעם ארבייטער'ס שווייס און בלוט, און פארצאפען דעם ארבייטער'ס בלוט יעדעס מאל ווען זייער יוניאן פארלאנגט עטליכע סענט מעהר פאר דער שווערער פראצע!

לעבען א הויכער בילדונג אין דער 23טער סטריט שטעהען עטליכע מיידלאך, סטרייקערינס, און רעדען צווישען זיך. איך געה אונטער און פארציה מיט זיי א קורצען שמועס.

— וואס דענקט איהר — פאנג איך אן — ווענען די טענה פון אייערע באסעס, דאס די יוניאן פארלאנגט פון זיי אז ווען אן 18 יעהריגע מיידעל קומט אריין ארבייטען אין א שאפ, מוז זי שוין דארט זיצע ביז זי ווערט א באביצע פון 60—70 יאהר?

— זאלען די באסעס אזוי לעבען, צו דאס איז אמת! — שרייט אויס איינע.

— וואס דען, רופט זיך אפ א צווייטע אביסעל סארקאסטיש, — עס איז דאך אזא פלעזשור צו זיצען ביי זיי אין די שעפער, אז מען דארף זיך נאך שלאגען פאר דער פריווילעגיע דארט אפצופינסטערען דאס גאנצע לעבען!

— אויב די בעלי בתים אונזערע האבען טעכטער, — מישט זיך אריין א דריטע, — ווינשען מיר זיי, אז זיי זאלען זיין גליקליכער ווי מיר זיינען. מיר ווינשען זיי, — רעדט זי ווייטער, — דאס ווען זיי וועלען דארפען געהן ארבייטען אין א שאפ, ווי מיר, זאלען זיי קריגען אזעלכע פלעצער, וואו זיי וועלען קאנען אפפינסטערען דאס גאנצע לעבען!... מיר אבער ווילען דאס ניט, מיר זיינען זיי דאס מוחל!

— סטרייקערינס פון אזא הויכער אינטעליגענץ, ווי איהר האט דא ארויסגעוויזען — רוף איך זיך אפ — וועלען אייערע נארישע באסעס קיין מאל, קיין מאל ניט באזיעגען.

* * *

אבער דאס איז נאך ניט אלעס. די פיקעט דעמאנסטראציע מאנטאג גאנץ פריה האט אויך געהאט די ווירקונג, וואס די סטרייקער האבען זיך צוגעוואוינט צום פיקעטען. און דער רעזולטאט איז, דאס דעם נעקסטען פריהמארגען, דינסטאג פריה, איז די פיקעט ליין ארום די ווייסט שעפער געווען פונקט אזוי גרויס, און אפשר נאך גרעסער, ווי מאנטאג אין דער פריה. דאס איז ווירקליך זעהר, זעהר גוט.

די מאססמיטינגען מאנטאג נאכמיטאג.

דעם זעלבען מאנטאג נאכמיטאג, זיינען אין די מעהרסטע האלס וואו די סטרייקער פארזאמלען זיך, אפגעהאלטען געווארען גרויסע, זעהר ענטוזיאסטישע מאססמיטינגען. אויף די מיטינגען האבען גערעדט די פיהרער פון אונזער יוניאן, פון דעם סטרייק און אויך איינגעלאדענע אנגעזעהענע געסט פון דער סאציאליסטישער און ארבייטער באוועגונג.

די מיטינגען זיינען אפגעהאלטען געווארען אין אלע האלס כמעט אין דער זעלבינער צייט און איך האב געקענט באזוכען בלויז צוויי פון זיי, אין בעטהאווען האל און אין מאנהעטען לייסעאום.

און מיין מזל האט מיר דעם מאל גראדע־גוט אונטערגעשפיעלט. אין בעטהאווען האל האב איך געטראפען רעדען פרעזידענט שלעזינגער און אין מאנהעטען לייסעאום גענ. ש. יאנאווסקי, דעם רעדאקטאר פון דיעזער צייטונג, און איך וועל פרובען אייך איבערגעבען כאטש אין קורצען דעם תמצית פון ביידענס גאנץ זאכליכע און אויסגעהאלטענע רעדען.

ברודער שלעזינגער האט באקומען א זעהר ווארימע אויפנאהמע. מען האט איהם פיעל אפלאדירט נאך איידער ער האט אנגעפאנגען רעדען, און נאך מעהר ווען ער האט געענדיגט. ער האט גערעדט אזוי קלאר און דייטליך, דאס אלע אנוועזענדע אין האל האבען גאנץ גענוי פארשטאנען אלעס וואס ער האט געזאגט און זיי האבען זיך דעריבער גאנץ אויפמערקזאם צוגעהערט צו יעדען ווארט וואס ער האט ארויסגעזאגט. ער איז געקומען רעדען ספעציעל אין דעם האל, ווייל דארט געפינט זיך די פיקעט קאמיטע, און פאר זיי ספעציעל האט ער געוואלט קלאר מאכען די ריכטיגע אישוס פון דעם סטרייק.

„ווען דער סטרייק האט אויסגעבראכען, — האט ער אנגעפאנגען, — האב איך געדענקט, אז איך וועל יעדען טאג אדרעסירען די סטרייקער אין אלע האלס וואו זיי פארזאמלען זיך. עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, דאס איך קאן דאס ליידער ניט טאן, ביי מיין בעסטען ווילען. צו פיהרען א גרויסען סטרייק — רעדט ער ווייטער — איז ניט קיין לייכטע ארבייט. עס איז דא א מאסע ארבייט אין אפיס, וואס מוז געטאן ווערען פונקט אזוי פינקטליך ווי עס דארף געטאן ווערען אייער ארבייט, אין דער פיקעט ליין, און דאס פארשלינגט מיין גאנצע צייט".

ער מאכט דאן א שטארקען אפיעל צו אלע אין האל, צו זיין אויף דער וואך, צו טאן גאנץ געוויסענהאפט זייער פליכט אין דער פיקעט ליין און דאס וועט פיעל העלפען דער סטרייק זאל זיך ניט לאנג פארציהען.

„דאס אבער — זאגט ער — דארף ניט ווערען אויסגעטייטשט, אז מיר זיינען שוין מיעד געווארען פון סטרייק. א, ניין! — שרייט ער אויס — אויב נויטיג וועלען מיר סטרייקען, סטרייקען און סטרייקען! מיר וועלען סטרייקען ביז די בעלי בתים, וועלכע האבען זיך געלאזען פארפיהרען פון זייער, משטיינס געזאגט, לאיער, וועלען קומען צום שכל און אוועקווארפען זייער אידיאטישע שטעלונג אין באצוג דער פראגע פון דיסטשארדזש, וועלכע זיי האבען אזוי נאריש אויפגעבלאזען".

ער גיט דאן א היסטארישען איבערבליק איבער אלע קעמפפע פון די ווייסט און דרעססמאכער יוניאן אין פריהערדיגע יאהרען און ער ווייזט אן דעם אונטערשיעד פון דעם כאראקטער וואס יעדער קאמפף באזונדער האט געטראגען. און ער קומט אזוי נאך צו די הויפט אישוס אין איצטיגען סטרייק. ווענען דעם זאגט ער:

„די ווייסט און דרעס באסעס פון דער אסאסיאיישאן האבען צוויי ברירות. זיי קענען אויסקלייבען איינע פון די צוויי: אדער זיך ארויסשלאגען דעם משוגעת פון קאפ ווענען דער פראגע פון דיסטשארדזש, אדער ארויס פון ביזנעס.

„זיי מעגען ווייסען, אז די יוניאן וועט קיינמאל ניט צושטימען, אז באסעס זאלען מעגען דיסטשארדזשען ארבייטער אהן א טרייעל, אהן א „באארד אוו רעוויו".

עס וואלט געווען א פינסטערער טאג פאר דער אינדוסטריע און פאר די צעהנדליגע טויזענדער מענשען וואס זיינען אפהענגיג פון איהר, ווען די באסעס זאלען קענען „פייערן" ארבייטער ווען זיי וועט זיך נאר פארגלוסטען.

„די אסאסיאיישאן באסעס ווילען מאכען דעם איינדרוק, דורך סטייטמענטס אין די צייטונגען, אז די יוניאן פאדערט פון זיי, אז זיי מוזען האלטען ארבייטער דעם גאנצען לעבען; אז אויב א מיידעל קומט אן ארבייטען אין א שאפ ווען זי איז 16 יאהר אלט, מוז איהר דער באס האלטען ביז זי ווערט 70 יאהר.

„זייערע סטייטמענטס זיינען אזוי אומגעלומפערט, אז זיי רופען ארויס דעם גרעסטען געלעכטער אין גאנץ ניו יארק. עס וואלט געווען אך און וועה צו די ארבייטער, — שרייט ער אויס — ווען זיי וואלטען געדארפט ארבייטען דעם גאנצען לעבען ביי די „דזשענטלמען" פון דער אסאסיאיישאן. (גרויסער אפלאז).

„וואס די יוניאן פאדערט — און פאר דיעזע פאדערונגען וועט זי קעמפפען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט — איז: 1) פון דעם ארבייטער, וואס איז דיסטשארדזש געווארען, זאל ניט ווערען צוגענומען דאס רעכט פון אפעלירען צו א „טרייעל באארד", און אין 24 שטונדען זאל די טרייעל באארד ענטשיידען צו די האנדלונג פון דעם באס איז געווען גערעכט.

2) א 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך, כדי צו האבען רעגולערע באשעפטיגונג.

3) 15 פראצענט א רעיז אויף די ווירדזשעס, כדי צו קענען נאכקומען דעם יקרות.

4) אז אפיסער פון דער יוניאן זאל קענען וועניגסטענס איין מאל אין מאנאט ארויפקומען אין א שאפ צו זעהן, אז די יוניאן סטענדארדס זאלען ווערען אפגעהיט.

„פאר דעם וועלען מיר קעמפפען — רופט ער אויס — ביז וואנען אין אונז וועט זיין א פונק לעבען.

„וואס שנעלער די אסאסיאיישאן באסעס וועלען זיך ארומזעהען וואו זיי זיינען אין דער וועלט, אלץ בעסער וועט פאר זיי זיין. זיי האבען צוויי ברירות: אדער סעטלען מיט דער יוניאן אדער ארויס פון ביזנעס!"

די רעדע איז פון די סטרייקער אויפגענומען געווארען מיט א גרויסער אוואציע.

* * *

ניט מיט ווייניגער בייפאל איז אויפגענומען געווארען גענ. יאנאווסקי'ס רעדע אין מאנהעטען לייסעאום.

יאנאווסקי האט געהאלטען א קורצע, הארציגע, העכסט אגיטאטארישע רעדע, וואס איז אין דער זעלבער צייט אויך געווען גאנץ זאכליך.

ער האט די סטרייקער ניט געשאנעוועט און זיי אריינגעגעבען א היבשע פארציע מוסר. ער האט זיי געזאגט גאנץ פליין, דאס לויט זיינע בעאבאכטונגען, זיינען זיי ניט גענוג אקטיוו אין דעם סטרייק און ער האט געמאכט א שטארקען אפיעל זיי זאלען זיך מעהר באטייליגען אין דער פיקעט־ליין, ווי זיי האבען דאס געטאן ביז איצט.

ער האט זיך אויך אפגעשטעלט אויף דעם, וואס מאנכע פון די סטרייקער איילען זיך אזוי, מען זאל וואס גיכער „אפסעטלען" מיט דער באלעבאס, ביי וועלכען זיי ארבייטען. ער ווייזט אן ווי געפעהרליך עס וואלט געווען, די יוניאן זאל מאכען איבעראיילטע סעטלמענטס, איידער מען איז פאזיטיוו איבערצייגט, דאס אין די שעפער וועט ניט געמאכט ווערען אפילו איין שטאך ארבייט פאר א פירמע וואס איז אין סטרייק. היינט — פרעגט ער — וואס איז סתם אזוי דער געאייל? די סטרייקער האבען זיך אפילו נאך ניט רעכט אויסגערוהט, נאך ריכטיג זיך ניט אויסגעשלאפען און זיי איילען זיך שוין ווידער אנצופאנגען ארבייטען... און ער פאדערט זיי אויף צו האבען אביסעל מעהר אויסדויער און זייער זיג וועט אלץ זיין א גרעסערער.

ער באריהרט דאן דעם פונקט פון סטרייקס און רעוואלוציאנען, אדער סטרייקער און רעוואלוציאנערען.

„ווי קומט עס — פרעגט ער — וואס די זעלביגע ארבייטער, וועלכע זיינען אזוי ענטוזיאסטיש ווענען די רעוואלוציאנען אין אייראפא און אפלאדירען מיט אזא פייערדיגקייט ווען א רעדנער דערמאנט דאס ווארט באלשעוויזם, זיינען אזוי גלייכגילטיג און פארשלאפען צו זייער אייגענעם קאמפף, צו זייער אייגענעם סטרייק? וועל, — שרייט ער אויס — פארשלאפענע סטרייקער וועלען קיינמאל ניט זיין גוטע וואכזאמע רעוואלוציאנערען!"

„א סטרייק — רעדט ער ווייטער — איז א רעוואלוציע! אט די קלענערע און גרעסערע סטרייקס זיינען די פארלויפער פון די גרויסע רעוואלוציאנען, וועלכע זיינען דער שלוס־אקט פון דעם גרויסען, אייביג אנגעהענדען ארבייטער־קאמפף פאר מעהר ברויט, פאר מעהר ליכט און פאר מעהר פרייהייט!

„א 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך, שוועסטער און ברידער, איז א גרויסע רעוואלוציע! און א סטרייק פאר אזא פאדערונג דא, ביי זיך אין דער היים, ווירקט מעהר אויף די מאנופעקטשורער ווי די גרעסטע רעוואלוציאנען אין אייראפא! איהר מעגט רעדען פון רעוואלוציאנען אין אייראפא וויפיעל אייער הארץ גלוסט, און עס ארט זיי ניט. פארלאנגט נור אבער פון זיי מענשליכע באהאנדלונג און א 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך און איהר זעהט גלייך ווי זיי פאנגען אן צו טאנצען".

ער אפעלירט דאן נאך אמאל צו די אנוועזענדע, צו זיין לעבעדיגער, ריהרעוודיגער, מעהר אקטיוו, צו זיין אימער גרייט צו געהן אין דער פיקעט ליין, כדי דער גרויסער סטרייק זאל וואס גיכער געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

ער באקומט א גרויסען אפלאז, טראץ דעם וואס ער האט זיך ערלויבט דעם עולם אביסעל אויסצומוסר'ן.

די סטרייק באוועגונג אין ענגלאנד און איהרע אורזאכען

(שלוס פון זייט 13)

א ציימונג פון דארטען, די „טיימז" פון סאן דזשואן, די הויפט שטאדט פון אינזעל זאגט, נאכמאכענדיג די קאפיטאליסטישע פרעסע פון דער גאנצער וועלט, דאס „די אורזאכע פון דעם צוזאמענשטויס ווערט צוגעשריבען צו דער פארשפרייטונג פון געוויסער פאליטישער פראפאגאנדא", — נעמליך: „באלשעוויזים". אבער די אורזאכע פון צוזאמענשטויס, ווי מיר לעזען עס מיט איין פאראגראף העכער, איז די אורזאכע דערפון געווען די צופיעל ארבייטער פאר די צו ווייניגע דזשאבס.

* * *

די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין סויטה אמעריקא ווערט פארטגעזעצט. אין עקוואדאר זיינען געווען אויסברוכען און מאשין ביקסען זיינען אויפגעשטעלט געווארען אויף די דעכער פון די הייזער אין דער שטאדט גייעקאלי, די הויפטשטאדט פון יענער רעפובליק.

די סטרייקס אין ארגענטינע זיינען פארטגעזעצט געווארען וואכען לאנג נאכדעם ווי די קאפיטאליסטישע פרעסע האט זיי „געסעטעלט." דורך דער צייט זיינען די פארטס אין בוענאס איירעס געווען אפגעשטעלט. דעם 9טען מארטש דארף זיך אנפאנגען אין יענער רעפובליק א דזשענעראל סטרייק. אויסברוכען קומען אויך פאר אין טשילי, ארגענטינא, אוראגוויי און באליוויא.

* * *

דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער קאנגרעס אין אייראפא, געהט שוין איצט פיליכט אן. סעמואל גאמפערס איז געווען שטארק געגען דעם קאנגרעס, וועהרענד פרעזידענט ווילסאן, לויט טעלעגראמען אין דער פרעסע, האט מיט איהם פארבראכט שטונדען, צו איבערצייגען גאמפערס'ען, דאס ער דארף זיך טרעפען מיט די סאציאליסטען פון דער וועלט, אין בערען.

פון אנפאנג, ווי עס מעלדען טעלעגראמען, האבען די בעלגיער ניט געוואלט באגעגענען די דייטשען. אבער ווי עס שיינט, איז אפילו עמיל וואנדערוועלדע, וועלכער איז א דעלעגאט צום פריעדענס קאנגרעס אין פאריז, איבערגעוואונען געווארען און אויב דער קאנגרעס וועט זיך קאנען צוזאמענקומען, וועלען זיך דארט צוזאמענטרעפען דעלעגאטען פון דער גאנצער וועלט, פון די אליאירטע לענדער, דייטשען, און נייטראלע, ווידער אויפצובויען דעם אינטערנאציאנאל.

דער געווינס פון פרייע צייט

פון דזשוליעט סטוארט פאינטץ

קיין רעכט איז ניט אזוי טייער פאר דער ארבייטס-פרוי ווי דאס „רעכט צו רוהען." די גרויסע באוועגונג וואס געהט אָן אין אלע טריידס, אין וועלכע עס זיינען באשעפטיגט הונדערט טויזענדע פרויען, פאר דער באגרענצונג פון די ארבייטס-שטונדען, וועט ברענגען דער ארבייטס-פרוי די גרויסע מתנה פון צייט, — צייט צו רוהען, צייט צום אמוזירען זיך, צייט צו זיין מענשליך. די גרויסע פארקירצונג פון דער ארבייטס-צייט, פון פינף אדער זעקס שטונדען א וואך וואס ווערט פארלאנגט און געוואונען אין די וועב פאבריקען און אין די שניידער טריידס, איז דער גרעסטער שריט פארווערטס פון די פרויען ארבייטער באוועגונג אין די לעצטע יאהרען.

די צעהן טויזענד ווייסט מאכער וואס געהען צוריק צו דער ארבייט אין זייערע שעפער נאך א צוויי וואכיגען סטרייק, מיט א באשטענדיגען געווינס פון פינף שטונדען א וואך, נעהמען אפשר גאר ניט אין באטראכט, ווי לייכט אזעלכע גרויסע זיעגע ווערען היינט געוואונען, אין פארגלייך מיט די פיעלע יאהרען פון קאמף און ליידען וואס האט זיך געפאדערט אנצופאנגען די באוועגונג פאר קירצערע שטונדען. און מערקווירדיג, די אידעע צו באגרענעצען די ארבייטס-שטונדען, איז צום ערשטען געבארען געווארען אין א דריקענדער צייט, נאך א מלחמה-צייט, פונקט ווי איצטער.

דאס איז געוועזען באלד נאך די נאפאלעאנישע מלחמות, ווען ר א ב ע ר ט א ו ע ן, איינער פון די ערשטע סאציאליסטען, אליין א מאנופעקטשורער, האט געמאכט די אויסערגעוועהנליכע ענטדעקונג, דאס עס איז ניט נויטיג געווען צו מאכען ארבייטען קליינע, זיבען יעהריגע קינדער, 16 שטונדען א טאג, אום צו מאכען א צופרידענשטעלענדען פראפיט די קאטאן פאבריקען. א פארקויפטער פראפעסאר, און אזעלכע טיפען זיינען אמאל אויך געווען, איז נאך אפילו באשטאנען, דאס דער גאנצער פראפיט פון דעם מאנופעקטשורער ווערט געמאכט אין דער לעצטער שטונדע פון ארבייט, און אויב די שטונדען זאלען פארקירצט ווערען, וואלטען זיי גאר קיין פראפיט ניט געהאט. דער פראפעסאר האט זיינס אויסגעפיהרט, ביז די שענדליכע צושטענדע אין דער באשעפטיגונג פון פרויען און קינדער האט געצוואונגען צו שאפען דעם ערשטען געזעץ, אין 1833, פאר א נארמאלען ארבייטס טאג, און עס איז וואונדערבאר צו דערצעהלען, — דער פופצעהן שטונדיגער ארבייטס טאג איז געשאפען געווארען דורכ'ן געזעץ.

באטראכט דאס, פריווילעגירטע ארבייטער פון א בעסערער צייט! אט דער גרויסער זיעג האט געגעבען א געלעגענהייט אייערע שוועסטער אין די קאטאן-פאבריקען צו ארבייטען „בלויז", פון האלב נאך פינף אין דער פריה ביז האלב נאך אכט אין אווענד, מיט קורצע אונטערברעכונגען פאר עסען. און אפילו אט די „מענשליכע" צושטענדע האבען געפעהלט אין דעם דרעסמאכער טרייד.

אין א באשרייבונג פון דער „נעהטארינס שקלאפעריי", לעזער מיר: „די יונגע שקלאפען ארבייטען אין שטיגען, אין רומס מיט שלעכטע לופט. זייער באשעפטיגונג איז צו נעהען פון אין דער פריה ביז ביינאכט, און פון ביינאכט ביז אין דער פריה, אהן אן אפרוה, אהן רערען צווישען זיך, אהן א שמייכעל, אהן א זיפץ. אין דעם גרויען פריהמארגען מוזען זיי שוין זיין ביי דער ארבייט. שטעך, שטעך, פון 6 אין דער פריה ביז 9 ביינאכט! אין דעם ביזי סיזאן, באוועגט מען די נאדלען נאך לענגער, דאן איז, שטעך, שטעך, שטעך ביז איינס, צוויי און דריי א זייגער פארטאג! זייערע צרות ווערען פארטגעזעצט אפילו אין שלאף. זיי זיינען צוזאמענגעשפארט אין שלאף-שטאלען, צעהן אין א פלאץ קוים גרויס פאר צוויי. די נעהטערינס קאנען געוויס פארלאזען דעם שאפ, אבער וואס ערווארטעט זיי פון דער צווייטער זייט מהיר? — הונגער, אויב זיי ווילען זיין ערליך; אויב ניט, איז פראסטיטוציע און איהרע קאנזעקווענצען".

אין דעם זעלבען בוך, „די ווייסע שקלאפען פון ענגלאנד" ווייזט אויף ריטשארד קאברען אויף פעלע, וואו דרעסמאכערינס זיינען בלינד געווארען פון צופיעל ארבייט, איינע ארבייטענדיג 18 שטונדען א טאג, און אמאל נאך מעהר; א צווייטע, וואס איז פארבליבען ארבייטען ניין טעג מיט ניין נעכט, מיט בלויז א שטונדע אפרוה פון צייט צו צייט, און נאך איינע, וואס איז געשטארבען פון איבערארבייטען זיך, האט געארבייט אין דורכשניט 16 און א האלב שטונדען א טאג אין דער געוועהנליכער צייט, און דורכ'ן סיזאן 30 שטונדען.

עס איז גוט איצט צו ווארפען א בליק אויף יענע צושטענדען. זיי ווייזען אונז וואו מיר וואלטען היינט געווען, ווען ניט די ארגאניזירטע ארבייטער-מאכט, וואס האט אימער געקעמפפט צו באקומען בעסערע צושטענדע, דורך ארגאניזאציאן און דורך דער לעגיסלאטור. דער קאמפף פאר'ן געזעץ פון א צעהן שטונדיגען ארבייטס-טאג אין ענגלאנד, אין 1847, וועלכער האט געזיכערט דעם ערשטען אמת'ען זיעג אין דעם קאמפף גאר קירצערע ארבייטס-שטונדען, איז אנגעפיהרט געווארען פאר א משך פון 20 יאהר. דאס איז געווען א זעהר פארביטערטער קאמף, און וואס האט ענדליך געבראכט דעם געזעץ דאס קיין פרוי, אין שאפ אדער פאבריק, זאל ניט ארבייטען מעהר ווי צעהן שטונדען א טאג, איז דעמאלט געמאכט געווארען דער ערשטער שריט אויפ'ן וועג צו דער פיער און פערציג שטונדיגער ארבייטס-וואך פון היינט, די פערציג שטונדיגע ארבייטס-וואך פון דער נאהענטער צוקונפט און די דרייסיג שטונדיגע ארבייטס-וואך, וואס וועט זיכער קומען. אין די פריהערדיגע צייטען, ווען די טרייד-יוניאנס זיינען נאך ניט געווען גענוג ענט-

די שוואכערע, פרויען און קינדער, האבען זיי באהויפטעט, זיינען געווען בארעכטיגט צום שוץ פון שטאאט, אזוי קליין ווי דאס איז געווען! און עס מעג קלינגען פרעמד, עס זיינען אויך געווען אזעלכע „פארטיידיגער" פון פרויען-רעכטע, וועלכע האבען פראטעסטירט געגען דעם שוץ פון פרויען דורכ'ן געזעץ, אויף דעם גרונד, אז דאס וועט שטערען זייער „פרייהייט" צו ארבייטען! נאטירליך, דיעזע פארטיידיגער פון דער פרוי'ס פרייהייט זיינען געווען די פרויען פון דער מיטעל-קלאסע און, גליקליכער ווייזע, איז זייער טענה ניט ווייט געגאנגען. אין מאנכע פעלע האט פאסירט, דאס אין די אינדוסטריען וואו ס'זיינען געווען באשעפטיגט פרויען צוזאמען מיט מענער, האבען די מענער פראפיטירט פון די קירצערע ארבייטס-שטונדען פון די פרויען, ווייל עס האט זיך ניט געלוינט צו לאזען לויפען די מאשינען פאר בלויז א טייל ארבייטער.

דער פראגרעס פון דער טרייד-יוניאן ארגאניזאציע האט געהאט א סך א גרעסערען איינפלוס צו פארקירצען די ארבייטס-שטונדען פון די מענער ווי די פאליטישע אקציאן, און אזוי ווי די פרויען האבען געלערנט דעם לעסאן פון ארגאניזאציאן, האבען זיי אויך פראפיטירט פון דער דירעקטער אקציאן. אין ניו יארק סטייט, למשל, וואו דער געזעץ ערלויבט נאך די ארגאניזירטע פרויען צו ארבייטען פיער און פופציג שטונדען א וואך, האבען די ארגאניזירטע פרויען אין די נארעל טריידס געמאכט זייער איינענע טרייד-יוניאן-געזעץ דורך זייער ארגאניזא-

וואלט דער דזשאדזש אזוי געהאנדעלט, ווען די „פארברעכערינס", וועלכע שטעהען פאר איהם, וואלטען געווען באטש זייערע קוזינעס?

וויקעלט, איז דער קאמפף פאר קירצערע שטונדען מעהרסטענס געפיהרט געווארען דורך פאליטישער אקציאן. עס האט געשיינט צו זיין דער בעסטער וועג. דאן איז אויך אימער געווען א שטארקער סענטימענט צו באשיצען דורכ'ן געזעץ די ארבייטס-שטונדען פון די פרויען. אפילו די גרעסטע איינגעזיגע בעלי בתים זיינען געצוואונגען געווען צוצוגעבען, דאס די צו שווערע ארבייט איז געווען א גרויס געפאהר פאר'ן געזונט פון די מוטערס פון דעם קינפטיגען דור.

די אויספארשונגען פון „פעקטארי קאמישאנס", נאך אין די פריהעסטע צייטען, ווען מאשינען זיינען איינגעפיהרט געווארען, האבען אויפגעוויזען, דאס די קינדער פון ארבייטער קלאס, אין די ארבייטער דיסטריקטען, זיינען אויסגעשטארבען ווי פליגען, ווייל זיי זיינען פארנאכלעסיגט געווארען, צוליעב דעם קראנקען, אויסגעמוטשעטען צושטאנד פון זייערע מוטערס. און אזוי נאך האבען די פרויען, וואס זיינען געווען די ערשטע קרבנות פון דער מאשין-סיסטעם, באקומען כאטש מאנכען שוץ געגען דער געפעהרליכער עקספלואטאציע פון די ארבייטס-געבער.

די מענער-ארבייטער האבען אליין געדארפט באקומען זייער ערלייזונג אין דער פראגע פון שטונדען. די הערשענדע קלאסען האבען זיך געהאלטען ביי דער אלטער פאליסי פון „לאז עס געמאך". זיי האבען גע'טענה'ט, דאס די רעגירונג קען זיך נישט אריינמישען אין דעם, אזוי גערופענעם, „פרייען" קאנטראקט צווישען די ארבייטער און די ארבייטסגעבער. בלויז

ציאן, וועלכע שרייבט איצט פאר צו ארבייטען בלויז פיער און פערציג שטונדען. צעהן שטונדען מעהר לעבען יעדע וואך! איז דאס ניט אליין א גענוגענדע אורזאכע „צו שטעהן" פאר אונזערע יוניאנס?!

די גרויסע באוועגונג, וואס געהט איצט אָן איבער דער גאנצער וועלט, צו פארקירצען די ארבייטס-שטונדען, איז פון א טיפער, גרויסער וויכטיגקייט. אומעטום זיינען איצט מיליאנען ארבייטער אין סטרייק פאר א קירצערען ארבייטס-טאג. איז דאס בלויז א צופאל, דאס אלע זיינען געריהרט געווארען פון דעם זעלבינען אימפולס אין אזא ערנסטער צייט ווי די איצטיגע? ווארום איז דאס, וואס נאך דער טראגעדיע פון דער וועלט-מלחמה, אין דעם ערשטען צוריקקעהר פון די ארבייטער מיט ענטשלאסענהייט צו באנייען די וועלט, האבען זיי זיך גענומען צום שארפען גענעראל סטרייק? עס איז ווירקליך געקומען א נייער טאג, די ארבייטער האבען באשלאסען, דאס זייערע לעבענס וועלען מעהר ניט פארשאכערט ווערען פאר אייגענער וועלכען פרייז, דאס קיינע שכירות, עס מאכט ניט אוים גרויס צו קליין, קאן זיי ניט בעאיינפלוסען צו פארקויפען זייער געבורט-רעכט פאר א טאפ לינזען! ברויט דארפען זיי האבען, אבער מיט ברויט וועט מען זיי ניט קויפען. דער ארבייטער פון היינט איז ניט מעהר דער פאר'חשכ'טער שקלאף פון פופציג יאהר צוריק. ער איז ניט מעהר בלויז א מאשין, — ער האט שוין פארוואס צו לעבען! ער איז א פערזאן. ער לעזט ביכער און געהט אין טעאטער. ער האט זיך געשאפען זיין

איינענע לייברעריס, זיין איינענע
קיישאנעל אינסטיטוציעס. ער האט
אויסגעלערנט צו פארטרייבען זיינע
אין טעאטער און אין דער אפערא. און
ווייל האבען צייט, צייט, צייט פאר
די זאכען. צייט צום עסען, צייט צו
בען, צייט צו זיין גליקליך, צייט צו זיין
מענש! די הערדען פון אלע פריהער
דורות האבען צוגעווארפען דעם הונ
ביין, ווען ער האט געבולען. אבער
ארבייטער האט זיך אויפגעהויבען צו
אמת מענשליכער געשטאלט. ער איז
מעהר צופרידען מיט א ביין. ער
האבען דאס לעבען אין זיין גאנצער
קייט. ער וויל האבען בעסערע שכי
מעהר ברויט, א בעסערע וואוינונג,
נערע קליידער, און ער וויל אויך
בילדונג, מעהר צושטרייאונג, מעהר
געניגען, מעהר רוה, מעהר צייט פאר
דער גרויסער קאמפף פאר קירצערע ש
דען איז, דעריבער, באזירט אויף דעם
וואלוציאנערען פרינציפ פון גלייכהיי
עדמאנד בוירק, באטראכטענדיג
פראנצויזישע רעוואלוציאן (און זייע
אין א זיכערען פלאן), האט אויסגעפ
דאס די ארימע מאסען זיינען פון אנ
נידעריגערן קלאס מענשען און דאס
קיין אנשטרענגונג וואלטען זיי זיך
קאנען אויפהויבען צו דער שטופע פון
„בעסערע" מענשען. אבער דער היי
גער ארבייטער גלויבט ניט אין דעם.
רעבעלירט מיט פיעל פייער געגען
גענד וועלכען לעבענסארט, וואס של
איהם אוים צו געניסען פון לעבען מא
ריעל און גייסטיג. און דאס קאנען
בען מעהר גייסטיגען גענוס, איז וואס
וועגט די ארבייטער צו קעמפפען
קירצערע שטונדען.

דער קאמפף פאר קירצערע ארבייט
שטונדען האט א צווייערליי באדייט
פון איין זייט האט עס א נעגאטי
ווערטה, עס באשרענקט די עקספלואט
ציע פון די מאנופעקטשורער. עס זאגט
איהם: אזוי ווייט זאלסטו געהן און
מעהר! פון דער צווייטער זייט קומט
פאזיטיווע פראגע „וואס זאל איך
מיט דער נייער געפונענער פרייער צייט
„ווי קאן איך דאס פארברויכען פאר
בעסטען נוצען?" פארענטפערענדיג
פראגע, ארבייט ער אוים די פרינציפ
פון א נייעם לעבען, פון אן אמת'ער פ
לעטאריער קולטור. צייט איז א נייע
ווערבונג פון'ם ארבייטער, ער איז
ביז איצט ניט אימשטאנד געווען אוים
ארבייטען א פלאן, ווי אזוי אמבעסט
צו פארנוצען זיין פרייע צייט. די פרוי
ארבייטער, מיט זייערע פיעלע פליכט
קאנען לייכט אוועקפטר'ען די פרייע צ
מיט קליינע זאכען אנשטאט דאס אויס
נוצען פאר'ן געזונד און פאר א גייסטיג
ענטוויקלונג. וויפיעל פון אונז, למש
מאכען דעם בעסטען געברויך פון די ש
נאכמיטאגס, וועלכע מען האט באקומ
פון די באסעס מיט אזוי פיעל שווערינק
טען? די גרופען וואס פארברענגען
דען שבת נאכמיטאג אין אונזערע יוני
צענטערס, פארברויכען זייער צייט א
פארגעניגען, פאר גייסטיגער און קערפ
ליכער ענטוויקלונג. דאס זעלבינע
מען אויך זאגען וועגען די וואס פארברע
גען זייער עקסטרא צייט אין די נייע עד
קיישאנעל אינסטיטוציעס וואס די ארבי
טער באוועגונג האט געשאפען פאר איה
מיטגלידער, וועלכע האלטען זיך אין אי
פארמעהרען. דיעזע ארבייטער האב
געוואונען זייער פרייע צייט צוויי מא
איין מאל ווען זיי האבען דאס באקומ
פון די מאנופעקטשורער און דאס צוויי
מאל, ווען זיי האבען זיך אויסגעלערנ
דאס צו פארברויכען פאר זיך זעלבסט
די ארבייטער באוועגונג דארף און
אויף זיך נעהמען די אנגענעמע אויפגאב
צו ארגאניזירען אינסטיטוציעס וואו
ארבייטער זאלען פארברענגען אויף
אנגענעמען אופן די פרייע צייט, פונק
אזוי שנעל ווי דאס קאן געוואונען ווער
פון די בעלי בתים. אונזער עדיוקיישאנ
אקטיוויטעט דארף זיך אויסברייטען
מעהר. עס קאן זיך אויסדריקען אין
באשאפונג פון ארבייטער-טעאטערס. מ
דראמען געשריבען פאר'ן פאלק און
פאר'ן „אויסגעמאטערטען" ביזנעס מאן
אין קערפערליכע איבונגען און אין שפא
צירגאנגען איבער די פעלדער אויסער
שטאדט, צו געניסען די שעהנקייט פון
נאטור, וואס איז אזוי לאנג געווען א פאר
שלאסען בוך פאר'ן ארבייטער; אין
באשאפונג פון ארבייטער ביבליאטעק
מיט ביכער איבער טעמאס וואס זאלען
וויכטיג און אינטערעסירען די ארבייט
די באשאפונג פון געזעלשאפטליכע
עדיוקיישאנעל צענטרען פאר דער אר
טער באוועגונג, — אט אזעלכע

ניטוועגדינגע יוניאן באדינגונגען.

אייער דעמאנסטראציע נעקסטען מאנטאג, וואס גרעסער זי וועט זיין, דאס אלץ פון גרעסערער וויכטיגקייט וועט זי זיין ניט נאר פאר אייך, נור אויך פאר אלע אייערע ברידער און שוועסטער פון דער ווהייט-גודס אינדוסטריע, פון די ראפער און קימאנא אינדוסטריע און פון דער טשילדרענס דרעס מייקערס אינדוסטריע. אויך אין די אינדוסטריען זיינען די באסעס בלינד. זיי זעהען ניט, וואס פאר א מפלה עס ווארט אויף זיי. טו זאל אייער דעמאנסטראציע פון נעקסטען מאנטאג עפענען אויך זייערע אויגען, אויב אזא זאך איז מעגליך. רעטעט זיי פון זייער משוגעת, פון זייער זעלבסטמארד-משוגעת. גיט זיי דורך אייער דעמאנסטראציע צו פארשטעהן, אז עס איז געפעהרליך אנצופאנגען א קאמף מיט ארבייטער, וואס רעספעקטירען זיך אלס מענשען, וואס וויסען דעם ווערט פון איינינקייט צווישען זיך, און וואס זיינען זיך ווירקליך באוואוסט איבער זייער מאכט און זייער רעכט.

זעהט, ברידער און שוועסטער, אז די דעמאנסטראציע פון נעקסטען מאנטאג זאל ווערען אן עפאכע מאכענדע אין דער געשיכטע פון אייער גרויסע אינטערנעישאנאל. געדענקט, אז דאס קען שוין זיין אייער לעצטע פיקעט-דעמאנסטראציע, אז אויף מארגען נאכדעם, אויב ניט דעם זעלבען טאג, קענען שוין די באסעס קומען צו זייער באזינונג, און אלעס נאכגעבען. טו זעהט דאריבער, אז עס זאל זיין אן וואס צו דערמאנען זיך מיט א געפיהל פון שטאלץ און פרייד, ווען איהר וועט באלד צוריקקעהרען אין אייערע שעפער אלס זיעגער און זיעגרינס.

קיינער און קיינע טאר ניט פעהלען צו דער דעמאנסטראציע נעקסטען מאנטאג פריה. עס איז א גרויסע געלעגענהייט, און עס וואלט געוועזן א זינד צו פארפעהלען. געדענקט, בראווע סטרייקער און סטרייקערנס, אז די וואנט, וואס האט אויסגעזעהן ערשט מיט 4 וואכען צוריק, אזוי פעסט, שאקעלט זיך, ברעקעלט זיך, נאר איין גוטען שטויס, און די צופרוכנעטע וואנט מוז איינפאלען. טו זאל די דעמאנסטראציע פון נעקסטען מאנטאג זיין אט דער גרויסער, דער אלעס-באזיגענדער שטויס.

זאל דער טאג, נעקסטען מאנטאג, זיין אייער פלעג-טאג, אייער יום טוב! זאל אין איהם געפייערט ווערען דער זיעג, וואס איז שוין ביז איצט אויסגעפאכטען געווארען, און דער פולער זיעג, וואס מוז אומבאדינגט קומען.

און ער מוז קומען. אלע גוטע כוחות האבען זיך פאראייניגט אין אייער גרויסען קאמף מיט אייך. די גאנצע שטאדט איז מיט אייך. אלעס, וואס דענקט און פיהלט איידעל און מענשליך, איז מיט אייך. אייער פרעזידענט איז אן אנגעלייגטער גאסט אין די גאר הויכע פענסטער, אין טשווירטשעס און דאמען קלובס, איבעראל וויל מען איהם זעהען און הערען. קיינער, קיינער וויל אבער ניט הערען די באסעס. די שטאדט ווייס, וואס זיי ווילען; און זי האט זיך אומגעקעהרט צו זיי מיט'ן רוקען. ווייזט-זשע זיך דארום אין אייער גאנצער מאכט פאר דער שטאדט, וואס איז מיט אייך אין אזא סימפאטיע, און איהר וועט זעהן, מיט וואס פאר א יובעל זי וועט אייך אויפנעמען.

און נאך אמאל: עס איז דא ניט בלויז אייער קאמף, וועלכער איז שוין זא-ווי-זא א זיכער געוואונענער. עס גילט דא צו געבען א שטארקע ווארנונג צו אלע אנדערע באסעס אין די פארשיעדענע אינדוסטריען, וואס געהערען צו אונזער אינטערנעישאנאל און צו אנדערע, אז זייער סוף קען ניט און וועט ניט זיין קיין אנדערער ווי פון די אסס'ן באסעס פון דער ליידיס ווייסט אינדוסטריע. ווער ווייס, אפשר וועט איהר מיט אייער דעמאנסטראציע העלפען, אז פיעלע אנדערע קעמפפע זאלען אויסגעמידען ווערען דורך דעם, וואס די באסעס וועלען איינזעהן, אז זייער קאמף געגען די ארבייטער איז זינלאז און האפנונגסלאז.

ביי אונז אין לאנד

די וויכטיגסטע פאליטישע און עקאנאמישע פראגען פון טאג.

פון הלל ראגאף.

True translation filed with the Postmaster at New York City, on Feb. 14, 1918, as required by the Act of Congress, approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

טראץ די גרויסע וועלט-געשעהעניסע, דעם פרידענס קאנפערענץ אין פאריז, די פאסירונגען אין דייטשלאנד און אין רוסלאנד, האט די ארבייטער פראגע דא אין לאנד אין די לעצטע טעג זיך ארויפגעשטופט צום סאמע אויבען אן אין דער פרעסע. דיעזע פראגע איז א דאפעלטע: איינס, די גרויסע און אימער וואקסענדע צאהל פון ארבייטסלאזע, און צווייטע, די כוואליעס פון סטרייקס וואס פארשפרייטען זיך איבער אלע טיילען פון דער מדינה.

וועגען די ארבייטסלאזיגקייט ווערט נאך אלץ פיעל גערעדט און גארניט געטאן. דער קריעגס-סעקרעטער בייקער האט פארזיכערט אז יעדער צוריקגעקומענער סאלדאט וועט פארזארגט ווערען מיט ארבייט. עהנליכע ערקלערונגען זיינען געמאכט געווארען פון אנדערע מעכטיגע רעגירונגס-פארשטעהער. דערווייל אבער הערען ניט אויף אנצוקומען טרויעריגע נייעס פון פארשיידענע שטעדט וועגען צונעקומענע דזשאב-זוכער. די ארבייטער מאסען ווערען אונרוהיגער יעדען טאג. מען ריכט זיך אז גאר אין קורצען וועט די צאהל פון די ארבייטסלאזע גרייכען ביז איבער א האלבען מיליאן.

מעהר סענסאציאנעל, נאטירליך, איז די נייעס וועגען די סטרייקס. דעם גרעסטען שטורם האט פאראורזאכט דער סטרייק אין סיאטעל, וואשינגטאן, וואו אלע ארבייטער פון אלע טריידס און אינדוסטריען האבען מיט אמאל אוועקגעלייגט די ארבייט און זיינען ארויס אין א סימפאטי-קאמפף פאר די סטרייקענדע שיףבויער אין יענער שטאדט. סיאטעל איז א וואך צייט געווען אבסאלוט פאראליזירט. קיין קארס זיינען ניט געלאפען, ציימונגען זיינען ניט ערשינען, רעסטאראנען זיינען געווען צוגעשלאסען, סקולס זיינען געווען פארמאכט. די סטרייקערס האבען ארגאניזירט זייער אייגענע גווארדיע צו היטען ארדנונג און געעפענט קיטשענס צו שפייזען די סטרייקערס, וועלכע האבען קיין היימען ניט געהאט און געמוזט עסען אין רעסטאראנען.

די שטאדט בעאמטע, איבערהויפט דער סיטי מעיאר, האבען די סטרייקערס פארדאמט און געסטראשעט זיי מיט די שרעקליכסטע שטראפען. די ביזנעס לייט און באסעס האבען באקאנט געמאכט די וועלט, אז דאס איז ניט קיין סטרייק נאר א רעוואלוציאן, און נאך א באלשעוויסטישע רעוואלוציע דערצו. די פעדעראלע רעגירונג האט בארשפראכען צו שיקען סאלדאטען, אויב עס וועט נויטיג זיין.

די קאנסערוואטיווע יוניאן פיהרער זיינען אויך געווען געגען סטרייק, און זיי האבען פון ערשטען טאג אן געוואלט איהם צוברעכען. ווען דיעזע שורות ווערען געשריבען, קומען פון סיאטעל אן ווידערשפרעכענדע באריכטען וועגען דעם צושטאנד פון סטרייק. ווי ער זאל זיך אבער ניט ענדיגען, איין רעזולטאט וועט ער האבען, ער וועט אויפטרייסלען די אלטע קאנסערוואטיווע יוניאן פיהרער און וועט זיי מאכען אביסעל נאכצודענקען וועגען זייער טאקטיק און זייערע באציהונגען צו דער מעמבערשיפ. די פיהרער פון די יוניאנס דארטען וועלען מוזען ווערען ראדיקאלער, זיך מוזען מעהר רעכענען מיט דעם ווילען און ווינשע פון די רענק און פייל, אדער אפטרעטען זייערע עמטער פאר אנדערע.

פיעל ערנסטער, כאטש ניט אזוי סענסאציאנעל, איז דער סטרייק אין ביוט, מאנטאנא. דארטען זיינען אן ערך פון 60 טויזענט מיינערס ארויס אין קאמפף ניט צו דערלאזען די בעלי בתים אראפצושניידען די וויידזשעס. אין די מלחמה יאהרען, ווען די נאכפראגע אויף קופער איז געווען גרויס און די קופער מאגנאטען האבען געמאכט ריזיגע פראפיטען, איז עס געלונגען די ארבייטער אויפצוהויבען זייערע ווידזשעס. איצטער, אז די נאכפראגע אויף קופער איז אביסעל געפאלען און אין די נאסען געפינען זיך א סך ארבייטסלאזע, ווילען די מאגנאטען צוריק די ווידזשעס פארקלענערען, כאטש זיי וויסען גאנץ גוט, אז דער יקרות אויף לעבענסמיטעל איז ניט פארקלענערט געווארען.

אין ביוט, מאנטאנא, קומט שוין לאנג פאר א קאמפף צווישען די קאנסערוואטיווע און ראדיקאלע ארבייטער. אין דיעזען סטרייק, ווייזט אויס, האבען די ראדיקאלען די אויבערהאנד, פונקט ווי אין סיאטעל; און זיי זיינען געגאנגען נאך ווייטער ווי די סיאטלער סטרייקער. זיי האבען ארגאניזירט סאוועטען. צווישען די סטרייקערס זיינען פאראן א סך צוריקגעקומענע סאלדאטען — טראגען די סאוועטען דעם נאמען ארבייטער און סאלדאטען ראטען. די בעלי בתים האבען דעם שיף און סאלדאטען, וועלכע באוואכען די מינעס און ערלויבען ניט די ארבייטער צו פיקעטען, ספעציעל לאזען זיי ניט די סטרייקער-סאלדאטען זיי זאלען ארומגעהן פיקעטען.

א העכסט אינטערעסאנטע און באדייטונגספולע פאסירונג אין דיזען סטרייק איז די פאלגענדע: מאנטאג פריה, ווען די סטרייקערס זיינען ארויס געפאהרען אויף די שטאדט קארס צו פיקעטען די מיינס, וועלכע געפינען זיך אונטער'ן שטאדט, האבען סאלדאטען אפגעשטעלט די קארס און באפוילען די פיקעטס אומצוקעהרען זיך צוריק. די ארבייטער, וועלכע האבען פארזיכערט, אז זיי פאהרען סקעבען, האט מען ערלויבט אויף די קארס צו פארבלייבען. אזוי שנעל, ווי מען האט זיך אבער דערוואוסט אין די העדקווארטערס פון דער קאר-ארבייטער יוניאן, איז ארויסגעגעבען געווארען א באפעהל צו די קאר ארבייטער צו סטרייקען, און דער קאר-פארקעהר איז אפגעשטעלט געווארען.

דער דזשענעראל סימפאטי סטרייק אין סיאטעל, דער סימפאטי קאר-סטרייק אין ביוט, מאנטאנא, ציינען אן אויף א גאנץ נייעם גייסט אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. זיי ציינען אז אין דער היגער ארבייטערשאפט ענטוויקעלט זיך א קלאסען-באוואוסטזיין, א קלאסען-סאלידאריטעט, וועלכע זיינען דא ביז איצט פרעמד געווען.

* * *

דער סטרייק אין פעטערסאן איז אויך א ראדיקאלער. די פאדערונג פון די ארבייטער איז אייגענטליך גאר ניט ראדיקאל. זיי ווילען ארבייטען 48 שטונדען א וואך און קריגען דיזעלבע וויידזשעס ווי זיי האבען פריהער באקומען פאר 54 שטונדען. מעהר ניט, די פיהרער פון סטרייק זיינען גראדע פון לינקען פליגעל פון דער באוועגונג. דאס גיט די בעלי-בתים א געלעגענהייט צו שרייען קאראול, אז דאס איז א „רעוואלוציאן פון רויטע", פון באלשעוויקעס, און דאס גיט דער פאליציי א רעכטפערטיגונג פאר באהאנדלען גרויזאם די סטרייקערס.

אז א נייער ראדיקאלער גייסט דרינגט דורך די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, אז די אמעריקאנער ארבייטער פאנגען אן צו קוקען אויף זיך אליין מיט גאנץ אנדערע אויגען, ווי זייערע אייגענע פיהרער האבען אויף זיי פריהער געקוקט, איז צו זעהן פון פיעלע גרויסע און קליינע געשעהעניסע אין דער וועלט פון קאפיטאל און ארבייט. די דערמאנטע סטרייקס זיינען א טייל פון די שלאגענדע באווייזע. אט איז א גאנץ אנדער סארט פאסירונג פון וועלכען מען קען לערנען דעם זעלבען לעסאן.

דאס לאנד ברעכט זיך איצט דעם קאפ ווי צו לעזען די ריילראוד-פראגע. די רעגירונג האלט איצט די באהנען אונטער איהר קאנטראל. די קאמפאניעס פאדערען מען זאל זיי עס צוריקגעבען. פארשידענע שוועריגקייטען שטעהען אין וועג, פארשיעדענע פלענער ווערען פארגעשלאגען ווי אזוי די שוועריגקייטען צו באזייטיגען. אין די פיעלע מאנאטען, וואס די פראגע ווערט דיסקוטירט, האט מען ערהאלטען פלענער פון די וואס האבען געפיהלט אז דאס איז זייער אנגעלעגענהייט, פון די קאמפאניעס, פון די לאיערס, פון באנקירען, פון רעגירונגס בעאמטע און אזוי ווייטער.

פלוצלונג איז ענדע לעצטער וואך אין וואשינגטאן ערשינען א פארשטעהער פון די ארבייטער, פון די צוויי מיליאן ארגאניזירטע ריילראוד ארבייטער, און ערקלעהרט אז ער האט א שפאגעל נייעם פלאן אין נאמען פון די ארבייטער. און טרעפט וואס דער פלאן איז? גאנץ פשוט, אז די רעגירונג זאל אפקויפען די באהנען פון די קאמפאניעס און זיי איבערגעבען צו די ארבייטער, זיי זאלען די באהנען פארוואלטען!

האט איהר שוין אזוינס ווען עס איז אין אמעריקא געהערט? דאס איז דאך כמעט, כמעט סאוויעטען הערשאפט.

דער פלאן פון די ארבייטער איז נאטירליך מעהר קאנסערוואטיוו ווי די סאוויעטען-פארוואלטונג אין רוסלאנד. זיי ווילען, אז די רעגירונג זאל זיין די אייגענטימערין פון די ריילראודס און אז די ארבייטער זאלען איהר צאהלען רענט. אויב עס וועט זיין פראפיט, איז ביז פינף פראצענט זאל עס געהן צו דער רעגירונג, איבער פינף פראצענט זאל עס צוטיילט ווערען צווישען די ארבייטער און דער רעגירונג. אויב עס וועט זיין פארלוסטען, זאל די רעגירונג ליידען אין גאנצען.

די קאפיטאליסטישע פרעסע האט פארשטעהט זיך פון דיעזען פלאן זיך גוט אויסגעלאכט. און מיר גלויבען אויך, אז פון איהם וועט גארניט ווערען. די וואשינגטאנער רעגירונג וועט איהם זיכער ערנסט ניט באטראכטען. אבער וויכטיג איז, אז די ארבייטער ווילען, אז זיי האבען די איבערצייגונג, דאס עס קומט זיי, דאס זיי זיינען בארעכטיגט דערצו אז די באהנען זאלען פארוואלטעט ווערען פון זיי אליין און אז די אמת'ע בעל הבית'טע פון די באהנען זאלען זיין ניט פריוואטע קאמפאניעס נאר די רעגירונג.

* * *

דער פראהיבישאן אמענדמענט, ווייזט אויס, וועט ניט אפלויפען אזוי גלאט. טראבעל ווערט ערווארטעט פון פארשיעדענע קוואלען. ערשטענס, הערשט גרויס אונצופרידענהייט צווישען די ארבייטער פון געוויסע טריידס. אין ניו דזשוירזי האבען געוויסע יוניאנס געפאסט רעזאלוציאנען, אז זיי וועלען סטרייקען אויב מען וועט זיי פארוועהרען צו טרינקען ביער. עהנליכע סטראשונקעס הערען זיך פון ארבייטער אין אנדערע סטייטס. די פארשטעהער פון דער פראהיבישאן באוועגונג לאכען זיך אויס דערפון. ווי ערנסט דיעזע פראטעסטען פון די ארגאניזירטע ארבייטער וועט זיין וועט מען ערשט זעהן אין א יאהר ארום ווען דער נייער אמענדמענט וועט אריין אין קראפט.

טראבעל ווערט אויך ערווארטעט פון אויסלאנד. אין די אמעריקאנער ברוערי קאמפאניעס און ווייז אינדוסטריע איז דא א ריעזיגע סומע אינוועסטעט פון מיליאנערען אין ענגלאנד און איטאליען. מען רעכענט אז דיעזע סומע גרייכט אין הונדערטע מיליאנען. טענה'ן דיעזע אינוועסטארס, אז זיי וועלען ניט ערלויבען דער אמענדמענט זאל פארניכטען זייער אייגענטום און זיי ערקלעהרען, אז זיי וועלען האלטען די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען פאראנטווארטליך פאר דיעזע אינוועסטמענטס.

און זייער טענה שטיצען זיי אויף דער שטעלונג וואס אמעריקא נעהמט אן אין אן עהנליכען פאל אין מעקסיקא. די מעקסיקאנער רעגירונג האט געמאכט א געזעץ, וועלכער באגרענעצט די קאנטראל וואס פריוואט קאפיטאליסטען קענען האבען אויף אויל-קוואלען אין מעקסיקא. דיעזער געזעץ האט אנגעריהרט די אינוועסטמענטס וואס אמעריקאנער קאפיטאליסטען האבען געמאכט פריהער אין די אויל קאמפאניעס פון מעקסיקא. געהט איבער דעם אן א סכסוך צווישען אמעריקא און דער מעקסיקאנער רעגירונג. אמעריקא באהויפטעט, דאס איהרע קאפיטאליסטען האבען אינוועסטעט זייער געלד אין די מעקסיקאנער אויל קוואלען בשעת דער איצטיגער געזעץ האט ניט עקזיסטירט. ווי אזוי אלזא קען די מעקסיקאנער רעגירונג איצטער זיי בארויבען פון זייערע אינוועסטמענטס דורך א נייעם געזעץ.

נו, זאגען די ענגלישע קאפיטאליסטען, וועלכע האבען אינוועסטעט געלד אין די היגע ביער-ביזנעס, אז זיי האבען די זעלבע טענה. דער ענטפער פון אמעריקא, אז דער פראהיבישאן-אמענדמענט איז א געזעץ צו פארהיטען די מאראל פון לאנד און אז מאראל שטעהט העכער פון אלץ, קען דאך באנוצט ווערען פון מעקסיקא אויך. זי קען דאך טענה'ן, אז

(שלוס אויף זייט 18)

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Sec'y-Treas.; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. Friday, February 14, 1919. No. 5.

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

אונזער אינטערנעשאנעל איבער'ן לאנד

פון מאקס ד. דעניש.

מאנטרעאל לעבט אויף!

די קלאוקמאכער יוניאן אין מאנט-רעאל, קאנאדא, האט די לעצטע צוויי יאהר געהאט דורכצוגעהן א שווערען וועג. דער אויסגאנג פון דעם סטרייק אין יאהר 1917 האט ביז א געוויסען גראד דעמאראליזירט די ארבייטער און האט אונטערגעבראכט די ארגאניזאציאן.

מען דארף האבען אין זינען, דאס די קלאוקמאכער פון מאנטרעאל זיינען פון גאר א באזונדער שטאנד און כאראקטער. מאנטרעאל באקומט א גרויסע צאהל פון איהרע קלאוקמאכער פון אנדערע שטעדט, פון ניו יארק, שיקאגא, קליוולאנד, סינ-סינעטי און נאך אנדערע פלעצער, — און דיזער ניט באשטענדיגער, וואנדערענדער עלעמענט איז אימער געווען א גרויסע היג-דערניס דארטען צו ארגאניזירען א פעס-טע, סאלידע יוניאן. דאך אבער, אין מאנטרעאל, ווי אין אנדערע שטעדט, איז אימער געווען א גרופע פון איבערגעבענע, לאיאלע ארבייטער, אויף וועלכע עס האט ניט געווירקט קיין נידערלאגע און די אר-גאניזאציאן פון ארבייטער איז געווען ביי זיי דאס גאנצע לעבען! דורך די לעצ-טע צוויי פינסטערע יאהר האבען זיך די-זע מענשען פעסט צוזאמענגעהאלטען, און איצטער, ווען דער שטורם איז פאראיבער און עס קעהרען זיך אום די פריהערדיגע נארמאלע אומשטענדען, האבען זיי אנ-געפאנגען אן ארגאניזאציאנס קאמפיין, וואס מוז ברענגען גוטע רעזולטאטען.

נאטירליך, אונזער אינטערנעשאנעל ניט יערע מעגליכע הילף פאר די ארגאני-זאציאנס-ארבייט, וואס ווערט איצט אנ-געפיהרט אין מאנטרעאל. אונזער ערשטער וויס-פרעזידענט, ברודער עלמאר ראזענ-בערג, האט לעצטען מאנאט דעצעמבער פארבראכט א וואך אין מאנטרעאל, אלס ספעציעלער שליח פון דער אינטערנעשא-נעל און האט דארט אדרעסירט פיעלע פארזאמלונגען. אט וואס עס שרייבט אונז ברודער דזשאזעף שוברט, דער אונער-מידליכער סעקרעטער פון דעם מאנטרעא-לער דזשאינט באארד:

„מיר ארבייטען מיט גרויס התלהבות אויפצובויען די יוניאן און מיר זיינען ביז צו א גרויסען גראד ערפאלגרייך. איך האף, דאס אין א פאר וואכען ארום וועל איך אייך קאנען צושיקען א גאנץ ער-פרעהענדען באריכט, א גאנץ אנדערן, ווי מיר פלעגען אייך שרייבען בעפאר. איך גלויב, דאס נאכדעם ווי ברודער עלמאר ראזענבערג האט אייך אפגעגעבען א בא-ריכט לעצטען מאנאט, זייט איהר איבער-צייגט, דאס נאך אלעמען איז ביי אונז „דער טייוועל ניט אזוי שווארץ ווי מען מאלט איהם". אודאי איז נאך ביי אונז אלץ ניטא קיין ראשיגע יוניאן באוועגונג. מיר ווייסען אלע, דאס מיר דארפען האבען געדולד, זיין ענערגיש און איבערגעבען, אום צו זיין מעהר ערפאלגרייך. אזעלכע איינגעשאפטען זיינען פונקט אזא זעלטענ-הייט אין מאנטרעאל, ווי דאס איז אין ניו יארק, שיקאגא אדער קליוולאנד. אבער נאך די מאסענפארזאמלונגען וואס מיר האבען דא געהאט לעצטען מאנאט, און לויט דעם ערנסטען באשלוס פון אונזערע קלאוקמאכער צו האבען א יוניאן, און א שטארקע יוניאן, פיהלען מיר דא אלע, דאס באלד, באלד און מיר וועלען עס האבען".

„אין פארלויף פון לעצטען מאנאט הא-בען אלע אונזערע לאקאלס געהאט וואה-לען פאר בעאמטע און דער נייער דזשאינט באארד איז צוזאמענגעשטעלט פון פרישע קרעפטען, פון מענער וואס האבען זיך לעצ-טענס געשטעלט אין די פאדערשטע ריי-הען. מיר ווייסען, דאס פאר אונז איז זעהר וויכטיג צו האבען פון צייט צו צייט א רעדנער פון ניו יארק, אבער מיר ווייסען שוין אויך, דאס מיר מוזען זיך מעהר-סטענס פארלאזען אויף אונזערע אייגענע כחות און דאס וועלען מיר פון איצט אן טאן".

צווישען די ריינקאוט מאכער.

נאך דער אויסערגעוועהנליכער „פרא-ספעריטי" פון די לעצטע פאר יאהר אין דער ריינקאוט אינדוסטרי, געפינט זי זיך איצט אין א איבערגאנגס-פעריאדע, א צושטאנד פון „איבערבויאונג". עס איז איצט נאך צו שווער פאראויסצוזאגען דעם איינפלוס פון דעם נייעם צושטאנד אויפ'ן טרייד אין אלגעמיין, און באזונדער אויף די ארבייטער אין דעם פאך. די צאהל פון ארבייטסלאזע אין דעם פאך איז דער-ווייל נאך ניט גאר גרויס. אין די שעפער איז נאך דא ארבייט. מעהר ניט, די קלאוקמאכער, וואס זיינען אריינגעקומען אין דער ריינקאוט אינדוסטריע אין דעם גרויסען ברען, זיינען אוועק צוריק צו זייער טרייד. די צאהל ריינקאוט מאכער, וואס איז ארויסגעפאלען פון טרייד, איז ניט גאר באדייטענד.

אין אלגעמיין קאן מען זאגען, דאס די לאקאלס פון די ריינקאוט מאכער אין ניו יארק און אין דער קאנטרי זיינען אין א גו-טען צושטאנד. לאקאל 20, אין ניו יארק, האט לעצטען מאנאט אומגעביטען די בע-אמטע דורך אן עלעקשאן, א פאסירונג וואס איז באגלייט געווארען פון אביסעל אויפרעגונג אין דעם לאקאל. די נייע פראבלעמען אין דעם ריינקאוט טרייד, ווי מיר האבען בעפאר אנגעוויזען, וועלכע וואקסען ארויס פון דעם איבערגאנג פון מלחמה צו א שלום צושטאנד, וועלען נאך אודאי אצינד קומען אין דעם נייעם עקזע-קוטיוו באארד פון לאקאל 20 וועט נאך מסתמא אויסקומען זיי אויפצונעמען, און צו ווייזען דאס ער איז פעהיג זיי צו ליי-זען.

אין באסטאן איז די ריינקאוטמאכער יוניאן, לאקאל 7, אין דעם זעלבען גוטען צושטאנד. אין די שעפער איז נאך דא ארבייט, די מיטינגען פון דעם לאקאל ווע-רען גוט באזוכט און די לאקאל טרעזשורי איז אין א גאנץ פיינעם צושטאנד. און דאס זעלבע קאן מען אויך זאגען וועגען די שיקאגא ריינקאוטמאכער יוניאן, לא-קאל 54, וועלכע האט דורכ'ן לעצטען יאהר און א האלב געהאט אייניגע שטורמישע צוזאמענשטויסען מיט מאנכע פון די גרוי-סע פירמען אין יענער שטאדט.

אין דער שטאדט ראסינע, וויסקאנסין סטייט, געהט איצט אן א סטרייק אין דער גרויסער פעקטארי פון דער שיקאגא ראב-בער קאמפאניע. דער סטרייק האט זיך אנגעהויבען ביי די „שטעפער", האט זיך נאכדעם פארשפרייט איבער אלע אנדערע דעפארטמענטס, ביז די גאנצע פעקטארי האט זיך געמוזט אפשטעלען. דער סטרייק ווערט אנגעפיהרט פון מיס איידא גלאס, ארגאנייזערין פון דער אמעריקען פעדעריי-שאן אוו לייבאר און שטעהט אונטער דער אויפזיכט פון דער „וויסקאנסין סטייט פעדעריישאן אוו לייבאר". יענע סטריי-קער האבען זיך געווענדט צו אונזער אינ-טערנעשאנעל נאך א טשארטער פאר א לאקאל יוניאן, אין וועלכען עס האבען זיך שוין איינגעשריבען איבער צוויי הונדערט מיטגליעדער. עס איז ניטא קיין צווייפעל אז דער סטרייק וועט געוואונען ווערען, און די פעקטארי, וועלכע איז בעפאר געווען דער אנטי-יוניאן פעסטונג פון אט דער גרויסער קאמפאניע, וועט אין דער נא-הענטער צוקונפט ווערען א פאלשטענדיגער יוניאן שאפ.

די קארסעט ארבייטער אין קאנעק-טיקוט סטייט.

אונזערע לאקאלס פון די קארסעט אר-בייטער אין קאנעקטיקוט סטייט האבען אין די לעצטע עטליכע מאנאטען שטארק אויפגעלעבט. דעם אמת זאגענדיג, הא-בען די לאקאלס 33, 34 און 39 פון ברידזשפארט און ניו הייווען די לעצטע צוויי יאהר זיך געפונען אין א ניט זעהר גוטען צושטאנד. די כוואליע פון באגיי-סטערונג, וואס האט אין יאהר 1915 גע-בראכט דיזע לאקאלס צום לעבען, איז ביסלעכוויז פארשוואונדען און עס האט זיך אנגעפאנגען א געשלעפטער לעבען. די לאקאלס האבען ניט געהאט קיין קאמפפס-פראגראם און זייער מעמבערשיפ האט זיך גענומען פארקלענערן. הויפטזעכליך איז דאס געווען דער פאל מיט די אונגארישע און איטאליענישע מיידלעך, וואס רעדען ניט די ענגלישע שפראך. זיי זיינען גע-ווארען גלייכגילטיג, האבען אויפגעהערט קומען צו די מיטינגען און האבען אויפגע-הערט צאהלען דיוס. אין דער זעלבער מאס איז אויך שוואכער געווארען דער איינפלוס פון די יוניאן אויף דער דארטי-גער אינדוסטריע.

דער אונגארמאלער אינדוסטריעלער צושטאנד, וואס איז אין יענער שטאדט געשאפען געווארען דורך די מלחמה, האט אויך געשפיעלט א באדייטענדע ראלע אום אפצושוואכען דיזע לאקאל יוניאנס. ברידזשפארט און ניו הייווען זיינען אין די לעצטע פאר יאהר געווען גרויסע צענט-רען פון מלחמה אינדוסטריע. די אמוני-שאן פעקטארים האבען, דורך זייערע העכ-ערע ווידזשעס צוגעצויגען צו זיך פיעלע ארבייטער פון די רייהען פון קארסעטען מאכער, און צייטענווייז זיינען די קאר-סעט שעפער גופא פארוואנדעלט געווארען אין פאבריקען, וואו עס איז געמאכט גע-ווארען 50 פראצענט מלחמה ארבייט. די שאפ-קאמיטעס, וועלכע זיינען געשאפען געווארען אין 1915 צו פארהאנדלען מיט די פארליים און אויפזועהער אין די קאר-סעט שעפער, האבען ביסלעכוויז פאר-לארען זייער מאכט און כמעט אין גאנצען אויפגעהערט צו פונקציאנירען.

די ענדע פון דעם קריעג האט גלייך געבראכט מיט זיך א צאהל נייע פרא-בלעמען פאר די קארסעט מאכער. צו-ערשט קומט די פראגע פון ארבייטסלא-זיגקייט, וואס איז געשאפען געווארען דורך דעם וואס פיעלע פרויען ארבייטער זיינען „אפגעלייגט" געווארען אין די אמונישאן פאבריקען און זיינען געקומען צוריק אין די קארסעט שעפער. גליקליכערווייז איז דאס פראבלעם גיך געלעזט געווארען; די קארסעט שעפער האבען זיך באלד נעקעהרט צו זייער נארמאלען צושט און די ארבייטער האבען באקומען ב שעפטיגונג. דאן קומט די פראגע פון א גאניזאציאן. אין ברידזשפארט זיינען איבער 6000 קארסעט מאכער און אר 3000 אין ניו הייווען, און א בלויז א קל נער טייל פון זיי האבען באלאנגט צו ד יוניאן. אונזער דזשענעראל אפיס הא דארט דורך דער צייט געהאט אן ארג נייזער, אבער ווי לאנג די אונגארמא אינדוסטריעלע צושטענדע האבען אנג האלטען, איז ניט געווען צוועקמעסיג א צופאנגען אן ארגאניזאציאנס קאמפיין.

מיט פיער מאנאטען צוריק האט אינטערנעשאנעל געשיקט אין קאנעקט קוט סטייט צוויי ארגאנייזער, מיס פא מ. קאהן און סעמועל לעפקאוויטש, א זערע וויס-פרעזידענטס. מיס קאהן א דארט געווען בלויז א קורצע צייט, ווע רענד ברודער לעפקאוויטש איז נאך דא היינט אויך דא. זיין ארבייט דארט הא אריינגעבראכט נייעס לעבען אין די ל קאלס. ער האט ארגאנזירט מיטינג מיט איטאליענישע און אונגארישע רע נער און א סיסטעמאטישער ארגאניז ציאנס קאמפיין האט זיך אנגעפאנגען.

די קארסעט ארבייטער פון ניו ענ לאנד זיינען בלויז א קליינער טייל פון ד גרויסער צאהל קארסעטמאכער איבע גאנצען לאנד. פארהעלטניסמעסיג הערש אין דעם טרייד לאנגע ארבייטס-שטונד און נידעריגע שכירות און צווישען די א בייטער איז דא א גוטער פעלד פאר א גאניזאציאן און ערציהונגס ארבייט. איז וויכטיג אוועקצושטעלען א פעסט פונדאמענט פאר ארבייטער ארגאניז ציאנס טעטיגקייט אין די קאנעקטיקו שעפער, צו געווינען בעסערע ארבייטס באדינגונגען און אריינצונעמען יעדען א בייטער, פרוי אדער מאן, אין דער יוני און דא וועט זיין לייכטער צו געווינען אר אונזער זייט די קארסעט מאכער פון דע „מידעל-וועסט", די ארבייטער פון די קא סעט שעפער אין דער וועסט און אזוי נא פעסטשטעלען גלייכע ארבייטס באדינגו גען אין דער גאנצער אינדוסטריע.

צווישען די קלאוקמאכער אין סינסינעטי.

אונזער דזשענעראל ארגאנייזער, בר דער אב. שניידער, שרייבט אונז:

„אונזער אגרימענט האט זיך געענ דיגט דעם 1טען פעברואר און מיר האב ארויסגעשטעלט נייע פאדערונגען צו ד מאנופעקטשורערס. ווי געוועהנליך, הא בען מיר געהאט א מאס מעמבער מיטי צו דיסקוטירען און שטימען וועגען דיזע פאדערונגען, און עס טוט אונז זעהר ליי וואס צוליעב דעם סטרייק פון די וויסט מאכער אין ניו יארק איז געווען אונמעג ליך פאר פרעזידענט שלעזינגער צו זיין ב אונז. און איך קאן אייך זאגען, דאס או דער געלעגענהייט האבען מיר געווארט שוין פון א לאנגער צייט. נאטירליך, ד גרעסטע אויפמערקזאמקייט אין דער ס טואציע ציהט אויף זיך די פירמע בישאפ סטוירן און סטאן, דער גרעסטער שא אין דער שטאדט. אבער מיר ערווארט ניט קיין טראבעל, מיר האבען גענוג גרונ צו גלויבען דאס אין א קורצער צייט וועל מיר האבען אונטערשריבען אגרימענט מיט אלע אונזערע פירמען.

אט זיינען אונזערע פאדערונגען:

מיר פארלאנגען 33 דאלאר א וואך פאר קאטערס, 32 דאלאר א וואך פא סעמפעלמאכער, 28 דאלאר א וואך פא שניידער און אן אלגעמיינע העכערונג פו 2 דאלאר א וואך פאר אלע אנדערע וואך ארבייטער.

מיר פארלאנגען אויך 90 סענט א שטונדע פאר קלאוק אפרייטארס, 75 סענט א שטונדע פאר סקירט אפרייטארס, 85 סענט א שטונדע פאר פרעסער און 75 ס א שטונדע פאר פינישער, און מיר ערווארט טען דאס צו באקומען.

מיר האבען דא געהאט א צוזאמענ שטויס אין א רעינקאוט שאפ און מיר הא בען פארלארען די קאנטראל איבער איהם ווייל מיר האבען ניט געקענט צושטעלען דער פירמע א יוניאן לייבעל. כאטש די זער איינצעלנער פאל איז ניט, לויט אונ זער מיינונג פון גרויס וויכטיגקייט, קען אבער די פראגע פון א לייבעל אויף רעינ קאוטס זיין פאר די אינטערנעשאנעל צו באטראכטען.

עס זיינען נאך דא אנדערע ריינקאוט שעפער אין דער מידל-וועסט, וועלכע וואל טען ליבט געקענט ארגאניזירט ווערען דורך אונזער אינטערנעשאנעל יוניאן, ו מיר וואלטען קאנען באווארענען די פירמ מיט א יוניאן לייבעל".

מעהר פראזאאישען נאמען: „די פעקטא-רי פון גרינס". נאר וואס דער ריכטיגער נאמען זאל ניט זיין, ארבייט איז דארט דא איבערגענוג און פיעלע אינטערעסאנטע בילדלעך קען מען דארט באמערקען. מיר וועלען דא פארצייכענען אייניגע פון זיי.

„מי נא יוניאן — מי נא סקעב".

א פיקעט קאמיטע האט געבראכט די ארבייטער פון א שאפ אין האל. דער האל-טשערמאן האט א מיטינג מיט זיי. ער רעדט צו זיי ווע-גען די נויטיגקייט פון צו זיין ארגאני-זירט און וועגען די פליכטען פון יוניאן לייט. זיי פארשטעהען איהם און ערוועה-לען א שאפ-טשערליידי און א סטרייק-קאמיטע. אלעס שיינט צו זיין גוט. נאך אט שטעלט זיך אויף אן איטאליענערין און אין א גאנץ ערלעכן טאן ערקלערט זי איהר פילאזאפיע וועגען זיין רעדע: „מיסטער, מי נא יוניאן — מי נא ווארק".

נאטירליך איז איהם ביטער און פינ-סטער געווארען אין די אויגען, און ער נעהמט זיך ווידער צו מיטען מיט זיי. ער ערקלערט זיי ווידער די אויפגאבען פון דער יוניאן און צווישען אנדערעס דער-צעהלט ער, אז די יוניאן הויבט אן צו צאהלען סטרייק-בענעפיט צו די סטרייק-קערס, אבער אז די וואס סקעבען, קענען ניט האבען קיין אונטערשטיצונג א. א. וו.

באלד שטעלט זיך אויף דיזעלבע אי-טאליענערין און אין א שמייכלען טאן ער-קלערט זי ווידער איהר פילאזאפיע: „מיסטער, מי נא סקעב, עוורי-באדי סטרייק — מי סטרייק".

דער שאפ וויל אויפמערקזאמקייט.

דינסטאג פריה.

די דיסטריקט טשערליידי מאכט דעם ראונד פון אלע שעפער אין אונזער עלים-איילאנד און איין שאפ פעהלט. מען לאזט זיך זוכען דעם שאפ איבער'ן אינ-זעל, נאר עס איז ווי אין וואסער פאר-שוואונדען. באלד ווערט צוזאמענגע-שטעלט א קאמיטע און מען געהט אוועק צו דער פעקטארי און דער-אוצר איז גע-פונען געווארען. ווידער ברענגט מען זיי אין דער פעקטארי פון גרינס.

די דיסטריקט טשערליידי האלט זיי פאר פאר זייער האנדלונג:

„סטייטש, טענה'ט זי צו זיי, „נעכטען זייט איהר אליין געקומען אין האל, ער-קלערט א סטרייק, און היינט זייט איהר ווידער אוועק צו דער ארבייט, אט אזוי האנדלען עס באוואוסטזיניגע ארבייטער?"

דער עולם פיהלט נאך פארשעהמט, נאר באלד שטעלט זיך אויף אן עקזאמ-נערין און ערקלערט די אורזאכע: „מיר זיינען נעכטען דא געווען א גאנצען האל-בען טאג און מען האט אונז ניט געגעבען קיין אויפמערקזאמקייט. יעצט זעהען מיר, אז איהר האט אונז אין זינען, וועל-לען מיר טאקי בלייבען דא מיט אייך, אונ-זער שאפ וויל אויפמערקזאמקייט".

א מערקווירדיגע שעהנע פערזאמלונג פון קלאוקמאכער

פון ל. פינקעלשטיין.

דער מיטינג, וואס דער ניו יארקער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן האט איינגערופען לעצטען דאנערשטאג אווענט, דעם 6טען פעברואר, אין קופער יוניאן, איז געווען איינער פון די שעהנסטע פערזאמלונגען, וואס די קלאוקמאכער יוניאן האט ווען עס איז געהאט.

יענער מיטינג איז ניט גערופען געווארען פאר דער „רענק און פייל", פאר אלע מיטגליעדער פון דער יוניאן. צום מיטינג זיינען בלויז גערופען געווארען די שאפ-טשערליים און פרייז קאמיטעס, די פארטרעטער פון דער יוניאן אין די קלאוק, סקוירט און ריפער שעפער פון ניו יארק. און וואס פאר א שעהנער און גרויסער עולם עס איז אהן עין הרע צוזאמענגעקומען! דער גרויסער קופער יוניאן האל איז אין גאנצען אנגעפילט געווען מיט אט די יוניאן-בעאמטע, די פיהרער און אויפפאסער פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין שאפ.

אחוץ די גרויס האט זיך די פערזאמלונג אויך שטארק אויסגעצייכענט אין אינטעליגענץ, אין ערנסטקייט, אין רוהיגקייט און אין דעם גרויסען ענטוזיאזם, וואס האט זיך געפיהלט איבער'ן גאנצען האל. עס וועט ניט זיין א האר איבערטריבען צו זאגען, דאס די קלאוקמאכער יוניאן האט שוין לאנג, לאנג ניט געהאט אין ניו יארק אזא שעהנעם, ערהאבענעם מיטינג.

און ווי עס איז געווען די פערזאמלונג, אזוי זיינען אויך געווען די רעדנער. די רעדען פון אלע רעדנער, אהן אויסנאהמע, האבען פאלשטענדיג הארמאנירט מיט דעם גייסט פון דעם מיטינג! אלע רעדנער האבען גערעדט אזוי קלאר און איבערציינענד, דאס עס איז געווען אן אמת'ער פארגעניגען, א גרויסער גייסטיגער נענוס צו זיצען און הערען. און דער עולם האט זיך טאקע געשפאנט צוגעהערט צו יעדען רעדנער, ממש געשלונגען יעדען ווארט און ווארים זיי אפלאדירט.

א באזונדערס ווארימע אויפנאהמע, א שטורמישע אוואציע, האבען באקומען פרעזידענט שלעזינגער און גענ. ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט". אבער לאמיר ניט, ווי מען זאגט, כאפען די פיש פאר דער נעץ. לאמיר דערצעהלען כסדר, ווי דער מיטינג איז אנגעגאנגען.

די פערזאמלונג איז געעפענט געווארען פון ברודער ישראל פיינבערג, דעם טשערמאן פון דזשאינט באארד.

ער ערקלעהרט דעם צוועק פון דער פערזאמלונג. ער ווייזט אן ווי נויטיג עס איז, דאס די טשערליים און פרייז-קאמיטעס זאלען מיטווירקען וואס גיכער אויפצוקלייבען דעם ספעציעלען סטרייק-פאנד, וואס דער דזשאינט באארד האט באשלאסען צו שאפען, דורך א טעקס פון פינף דאלאר אויף יעדען מיטגליעד, מאן אדער פרוי, אום צו זיין צוגעגרייט, ווי א זאך זאל זיך ניט מאכען, ווען מען וועט דארפען באנייען דעם טרייד אגרימענט מיט דער „פראטעקטיוו אסס'ן". ער ווייזט אן אויף דער ערנסטקייט פון דער לאגע בכלל און שטעלט פאר אלס ערשטען רעדנער ברודער מאקס פינקעלשטיין, דעם מענעדזשער פון דער יוניאן'ס פראטעקטיוו דיוויזשאן.

מיר האבען שוין געהערט ברודער פינקעלשטיין ניט איין מאל ריידען, אבער נאך קיין מאל האט ער ניט גערעדט אזוי שעהן און סקלארנע, אזוי לאגיש, ווי דעם מאל. ניט נאר האט זיך איהם איינגעגעבען זיין רעדע, נאר ער האט זיך פשוט אליין איבערטראפען. ער האט אין זיין רעדע אנגעוויזען אויף די פיעלע איבלען, וואס עקזיסטירען איצט אין קלאוקס-טרייד, און ער מאכט א שטארקען אפיעל צום „גענעראל שטאב", צו די שאפ-טשערליים און פרייז-קאמיטעס, צו העלפען דער יוניאן די לאגע צו פארבעסערען.

ער באקומט א גרויסען אפלאז.

דער נעקסטער רעדנער איז גענ. ש. יאנאווסקי.

ער פאנגט אן זיין רעדע אביסעל פילאזאפיש; ער רעדט וועגען „רעכט און מאכט" און דריקט אויס דעם געדאנק, דאס ער האפט אז עס וועט קומען די צייט, ווען דאס ווירקליכע רעכט וועט ברעכען יעדע ברוטאלע מאכט. היינט, זאגט ער, איז מאכט רעכט; דעמאלט וועט זיין ר ע כ ט מאכט.

ער געהט אבער באלד איבער צו דער טעמא פון מיטינג, נעמליך: „פריפערעדנעס". אויף זיין לאגישען שטייגער צוגליעדערט ער די פראגע און ווייזט אן ווי נויטיג עס איז פאר דער קלאוקמאכער יוניאן צו זיין בעסער פארבערייט אויף יעדען פאל. ער ווייזט אן, דאס אין דעם „זארגען פאר'ן מארגען" דריקט זיך אויס דער גאנצער מענשליכער פראגרעס. ער מאכט דאן א שטארקען אפיעל פאר דעם ספעציעלען סטרייק-פאנד, וועלכער — זאגט ער — מוז ווירקען אין ביידע זייטען: וועט עס קומען צו א קאמפף מיט די בעלי בתים, דארף מען דאך אודאי דאס געלד; און קוים וועט זיין א סך געלד אין דער יוניאן'ס טרעזשורי, וועלען די בעלי בתים גאר ניט וואגען אפילו אזא קאמפף אנצופאנגען.

דער רעדנער קומט דאן צו צום סאמע ווארצעל פון'ם גרעסטען איבעל אין דעם קלאוק-טרייד — דער סיסטעם פון שטיק-ארבייט.

רעדענדיג וועגען דער פראגע, ווייזט יאנאווסקי ארויס אזוי פיעל קענטשאפט, וועלכע צרות עס ברענגט מיט זיך דער פארפלוכטער שטיק-סיסטעם, דאס אלע וואונדערען זיך, ווי אזוי ניט קיין קלאוקמאכער. זאל דאס גאר קענען וויסען.

ארומרייידענדיג די טעכנישע איינצעלהייטען, קומט ער צו צו דער פרינציפיעלער זייט פון דער פראגע. ער ווייזט אן ווי נאריש און גרונדלאז עס איז די טענה פון די זאגענאנטע „געגנער" פון וואך-ארבייט, דאס דער ארבייטער איז „פרייער", ווען ער ארבייט פון שטיק, איידער ווען ער ארבייט פון וואך. ער ווייזט אויף, אז אין דער אמת'ען איז דיעזע מכלומרשט'דיגע „פרייהייט" דער ערגסטער סארט שקלאפעריי, וואס רואינירט דעם גייסט און קערפער, דאס געזונד און לעבען פון דעם ארבייטער און איז אין דער זעלבער צייט די גרעסטע שטערונג פאר דער ענטוויקלונג פון דער יוניאן, וואס דערלאזט ניט די יוניאן זיך ריכטיג באפעסטיגען און שטעלט זאגאר אין געפאהר דעם סאמע לעבען און עקזיסטענץ פון דער ארגאניזאציאן.

ער פארענדיגט, דאס יעדער ארבייטער, וואס ארבייט פון וואך, פיהלט זיך אלס מעהר מענש ווי דער וואס ארבייט פון שטיק, און ער רופט אויס:

„קלאוקמאכער! זעהט צו באקומען וואך-ארבייט און איהר וועט זיך נעהמען פיהלען אלס בעסערע מענשען!"

ברודער מאריס זיגמאן, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, איז דער נעקסטער רעדנער.

זייענדיג איינער פון די ערשטע אין דער קלאוקמאכער יוניאן אנצופאנגען א ברייטע אגיטאציע פאר וואך-ארבייט, נאך אין יענער צייט ווען צו רעדען צו קלאוקמאכער פון א וואכען-סיסטעם איז פשוט געווען געפעהרליך, איז ער זעהר שטאלץ אויף זיין ארבייט און ער איז העכסט באגייסטערט זעהענדיג ווי פאפולער דיעזע פראגע איז שוין איצט צווישען ברייטען עולם. דער געשריי פון די קלאוקמאכער, — זאגט ער, — איז שוין איצט: וואך-ארבייט! און דאס איז פאר איהם די גרעסטע פרייד.

„אלזא — רעדט ער ווייטער — מיט אונזערע קלאוקמאכער זיינען מיר שוין דורכגעקומען; זיי ווילען שוין דורכאוס וואך-ארבייט. ווי האלט עס אבער מיט די קלאוק-מאנופעקטשורערס?"

און ער ווייזט אן, דאס, ווי עס שיינט, איז מען אין יענעם לאגער דערמיט זעהר ניט צופרידען.

„אלע — זאגט ער — ווייסען, וויפיעל די באסעס ליענט אין זינען דעם ארבייטער'ס אינטערעסען. און ווען די באסעס קומען ארויס מיט דער טענה, אז וואך-ארבייט וועט שעדיגען דעם ארבייטער'ס אינטערעסען, דארפען די ארבייטער ערשט ריכטיג באגרייפען וואס וואך-ארבייט מיינט פאר זיי!"

„זייט ווען — פרעגט ער — זיינען דאס די באסעס געווארען אזעלכע פארזארגער פון דעם ארבייטער'ס אינטערעסען?" און ער רופט אויף די קלאוקמאכער וואס גיכער צו שאפען דעם סטרייק-פאנד, וואס וועט זיכער האבען די ווירקונג, אז „די בעלי בתים זאלען זיך וועניגער אננעהמען דעם ארבייטער'ס קריוודעס און נאכגעבען די פאדערונג פון וואך-ארבייט."

דער נעקסטער און לעצטער רעדנער איז פרעזידענט שלעזינגער. מען האט איהם עקסטרא געהאלטען אלס לעצטען רעדנער כדי דער גרויסער עולם זאל בלייבען אין האל ביז דעם סאמע סוף פון דעם מיטינג.

ברודער שלעזינגער דריקט קודם כל אויס זיין ענטציקונג פון דעם פראגרעס, וואס די קלאוקמאכער האבען געמאכט אין די לעצטע פאר יאהר אין באצוג צו די מיטינגען.

„עס איז א גרויסער פארגעניגען — רופט ער אויס — אן אמת'ער גייסטיגער נענוס צו זיין לעצטענס אויף א מיטינג פון קלאוקמאכער! איך מיין ניט — זאגט ער — דא וועמען עס איז צו חנפ'ענען. דאס איז דער ריינער אמת! די קלאוקמאכער האבען אין דער הינזיכט געמאכט א גרויסען פראגרעס, — טו וואָרום זאל מען דאס ניט טארען זאגען עפענטליך?"

דער רעדנער געהט דאן איבער — אין קורצען, נאטירליך — די אלע פראגען פון אווענד, וואס זיינען שוין באריהרט געווארען פון די פריהערדיגע רעדנער און ער געפינט איבעראל צוצוגעבען א ווארט, א געדאנק, א נייעם אויסדרוק.

אלס פרעזידענט פון אונזער גרויסער אינטערנעשאנאל יוניאן האט ער אימער אין זינען אלע איהרע טיילען און ער רופט די אויפמערקזאמקייט פון די קלאוקמאכער צו דעם גרויסען וויסטמאכער קאמפף. ער דאנקט די קלאוקמאכער פאר זייער טיעפען קלאסענבאוואוסטזיין, פאר דעם וואס זיי האבען גלייך פארשטאנען צו מאכען דעם וויסטמאכער סטרייק פאר ז י י ע ר סטרייק און העלפען מיט אלעס מעגליכען דעם סטרייק צו געווינען. ער דריקט אויס די האפנונג, דאס זיי וועלען ווייטער טאן זייער פליכט, ווי זיי האבען דאס גלייך אנגעפאנגען, און ער באדאנקט זיי פאר דער אמת'ער ברידערליכקייט, פאר דער גרויסער סאלידאריטעט, אין נאמען פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל.

מיט איין ווארט, דאס איז געווען א פערזאמלונג, פון וועלכער אלע אנוועזענדע זיינען אוועק מיט'ן בעסטען איינדרוק.

לאמיר האפען, דאס די טשערליים און פרייז-קאמיטע לייט וועלען פארשפרייטען דעם שעהנעם, ערהאבענעם גייסט פון דעם מיטינג איבער אלע קלאוק, סקוירט און ריפער שעפער פון גרייטער ניו יארק, און דאס די „רענק און פייל", די גרויסע מאסען קלאוקמאכער וועלען באזעלט ווערען פון דעם זעלבען גייסט פאר דער גרויסער זאך. לאמיר האפען, דאס די גרויסע מאסען קלאוקמאכער וועלען גלייך איינצאהלען דעם ספעציעלען טעקס פאר'ן סטרייק-פאנד און אויף אזא אופן עפעקטיוו זיך גרייט מאכען פאר דער באנייאונג פון דעם אגרימענט מיט די בעלי-בתים.

אין קורצען וועלען זיך דארפען אנפאנגען קאנפערענצען צווישען דער יוניאן און דער מאנופעקטשורערס אסס'ן. דורכצופיהרען וואך-ארבייט אין דער קלאוק-אינדוסטריע פון ניו יארק, מיינט דורכצומאכען א גאנצע רעוואלוציע. די יוניאן איז פעסט ענטשלאסען איינמאל פאר אלע מאל דאס דורכצופיהרען ביי דער באנייאונג פון דעם אגרימענט. די קלאוקמאכער זיינען אין הארצען אלע דערפאר, — טו זאלען אלע העלפען דער יוניאן דאס ערפאלגרייך דורכצופיהרען. זאלען אלע מיטגליעדער פון דער גרויסער יוניאן גלייך איינצאהלען דעם טעקס פאר'ן סטרייק-פאנד, און דער זיעג פון דער יוניאן איז געזיכערט!

ליבע טעטיגקייטען דארף ווערען אונטערנומען צו לייזען דאס פראבלעם פון פארברייכען די געוואונענע פרייע צייט, צום בענעפיט פון די גרויסע ארבייטער מאסען. און דאס אלעס דארף געטאן ווערען פון די ארבייטער אליין, דורך זייערע ארגאניזאציאנען, דאס דארף זיין דער אויסדרוק פון זייער איינענע לעבען, פון זייערע ווינשע און שטרעבונגען.

בילדער פון'ם וויסטמאכער סטרייק

פון עליאס ליבערמאן.

זי וויינט און זי סקעבט.

„איך מוז זעהן דעם מענעדזשער, טאקי דעם מענעדזשער אליין", בעט זיך א מיטעל-יעהריגע פרוי.

מען פיהרט זי אריין צום מענעדזשער, טאקי צום מענעדזשער אליין. און אט וואס זי האט איהם געזאגט:

„מיסטער מענעדזשער, דענקט ניט אז איך בין א סקעב, פארשטייסט מיך ניט פון זיך; אונזער גאנצער שאפ סקעבט טאקי, זיי זיינען אלע א באנטש סקעבאטשעס, נאר איך בין קיין סקעב ניט. אמת, איך ארבייט יעצט דארטען, נאר איך בין קיין סקעב ניט, איהר פארשטעהט? ווען יענע וואלטען קיין סקעבאטשעס ניט געווען, וואלט איך זיכער מיט זיי ארונטער אין סטרייק, נאר אז יענע סקעבען, וואס קאן איך זיך העלפען, מוז איך ארבייטען. וואס זאגט איהר, איך זאל ארונטערגעהן פון שאפ, וואס, איך בעט אייך, וועט עס העלפען?

„אודאי וואלט איך געוואלט, אז זיי זאלען ארונטער אין סטרייק. איך האב נאך קיינמאל אין מיין לעבען ניט געסקעבט, הלואי ווייטער. לעצטען מאל איז אונזער שאפ ניט ארונטער אין סטרייק (אונזער שאפ איז קיינמאל ניט געווען קיין יוניאן שאפ) — האב איך זיך דארטען אויך גע-ארבייט אין דער שטיל, אבער סקעבען, ניין, מיסטער מענעדזשער, דאס האב איך קיינמאל ניט געטאן און הלואי ווייטער. איך וואלט זיך דאך שעהמען צו ווייזען מיינע אויגען פאר פריינד. וואס הייסט, איך זאל סקעבען, ווייס איך דען ניט וויפיעל ארבייטער ליידען זיך אן ביז וואנען זיי פארבעסערען זייער לאגע? בין איך ניט אזא ארבייטערין ווי זיי אלע, פלאג איך זיך ניט צו פארדינען מיין שטיקעל ברויט, קומט עס מיר ניט אן מיט בלוט און שוויס, וואס הייסט איך וועל סקעבען?

„וואס זאגט איהר, איך זאל פארלאזען דעם שאפ און איהר וועט מיר געבען אן אנדער פלאץ אלס פינישערין? אבער, איך בעט אייך, איך ארבייט שוין 9 יאהר אין דעם שאפ, האב מיט'ן באלעבאס א ווארט אויף א ווארט ניט פארביטען, אדרבה ואדרבה; אט נעכטען האט ער געזאגט אז ער וועט מיר געבען א רעיז, ער וועט אויך נאכגעבען די 44 שטונדען, דער שאפ איז א גאנץ ליכטיגער, איך בין שוין צוגעוואוינט געווארען צו איהם; איך קען דאך אין איהם יעדען ווינקעלע, איך האב דאך שוין דארטען דריי פארלידים איבערגעלעבט, — היינט פארוואס זאל איך עפעס פארלאזען דעם שאפ?

„טוט מיר א טובה, מיסטער מענעדזשער, איך בעט אייך, איהר פארשטעהט דאך מיט וואס פאר א הארץ איך בין געקומען צו אייך, נענוג טרערען האב איך פארגאסען אויף אונזער ארבייטער'ס ביטערע לאגע, גיט מיר א וואירקינג-קארד, כדי די פיקעטס זאלען מיך ניט טשעפען, אודאי, איז מיר ביטער צו ארבייטען מיט די סקעבאטשעס, נאר איך בין קיין סקעב ניט; איהר פארשטעהט דאך, מיסטער מענעדזשער, געוויס פארשטעהט איהר מיין הארץ".

אין „אונזער עלים איילאנד", אדער „פעקטארי פון גרינע".

פארנאכט, א זייגער זיבען.

די אקטיווע מענשען אין פראגרעס קאסינא זאל זיצען און טיילען זיך מיט די איינדריקע פון טאג. זיי האבען פיעלע אינטערעסאנטע עפיזאדען זיך צו דערצעהלען. אויף זייער גורל איז אויסגעפאלען צו ארגאניזירען די אפען-שעפער. די ארבייט איז ווייט ניט קיין גרינגע. עס קומט אויס אויסצורייידען זיך די לונגען מיט מאנכע ארבייטער, וועלכע האבען קיינמאל ניט געוואוסט וואס א יוניאן הייסט און מיט וואס מען עסט עס. דאך האבען זיי זייערע אינטערעסאנטע מאמענטען.

זיי האבען א מיינונגס-פארשידענהייט ווי צו רופען זייער האל. איינינע רופען איהם „אונזער עלים איילאנד", ווייל דארטען לאנדען צוערשט אלע „יוניאן-אימיגראנטען". אנדערע רופען איהם מיט א

אברהם לינקאָלן

פון לואיס וו. גאָלדעסמאן.

הונדערט מיט צעהן יאָהר צוריק, דעם 12טען פעברואר, 1809, איז אברהם לינקאָלן געבאָרען געוואָרען, דעם 15טען אפּריל, 1865, איז ער געשטאָרבען, ערמאָרדעט געוואָרען זעקס און פופציג יאָהר אַלט.

קיין מענש בעפאָר איהם, א חוץ וואשינגטאָן, האָט ניט אויפגעטאָן אזוי פיעל פאר זיין לאַנד און פאר דער גאַנצער מענשהייט, ווי לינקאָלן האָט עס געטאָן. דעם ערשטען יאנואר, 1863 האָט ער אונטערגעשריבען די פּראָקלאמאציאָן וואָס האָט אָפּגעשאפט די שווארצע שקלאַפעריי אין די פאראייניגטע שטאאטען.

געטאָן האָט ער עס אונטער אויסערגעוועהנליכע שטערונגען. א חוץ פון די שקלאַפען־העגדלערישע שטאאטען, האָט ער אויך געהאט שטערונגען אין זיין אייגענעם קאבינעט, זיינע נאָהענטע ראטגעבער האָבען ניט געקענט זיך באשליסען איינצורייסען מיט ענגלאנד, וועלכע האָט דאן געהאט גרויסע קאטען אינטערעסען מיט אמעריקא, און זיי האָבען גערעכענט אז דאָס וועט רואינירען דעם האנדעל מיט קאטען. דאן זיינען אויך געווען, ווי יעצט, מענשען, וואָס האָבען געליינט אויף איין געוויכט פּראָפיט און אויף דער אנדער געוויכט מענשליכע פרייהייט, דאן זיינען אויך געווען, ווי יעצט, מענשען, וואָס געלט איז ביי זיי געווען העכער ווי דאָס לעבען, גליק און רעכט פון מענשליכע לעבענס, און דעם ערשטען יאנואר, 1863, ווען לינקאָלן האָט צוזאמענגערופען זיין קאבינעט, האָט ער זיי געזאָגט אז ער וויל הערען זייער מיינונג, אָבער וואָס זייער מיינונג זאָל ניט זיין, ער האָט באשלאָסען צו טאָן דאָס וואָס ער דענקט איז גערעכט, ווייל אויב שקלאַפעריי איז קיין פארברעכען, איז קיין זאך קיין פארברעכען, און דעם זעלבען טאָג האָט ער אונטערגעשריבען די פּראָקלאמאציע.

אין יעדען יאָהר אין דעם 12טען פעברואר דערמאָנט די וועלט מיט דאנקבארקייט דעם געבורט פון א גרויסען מאן, וועלכער האָט גערייניגט דער מענשהייט און האָט אָפּגעשאפט איינע פון די גרעסטע פארברעכענס וואָס האָט עקזיסטירט.

די וועלט דאַרף אָבער אויך אין דעם טאָג געדענקען, אז ווי גרויס לינקאָלן'ס ארבייט איז געווען, איז פיעל, פיעל גרעסערע ארבייט נאָך פארבליבען צו טאָן.

אין יענעם טאָג, ווען לינקאָלן האָט באפרייט די שווארצע שקלאַפען, האָט ער ניט גערעכענט אז עס וועט קומען א טאָג, ווען אין די קאטען מיללס, אין קאטען פּלאַנטאציעס וועלען ווייסע קליינע קינדער אָפּמאכען דעם שאדען און פּראָפיט, וואָס די באפרייאונג פון די שווארצע שקלאַפעריי האָט געמאכט.

לינקאָלן האָט ניט געדענקט, אז דאָס זעלבע פאָלק וואָס האָט באפרייט די שווארצע שקלאַפען, וועלען דולדען אזוי פיעל ווייסע שקלאַפעריי.

לינקאָלן האָט געזאָגט: אויב איהר אנערקענט דעם ניגער אלס מענש, דאן איז שקלאַפעריי א פארברעכען, איהר קענט פילייכט דענקען אז דער ניגער איז ניט מיין גלייכען, אָבער וואָס אנבאלאנגט צו האָבען דאָס רעכט צו עסען די ברויט וואָס ער פארדיענט, דאן איז דער ניגער מיין גלייכען.

וואָס וואָלט ער היינט געזאָגט אויף די שקלאַפעריי און שרעקליכע רציחות אין קאָורא מיינס, וואו ניט האָבענדיג קיין רעכט צום קערפּער, פרייע שקלאַפען, ווערען טויזענדער פאָטערס, מוטערס און קינדער פארהונגערט, פארמאַטערט, געטויטעט נאָך ערגער ווי די שקלאַפען אין לינקאָלן'ס צייטען?

וואָס וואָלט ער היינט געזאָגט, ווען ער זעהט אין די פאבריקען, מיינס און מיללס די גרויסע צאָהל קינדער, וואָס ווערען פארמאַטערט, גערויבט פון לעבען נאָך איידער זיי פאנגען אָן צו לעבען.

די ארבייט, וואָס לינקאָלן האָט געטאָן, איז נאָך יעצט אין אָנפאנג, דאָס גרעסטע טייל דאַרף נאָך געטאָן ווערען.

ווער וועט אונטערשרייבען די פּראָקלאמאציע, וואָס וועט מאכען פאר א פארברעכען צו נוצען פאר פּראָפיט דעם קערפּער, דאָס געזונד, די קראפט און די צוקונפט פון א קינד?

וועלכער מאן, וועלכע פארטיי וועט זיך אויפהויבען העכער פון אַלעמען, ניט האָבענדיג אין זינען וועלכע עס איז נוצען אדער פּראָפיט, וועט באפרייען די קינדער פון די פאבריקען, און וועט ניט דערלאָזען אזעלכע אונגעהויערע שקלאַפעריי און רציחות?

ווען לינקאָלן האָט געוואָלט באפרייען די שווארצע, האָבען די געגנער איהם געזאָגט אז דאָס וועט רואינירען ביזנעס און פארקלענערען פּראָפיט. און ווען איהר רעדט היינט פון פארבעסערען די צושטענדע פון די ארבייטער, הערט איהר ווידער דעם זעלבען ענטפער: ביזנעס וועט ליידען, פּראָפיט וועט זיין קלענער, און וואָרע וועט קאָסטען טייערער.

ווי טרויעריג עס איז, ווען מען וויל פארבעסערען דעם לעבען פון מענשען, איז די איינציגער שטערונג דערפון דער פּראָפיט פון געלט.

גרויס איז געווען לינקאָלן, וועלכער האָט געקעמפפט פאר גערעכטיגקייט און האָט באפרייט די שווארצע שקלאַפען!

אזוי גרויס וועט זיין יענער מאן, און לאָמיר האָפען אז ער איז שוין געבאָרען, וואָס וועט טאָן פאר די אָרימע קינדער, פאר די מידע פרויען, פאר די גרויסע אַרמעע, וואָס ארבייטען אָהן א האָפנונג און אָהן א צוקונפט, דאָס, וואָס לינקאָלן האָט געטאָן פאר די שווארצע שקלאַפען פון זיין צייט.

אַמאָליגע נוטע ווערקציינ פון די באָסעס, היינטיגע נוטע יוניאָן לייט.

פון מ. י. אשפיז.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די מעכטיגע ארגאניזאציאָנס באוועגונג ביי די קלאוקמאכער אין 1910, די באוועגונג וואָס האָט געבראכט אזעלכע הערליכע רעזולטאטען, האָט מען געוואוסט אז עס דאַרפען האָבען א יוניאָן די אָפּרייטאָרס, די שניידערס, פּרעסערס, סקוירט מאכער א. ז. וו. קיינעם איז אָבער דאן ניט איינגעפאלען אזא „נארישקייט", ווי א יוניאָן פון עקזאמינערס. ווען איינער וואָלט דאן געקומען מיט אזא פארשלאָג וואָלט ער זיכער פארשטיינט געוואָרען. א יוניאָן פון עקזאמינערס? דאָס זיינען דאָך פאָרלייטע — וואָלט מען איהם מיט כעס געענטפערט — ווילט איהר מיר זאָלען אין אונזערע רייהען אריינגעמען אונזערע שונאים, די וואָס אין די שעפּער זיינען זיי די ווערקציינ פון באַלעבאָס? וואָס וועלען אונזערע אלע אינערליכע אנגעלעגענהייטען ארויסטראָגען און איבערגעבען צו די בעלי בתים!

די עקזאמינערס אליין, זאָנדערבאַר ווי עס איז, האָבען אָנפאנגס אויך געמיינט אז זיי זיינען און מוזען זיין דאָס וואָס מען זאָגט אויף זיי, און האָבען פּאַסיוו צוגעשטימט אז זיי האָבען טאַקי ניט קיין פּלאַץ אין דער ארבייטער באוועגונג. זיי האָבען זיך געפיהלט געשמייכעלט וואָס מען האַלט זיי פאר פאָרלייטע און עס האָט געשיינט, אז זיי זיינען העכסט צופריעדען מיט זייער שיקזאַל. אָבער גאַנץ שנעל האָבען זיי זיך ארומגעזעהן אז זיי, די יחסנים, די כלומרשט'דיגע פאָרלייטע, זיינען פיעל הינטערשטעליג געגען די איינפאַכע ארבייטער.

די ווירקונג פון דער יוניאָן, איהר איינפלוס, צוזאַמען מיט'ן טאָג טעגליכען קאַמפּף אין די שעפּער, האָט כסדר פארשטאַרקט די אייניגקייט צווישען די ארבייטער אין יעדען שאַפּ. דער עקזאמינער האָט געזעהן ווי זיינע כלומר'שטדיגע אונטערטאַנען קומען אלע גלייך צו דער ארבייט און געהען אַהיים גלייך. אז מען דינגט זיך איבער א פּרייז, ארבייט ניט קיינער ביז דער פּרייז ווערט געסעטעלט. גיט מען איינעם וויינינער ארבייט אדער מען גיט איהם צופיעל צו פיקסען, איז דאָ א טשערמאַן, וועלכער נעמט זיך פאר איהם אָן; קען דער טשערמאַן ניט פועל'ן, קומט ארויף א ביזנעס איידזשענט פון דער יוניאָן און מען טרייעט דעם געקריוודעטען צו העלפען. זיי האָבען געזעהן אז, א דאַנק דיזע אחדות, האָט זאָגאַר דער באָס פאר זיי דרך ארץ, און ענדע וואָך געהען זיי אַהיים מיט מעהר אדער וויינינער אַנשטענדיגע שכירות.

וואָס זיינען אָבער געווען דעם עקזאמינער'ס קאָנדישאָנס? לאַנגע שטונדען, אָווערטיים פאַר אומזיסט, שבת א גאַנצען טאָג און דאָס אַלעס פאר שכירות פון אַן אָפיס באָי. היינט די באַציהונגען פון איין עקזאמינער צום צווייטען, די קנאה, די אינטריגעס און פּלאַטקעס, די מורא און ציטערניש פאר'ן באַלאַבאָס יעדע מינוט, דאָס האַלטען כסדר איין לעקען זיך (טאָמער וועט מען דורך דעם איבערבלייבען אין סלעק טיים), איינער איבערשטייגענדיג דעם צווייטען און אַלץ פאר וואַסערע 14 אדער 16 דאָלאַר א' וואָך.

צווישען די עקזאמינערס, וועלכע צאָהלען ארום 2,000 אין צאָהל, זיינען דאָ א סך ראַדיקאַלע מענשען, מעמבערס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון ארב. רינג אדער אַנדערע פּראָגרעסיווע סאָסייעטיס. דיעזע מענשען, וועלכע זיינען אין גאַס און אין דער געזעלשאַפט באַטראַכט געוואָרען פאר גאַנץ גוטע פריינד און גענאָסען, ווען זיי זיינען אָבער געקומען אין שאַפּ, האָט זיך די לאַגע געביטען. דער אייגענער פריינד פון ארב. רינג אדער פּאַרטיי האָט איהם געזאָגט: דו טאָרסט אונזערע סודות נגט הערען, דו ביזט א פאָרמאַן, דעם באַלאַבאָס'ס א מענש, און דיין ברויט איז אזא, אז דו מוזט אין שאַפּ באַטראַכט ווערען אַלס אונזער שונא.

אָט דיזע מאַטעריעלע און גייסטיגע ליידען פון דעם עקזאמינער האָבען געלייגט דעם פונדאַמענט פאר א יוניאָן פון עקזאמינערס און בושלערס. א סך דערצו האָט געהאָלפען דער פאַקט וואָס די ליין ארבייט און די סטיילס איז אין די לעצטע פאַר יאָהר געוואָרען אזעלכע, וואָס מען דאַרף איינליינען א סך פּליטס, פּינען בעלטס א. ז. וו. די אינדוסטריע האָט אַלץ מעהר און מעהר זיך גענומען נויטיגען אין דיעזען פאַך מענשען. די שעפּער אין וועלכע עס האָבען בעפאָר געאַרבייט איינער אדער צוויי עקזאמינערס, האָבען גענומען באַשעפטיגען א גרויסע צאָהל פון זיי און עס איז דערמיט געשאַפען געוואָרען די מעגליכקייט פון צוזאַמענריידען זיך. אין דער אינדוסטרי זיינען אויך אריינגעצויגען געוואָרען געוועזענע אָפּרייטאָרס, פינישערס און שטיק שניידער — אזעלכע וואָס האָבען שוין פאַרזוכט דעם טעם פון א יוניאָן און האָבען צו די ערגערע קאָנדישאָנס אַלס עקזאמינערס, בשום אופן ניט געקענט זיך אונטערגעבען. זייער מח האָט ניט געקאָנט פאַרנעהמען ווי אזוי עס קומט, אז נאָכדעם ווי זיי זיינען ערהויבען געוואָרען פון אָפּרייטאָרס צו עקזאמינערס און זיינען געוואָרען זאָ צו זאָגען, די אויבערשטע פון שטייסעל, זאָל זייער לאַגע גאָר זיין ערגער ווי פון די פשוט'ע ארבייטער.

וואָס זיינען מיר? — האָבען זיי זיך געפרעגט. זיינען מיר פאָרלייטע אדער פשוט'ע ארבייטער? די יוניאָן לייט זאָגען, אז מיר זיינען פאָרלייטע. מיר אָבער קענען ניט פאַרשטעהן וואָרום איינליינען פּליטס און פּינען בעלטס איז ניט פּונקט אזא ארבייט ווי אָפּערייטען אדער פינישען. דיזער זעלבסטבאַוואוסטזיין האָט זיי געמאַכט צו רעבעלירען און צו אָבטרייסלען פון זיך דעם יחסן — וועלכער מעהר ווי צרות האָט ער זיי גאָר ניט געגעבען — און צו ערקלערען זיך אַלס פּראָסטע לוין ארבייטער, אַלס חברים פון די וועלכע זיינען שוין יוניאָן לייט פון פריהער. זיי האָבען געגלויבט, אז זיי דאַרפען נור קומען און מאַכען דיזע ערקלערונג און די יוניאָן וועט זיי גלייך אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס. אָבער זיי האָבען גאַנץ שנעל איינגעזעהן אז ניט אזוי לייכט קען מען פון זיך אָבטרייסלען דעם שטויב פון יאָהרענלאַנגע פאָראורטיילע.

עס איז געקומען דער גענעראַל סטרייק פון 1916. דער סטרייק וואָס איז גערופען געוואָרען אַלס ענטפער צו דעם לאָקאוט פון די בעלי בתים. זיי האָבען געזעהן ווי אַלע יוניאָן לייט מאַרשירען אַרונטער ענטשלאָסען און באַגייסטערט, זיינען מוטיג און פול מיט האָפנונג, אז עס וועט ניט געלינגען די באָסעס צוריקצודרעהען דעם ראָד פון דער געשיכטע און באַנייען די שקלאַפעריי. זיי האָבען געזעהן ווי די שעפּער האַלטען זיך צוזאַמען, העלפען זיך איינע די אַנדערע און פּיקעטען א. ז. וו. רעדנער קומען צו זיי ריידען, זיי באַגייסטערען; מוזיקער קאָנצערטיסטען קומען זיי ערמונטערען. די יוניאָן שטעלט פאר זיי ארויס פאָדערונגען וועלכע זי פאַרטיידיגט אין דער עפענטליכקייט. אָבער פאר'ן אָרימען עקזאמינער איז ניטאָ קיינער ווער עס זאָל זיך אָננעמען, קיינער זוכט איהם ניט צו ערמונטערען און באַגייסטערען, קיינער שטעלט פאר איהם קיין פאָדערונגען, עס איז ניטאָ ווער עס זאָל אין זיין לאַגע זיך פאַרטראַכטען, זיי האָבען ניט קיין יוניאָן.

פאר זיי זיינען געווען צוויי וועגען: איינער צו שטעלען זיך אויף דער זייט פון די בעלי בתים און ווערען זייערע אמת'ע ווערקציינ; דער צווייטער — צו טרייען זיך פאַראייניגען מיט די אָרגאַניזירטע ארבייטער און מיט זיי מיטסטרייקען.

זיי האָבען אויסגעקליבען דאָס לעצטע. אָבער זיי האָבען אויך געוואָלט דורך דעם סטרייק זייער לאַגע כאָטש עטוואָס פאַרבעסערען. זיי האָבען אָנגעקלאַפּט אין אַלע טירען, זיינען געווען ביי אַלע בעאַמטע און פאר זיי פאָרגעלייגט זייערע טענות. יעדערער איז אָבער געווען פאַרנומען מיט'ן גרויסען סטרייק און קיינער האָט קיין צייט ניט געהאַט אויף זיי אומצוקוקען זיך. וואָס זיי האָבען ניט פאַרלאַנגט, האָט מען זיי אַלץ געענטפערט: מיר וועלען דערפון ריידען נאָכ'ן סטרייק.

דער גענעראַל סטרייק פון 1916 איז געוואונען געוואָרען, אָבער ניט פאר די עקזאמינערס. זייער לאַגע איז אויך נאָכ'ן סטרייק א האָר ניט בעסער געוואָרען. אָבער די הייפעלע מענשען האָבען ניט אויפגעהערט פאר דער גאַנצער צייט צו האַמערען און צו מאָהנען דאָס וואָס זיי איז אין סטרייק צוגעזאָגט געוואָרען, אז מען וועט זיי נאָכהער גרינדען א יוניאָן און זעהן צו פאַרבעסערען זייער טרויריגע לאַגע.

אזוי שנעל ווי דער סטרייק האָט זיך געענדיגט און די מורא טאָמער וועלען די עקזאמינערס געהן סקעבען איז פאַריבער, האָט זיך צוריק אָנגעהויבען א סדרה פון פאָראורטיילע, גלייכגילטיגקייט און צווייפעל. איבער א נייס האָט מען גענומען פרעגען: ווי קומט איהר צו א יוניאָן? איהר זייט דאָך פאָרלייטע, אַקוראַט ווי א פאָרמאַן איז קיין מענש ניט און דאַרף גאָר ניט עסען.

וואָלט דיזע הייפעלע באַשטאַנען פון בלעטלאַך וואָס פליהען אין דער לופטען נור אין צייט פון א שטורם, איז מעגליך אז זיי וואָלטען באַלד צוריק איינגעשלאָפען און די זאַך וואָלט געווען ערלעדיגט. צום גליק איז די הייפעלע באַשטאַנען פון איבערגעבענע, באַוואוסטזיניגע און ענטשלאָסענע מענשען און זיי האָבען אויסגעהאַלטען אַלע נסיונות.

עס איז אמת — האָבען זיי געענטפערט — אז מיר זיינען עקזאמינערס, אָבער מיט וואָס זיינען מיר ערגער ווי, צום ביישפּיעל, די עקזאמינערס פון דער וועב אינדוסטריע? יענע עקזאמינירען אויך די אויסגעאַרבייטע געוואַנט, צי עס איז ניטאָ קיין לעכער, צי שיידעט ניט דער קאָליר א. ז. וו., מיר טוען דאָס זעלבע. טאָ וואָרום מעגען יענע זיין יוניאָן לייט לכל הדעות און מיר ניט? עס איז אמת, אז ווען די ארבייט טויג ניט, דאַרפען מיר עס געבען פיקסען און דער שטיק ארבייטער פאַרלירט דערביי זיין אייגענע צייט און ער איז דערפאַר אויף אונז ברוגז. קיינער קען דאָך אָבער ניט לייקענען אז די אינדוסטרי נויטיגט זיך אין אונז, טאָ וואָס זיינען מיר שולדיג, אז איהר ארבייט פון שטיק? פיהרט איין אַלגעמיינע וואָך ארבייט אין דער אינדוסטריע און אַלע אייערע טענות און פאַרביטערונג געגען אונז וועט גלייך אויפהערען.

גלויבענדיג אז זיי זיינען גערעכט און אז זייער פּלאַץ איז אין דער אינטערנעשאַנאַל יוניאָן משפּחה, האָבען זיי כסדר געהאַלטען אין איין האַמערען און ענדליך איז זייער לאַנגער קאַמפּף, וועלכען זיי האָבען אָנגעפיהרט פאר 9 מאָנאַטען, געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג. די גענ. עקז. באָארד האָט דעם 15טען מאי, 1917, זייער פאַך אָפיציעל אַנערקענט און זיי באַוויליגט א טשאַרטער אַלס לאָקאַל 82.

* * *

די אָפיציעלע אַנערקענונג האָט, אמת, אַביסעל אויסגערייניגט די לופט און קלאָהרער געמאַכט דעם האָריזאָנט. אונזער קאַמפּף איז געוויסערמאַסען געוואָרען לייכטער, ערפאָלגרייכער, מען האָט מעהר אדער וויינינער אויף אונז גענומען קוקען ווי אויף אייגנ'ע און אונז געהאָלפען. די לאָקאַלס 35 און 17 האָבען [illegible]

עטליכע שעה'ן פארבראכטע שטונדען

(איינדריקע פון בויערן באל, געגעבען צום בענעפיט פון דער „פרייער ארבייטער שטימע")

פון יענטע סערדאצקי.

דער הארלעם קאסינא איז א שעהנער האל, אדער ריכטיגער געזאגט, צוויי שעה־נע האלס, א דאון־סטעירז מיט אן אפ־סטעירז. אויבען איז א גאלערי, די ווענט זיינען דעקארירט מיט שעהנע בילדער, אלערליי פרויען פיגורען אין חוה'ס מלבושים; אנדערע שטעלען פאר זייער שעהנקייט טאנצענדיג, אנדערע קניהענ־דיג, אנדערע איינגעוויקעלט אין ווייסע דינע שלייערס.

די באלייכטונג איז אויך וואונדערבאר, גאנצע שטראמען עלעקטרישע ליכט פליסט איבער'ן זאל דורך גלעזלעך פון אלערליי קאלירען.

שעהנער פון אלץ איז דער עולם. איז דאס אן עולם פון ארבייטער? מען קאן ניט זאגען אז אלע. א סך, א סך צווישען זיי זיינען דאקטוירים און לאיערס און פרויען פון רייכע מענער, און ביזנעסלייט זיינען פארטראטען צום באל זעהר פיעל. די מעהרצאהל אבער זיינען ארבייטער, און דער גאנצער באל טראגט דעם כאראקטער פון אן ארבייטער יום־טוב.

עס איז אינטערעסאנט צו זעהן ווי עס וואקסט און פראגרעסירט דעם ארביי־טער'ס געשמאק פון יאהר צו יאהר, ווי עס בייט זיך דער אויסדרוק פון זיין פנים, ווי עס ארבייט זיך אוים דער געשמאק פון זיין קליידונג, און די פרייהייט און דרייסטקייט פון זיינע באוועגונגען.

נאר געה זיי א חכם און א בעאבאכ־טער, אז דו ווערסט ארייננעדריקט אין א מאסע פון טויזענדער מענשען און די ווייסט ניט וואס צו טאן פריהער, ראטע־ווען דיין לעבען ניט דערשטיקט צו ווערען, אדער בעאבאכטען.

אבער א וואונדערבארע שעהנקייט האט אויך די ענגשאפט און פאר'ן גייסט פון בעאבאכטער איז ניטא קיין דרוק.

עס גיסט זיך א כוואליע מענשען: מענער אין אלערליי קאלירטע שלייפען, מיט זייערע אייביג דונקעלע קליידער, און פרויען, וואס פאר א שעהנקייט אין זייערע קאסטיומען! אלערליי שפיצען און צאר־טע העלע זיידענשטאף און קאלירטע בענ־דער. אבער ווער זעהט עס אין דער ענגשאפט! דארט זיינען פאראן אזעלכע קליידער וואס זיינען רויט ווי דאס בלוט פון יונגע שעפסעלעך, און אנדערע פון ווייסען אטלאס, וואס איז נאך ווייסער ווי דער ניט־צושמאלצענער שניי אויף די בערג. קיינער באמערקט עס ניט, און מיר פאלט איין, אז אויב א פרוי זאל וועלען ציהען אויפמערקזאמקייט צו איהר קלייד און זי וואלט עס מאכען פון נאדלען מיט די שפיצען צום פובליקום, וואלט זיך דאס פובליקום טוליען צו דער קלייד און וואלט אפילו ניט פיהלען אז עס שטעכט...

וואס טוט דער עולם? מיט וואס איז פארנומען דער גייסט אויפ'ן באל? מיט נארנים! אזוי גיך ווי מען קומט אין האל אריין, צושווימט דער גייסט און לייזט זיך אויף אין דער מאסע. יעדער פארלירט זיין אינדיווידואליטעט. די פיס הויבען זיך, ניט באוואוסטזיניג, נאכ'ן פארטויבענדען קלאנג פון די מוזיק, די אויגען בלישצען און די הענט נעהמען ארום אלעמען — פרעמדע און אייגענע, באקאנ־טע און ניט באקאנטע, — אלע האלטען זיך אין איין קלאמערען איינס אן אנדערן. מען פארטיידיגט זיך כלומרש פאר דאס ענגשאפט, אבער אטהעם צו אטהעם, פנים צו פנים, הענט פלעכטען זיך מיט הענט און די פיס טאנצען נאכ'ן טאקט פון די פארטויבענדע מוזיק טענער, וועל־כע רייסט זיך ארויס פון געדיכטעניש, ווי פון אן אונטערערדישען הייל.

ליעבע און חבר'שאפט, ליעבע און גע־טריישאפט, דאס איז דאס איינציגע אטעם איבער'ן זאל. און פלוצלונג, אזוי ווי א פלאם אין א טרוקענעם וואגען היי, טוט א ברען די שנאה:

אין מיטען זאל דרעהט זיך ארום א הויכער יונגערמאן מיט א רויט פנים און מיט שווארצע האר. ער זוכט און מעסט מיט ד אויגען די פרויען, מיט וועלכע ער זאל וועלען טאנצען, ווי ער וואלט זוכען אויסצוקלייבען זיין רויב. און פלוצלונג שפרינגט צו צו איהם א קליין חנ'עוודיג מיידעל, אנגעטאן אין א רויטער בויערן־בלוזע, מיט שווארצע געשארענע האר.

— קום בחור! — טוט זי איהם א כאפ. ער נעהמט איהר אין זיינע מעכטי־גע ארעמס און קלייבט זיך זי צו טראגען צום טאנץ. און דא בויגט ער איין זיין קאפ און דאס מיידעל שפרינגט ארויס פון זיינע ארעמס. א פאטש האט א הילך גע־טאן און א דין אויפגערעגט קול האט א געשריי געטאן „סקעב!". — דאס האט זיך דאס קליינע מיידעל, א בראווע סטריי־קערין, אפגערעכענט מיט'ן גרויסען, פאר־דארבענעם מאן.

אין איין מינוט איז געווארען א טומעל, אזוי ווי פארשטיקטע דונערען. אבער דער אינסטינקט פון גרויסען עולם האט פארלאנגט פרייד און ליעבע. אנשטאט צו הרג'ענען דעם סקעב, ווי מען האט גע־קענט ערווארטען, האבען א צעהנדליג הענט ארומגענומען דער מיידעל און זי כמעט אוועקגעטראגען פון ארט פון גע־פעכט.

דער סקעב האט זיך פארלארען אין דער מאסע און זיך דערווייל ארויסגעמאכט פון שטראף.

אין א ווינקעל, ביי א טיש, זיצט א גרופע פון עלעגאנטע הערען און דאמען. אויף א שטול ביים טיש דערזעה איך איי־נעם פון די בראווסטע גרויסע אידישע יוניאן פיהרער. עס ווערט מיר פרעהלי־כער אויפ'ן הארצען: א גרויסער מענש, א פיהרער איז א גרויסער לאמפ צווישען א סך קליינע, און עס מוז ווערען ליכטיג ארום דעם גרויסען לאמפ. און ער איז טאקי א סימפאטישער מאן, דער פיהרער. ער איז הויך און שלאנק, ער טראגט א ברוינעם סוט מיט א ברוינער ווייכער הוט, ער האט א לאנגליכען פנים און גרויסע גרויע ענערגישע אויגען. זיין אויסזעהן איז ווי ער וואלט געווען אמאל א קאלעדזש סטודענט און איצט א פראפעסאר. אין אמת'ן איז ער געווען אמאל א שניידער און איצט פארנעמט ער א שטעלע אלס פרעזידענט. א ריכטיגער פרעזידענט, אן עלטסטער איבער אן ארמיי פון טויזענדער און טויזענדער ארבייטער. אויף איהם קוקענדיג, פיהל איך שטאלץ מיט די שניי־דעריי, און דער קאלעדזש פון לעבען גע־פעלט מיר בעסער ווי דער אנגעבלאזענער קאלעדזש פון טרוקענע וויסענשאפטען.

שוין דאס פערטע מאל ווי איך געה פארביי יענעם שטעל: עס ציהט דער גרויסער לאמפ מיט זיין ליכטיגקייט. איך טראכט, ווי גרויס און שטארק דארף דאס זיין א מענש, וואס קען הערשען איבער דעם ווילען פון טויזענדער טויזענדער מענ־שען, וואס פאר א קראפט און א גלויבען אין זיך אליין דארף מען דאס האבען, אז מען זאל אנגעהמען די פיהרערשאפט פון אזוי פיעל מענשען, וועלכע זיינען אזוי ליעב און טייער און וועלכע מען דארף פיהרען איבער שטעכיגע, דערנערדיגע וועג־נען צו זייער גליק!...

אזוי טראכט איך, און פלוצלונג ווערט „פארבלאקט" דער־פלאץ ארום שטול. צי האט אלעמען געצויגען צו יענעם ווינקעל, אדער האט זיך דארט צופעליג אנגעקלי־בען א געזעמעל? אבער דער העלד איז געווארען שרעקליך בלייך. ער האט א מאך געטאן מיט'ן האנט, ווי ער זאל וועל־לען אנשעפען לופט. די גרויסע אויגען הא־בען זיך ווי פארצויגען מיט א שלייער און ארויסגעשפארט פון קאפ. נעבען איהם איז, ווי א וואנט, געשטאנען א הויכער, דיקער מאן, וועלכען דער עולם האט אהין פארשטופט.

דער עולם האט זיך אויפגעלייזט, דער העלד האט אפגעאטעמט, און איך האב גע־טראכט: צו ווערען גרויס דארף מען יאהרען פון אונערמידליכע, ענערגישע אר־בייט און טעטיגקייט, אויף ווערען צו־קוועטשט דארף מען נאר איין מינוט דריי־קעניש פון א שווערען גוף...

דאס מעהרסטע, וואס ווארפט זיך דעם יאהר אין די אויגען צום באל, זיינען די מיידלעך מיט געשארענע האר. בלאנדע האר און ברוינע האר, שווארצע האר און האר וואס האט דעם קאליר פון אש. אבער אלע געשארענע און עס שיינט ארויס שטאלץ דאס ווייסע האלז.

עס ווערט פון דעם אביסעל אומעטיג. עס איז שווער זיך אפצוזאגען פון אלטע געוואוינהייטען, און דערצו נאך פאר א שרייבער. די שרייבער זיינען איינגע־וואוינט פון דור דורות צו שילדערן גאלדע־נע כוואליעס האר און סאמעטענע כוואל־יעס, און וואס פאר א וואריאציעס הא־בען מיר ניט געמאכט מיט די ווייבערשע האר? אט האט איין ראמאניסט פאר־געשטעלט אזא מין בילד: „אין העכסטען עקסטאז פון איהר ליעבע, האט זי צולאזט איהרע לאנגע גאלדענע שמעקעדיגע האר, וועלכע זיינען געווען קיהל ווי דאס וואסער פון א פרישען קוואל; זי האט זיי איהם ארומגעוויקעלט ארום האלז און מיט א אויפגערעגטען קול האט זי געזאגט: „מיין ליעבער, אויב דו וועסט מיך ווען עס איז פארביטען אויף אנאנדערער, וועל איך דיר דערשטיקען מיט מיינע האר".

און דא אין זאל, קוקענדיג אויף די געשארענע מיידלעך, איז מיר געווארען פארדראסיג און איך האב געטראכט: „מיט וואס וועט מען איצט דערווארגען די פאלשע מאנסבילען?... מיט וואס?..."

ביי א גאנץ ווייטען טישעל זיצען צוויי מיטעליעהריגע פאר פאלקס. די פרויען זיינען ביידע שוועסטער און די מענער שוואגערס. זיי זיינען אמאל געווען גוטע פארטיי־לייט, האבען געהאלפען גרינדען די „פרייע ארבייטער שטימע", האבען נעכט ניט געשלאפען צוליעב דער באווע־גונג, ביז, ביז זיי האבען זיך איינגעאר־דערט. איצט האלטען זיי בשותפות א געשעפט און לעבען א גוטען רוהיגען לע־בען.

צום באל קומען זיי אלע יאהר. די צוויי שוועסטער טראגען דונקעלע זיידענע קליידער, פארנעהמע דאמען, מיט גרויליכע האר. די מענער זיינען אויך גרוי, זיי זיי־נען גוט אנגעטאן און גוט געפלעגט.

זיי טרינקען ביער, עסען סענדוויטשעס און לאנגווייליגען זיך. איין שוועסטער רופט זיך אן צו דער אנדערער:

„געדענקסט, עמא, ווי מען פלעגט זיך דאס אמאל אביסעל פארברענגען אין יענע יאהרען צו א באל?"

„אך, צו איך געדענק", ענטפערט עמא מיט אומעט. עס פלעגט שוועבען א הייליגקייט ניט ווי איצט. אלע זיינען מיר געווען פול מיט א הייליגען פארלאנג נאך טעטיגקייט און אידעאלען, דא איז ניטא ניט יענער לעבען, ניט יענער גייסט, אלץ איז דא אהן א נשמה און פוסט".

אזוי ריידען די פרויען. די מענער שווייגען און עסען מיט די אויגען דעם עולם.

איך קוק אויפ'ן עולם, שמייכעל צו זיך און טראכט:

„ארעמע, מיטעליעהריגע פרויען! די מענשען־מאסע, וואס שטורעמט איצט אין טאנץ, ווי עס שטורעמען די וועלען פון א צובייזערטען ים, זיי — די מאסע — איז איצט אויך אינטערעסאנט און פריילאך. דאס איז די עלטער נאר וואס פארשפרייט ארום אייך די קעלט".

אזוי האב איך געטראכט. איך האב גיך פארלאזט די מיטעליאהריגע און האב זיך איינגעוועבט מיט'ן יונגען עולם, וואס האט געטאנצט.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק־מאכער יוניאן אין ניו יארק

צוליעב פארשיעדענע אורזאכען איז דער מיטינג פון דזשאינט באארד לעצטען שבת אוונד געווען א גאנץ קורצער און עס איז דערפאר ניטא פיעל צו באריכ־טען. מיר וועלען דא בלויז איבערגעבען וועגען איינינע קאמיטעס, וואס זיינען אויפגענומען געווארען.

עס ערשיינט א קאמיטע פון דער ס. ענד ב. דרעס קא., 138 וועסט 17טע סט. די ארבייטער פון דיעזען שאפ סטרייקען צוליעב דעם, וואס זייער באס ארבייט פאר א דזשאבער, פאר וועלכען עס אר־בייטען אויך פיעלע מאנופעקטשורערס, וועלכע באלאנגען צו דער וויסט און דרעס אסס'ן, וועמעס ארבייטער עס זיינען אין סטרייק. זיי פארלאנגען, דאס עפעס זאל פאר זיי געטאן ווערען. עס ווערט בא־שלאסען זיי צו צאהלען סטרייק־בענעפיט.

א קאמיטע פון די ארבייטער פון דער פיערלעס דרעס קא. ערקלעהרען, דאס זיי זיינען אין סטרייק צוליעב א געוויסען האלצמאן, וועלכער איז א פארטנער צו דער פירמע און האט אן אנדער שאפ, וועלכער איז אונטער'ן קאנטראל פון לא־קאל 25 און וועלכער איז איצט אין סטרייק. זיי ערקלעהרען, דאס זייער פירמע האט א רייהע סטארס איבער דער שטאדט און דאס די ארבייט, וואס זיי פלעגען מאכען, איז געווען פאר יענע סטארס. עס ווערט באשלאסען, דאס זיי זאלען בלייבען אין סטרייק ביז וואנען האלצמאן'ס שאפ וועט געסעטעלט ווערען און זיי זאלען באקומען סטרייק־בענעפיט.

ברודער זיעגמאן באריכטעט, דאס דער מיטינג פון די טשערליים און פרייז־קא־מיטעס, דאנערשטאג אוונד אין קופער יוניאן, איז געווען א גרויסער ערפאלג. דער מיטינג איז געווען איבערגעפילט און גרויס באגייסטערונג איז ארויסגעוויזען געווארען פאר וואך־ארבייט, ווען נאר דער ווארט איז דערמאנט געווארען.

ער באריכטעט אויך, דאס די סטעמפס פאר דעם 5 דאלארדיגען טעקס איז שוין דא צו פארקויפען אין אלע אפיסעס פון אונזער יוניאן; דאס א מיטינג פון אלע מענעדזשערס פון די דזשאינט באארד־אפיסעס איז אפגעהאלטען געווארען ווע־גען דער אנגעלעגענהייט און עס איז בא־שפראכען געווארען פלענער ווי אזוי זיי זאלען אם בעסטען מיטהעלפען וואס גי־כער איינצוקאלעקטען די געלד פאר'ן סטרייק־פאנד.

ברודער זיעגמאן באריכטעט ווייטער, דאס ער מאכט פארברייטונגען, דאס א צענזוס זאל גענומען ווערען פון יעדען שאפ, כדי מיר זאלען גענוי קענען ווי־סען וויפיעל ארבייטער עס זיינען יעצט באשעפטיגט אין טרייד און ווער די דזשא־בערס זיינען, פאר וועלכע די פירמעס מאכען די ארבייט. דאס, דענקט ער, וועט אונז מאכען א באגריף ווער פאר וועמען עס ארבייט, און אין פאל פון טרא־בעל מיט מאנופעקטשורערס, וועט דאס דער יוניאן גוט צוניץ קומען.

מיט דעם ווערט דער מיטינג גע־שלאסען. ל. לאנגער, סעק.

א יובילעאום יום טוב פאר גענ. א. ליעסין

אין מערץ ווערט 25 יאהר זייט גע־נאסע א. ליעסין, דער רעדאקטאר פון דער „צוקונפט", האט אנגעפאנגען זיין ליטעראַרישע און סאציאליסטישע טע־טיגקייט, וועלכע האט איהם באריהמט געמאכט אין אלע לענדער, וואו עס גע־פינען זיך נאר אידען. אלס דיכטער, פובליציסט און סאציאליסט, האט גענא־סע ליעסין געוואונען די העכסטע און פול־סטע אנערקענונג אי פון די אידישע לי־טעראטען אי פון די אידישע ארבייטער־מאסען.

דיעזע צוויי קלאסען פארעהרער פון ליעסינ'ען האבען באשלאסען אויסצונו־צען די געלעגענהייט פון דעם שלום פון דעם פערטעל יאהרהונדערט פון זיין אר־בייט, אויסצודריקען אויף א פאסיגען אופן זייער ליעבע און אכטונג צו איהם. די „פארווערטס" אסס'ן האט ביי א מי־טינג אפאינטעט א קאמיטע צו ארראנזשי־רען א גרויסען ליעסין יובילעאום יום־טוב; דאס זעלבע האבען געטאן די אי־דישע ליטעראטען.

דער יום־טוב וועט זיין, פארשטעהט זיך, א געמיינשאפטליכער, א פייערטאג פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג און פון דער אידישער ליטעראטור, וועל־מען ליעסין האט אזוי טריי און אזוי טא־לאנטפול געדיענט. צו דעם „פארווערטס" אסס'ן וועלען זיך אנשליסען די געווערק־שאפטען, דער ארבייטער רינג, די גרויסע אינטערנעשאנאלס און די קלענערע יוני־אנס.

די פולע פלענער פון דעם יובילעאום זיינען נאך ניט אויסגעארבייט. פארלוי־פיג האט די „פארווערטס" קאמיטע בא־שלאסען צו ארראנזשירען א פראכטפולען אוונט אין קארנעגי האל, זונטאג, דעם 16טען מארטש. דער פראגראם וועט זיין אויסערגעוועהנליך רייך אין מוזיקאלישע און ליטעראַרישע קרעפטען. די וויכטיג־סטע פארשטעהער פון דער אידישער אר־בייטער באוועגונג וועלען זיך אין דעם אוונד באטייליגען. די איינצעלהייטען פון דעם פראגראם וועלען שפעטער בא־קאנט געמאכט ווערען.

דער אפריל נומער „צוקונפט", וועל־כער וועט ערשיינען דעם אוונד פון יובי־לעאום, וועט זיין געווידמעט אין גאנצען צום יובילאר, איהר אייגענעם רעדאקטאר. דיעזער נומער „צוקונפט" וועט רעדאק־טירט ווערען פון א קאלעגיום פון ליטע־ראטען. ער וועט ענטהאלטען ארטיקלען איבער די אלע פארשיעדענע צייטען פון ליעסינ'ס טעטיגקייט: ליעסין אלס דיכ־טער, ליעסין אלס פובליציסט, ליעסין אלס אידישער סאציאליסט, ליעסין אלס בונדיסט א. ז. וו.

אינגעבארג'ס אויגן האט ניט געלויכטן קיין שום ערווארטונג פון יענעם אווענד.

הארי איזעדאם'ס אויגן האבן געגלאנצט. איך האב קיינמאל ניט געזעהן אזוינע אויגן: זיי האבן ווי פאקלען געברענט אויף זיין פנים, און זיין פנים, וואס האט זיך שטענדיג אויסגעוויזן א בלייכס און א קרענקליכס, איז געווען פאר־צויגן מיט א לייכטן אפשיין פון גליק.

— איהר, מיינע העררען, זיינט דאך באקאנט? געוויס, געוויס, — האט צוגעלעגט אינגעבארג און צושמייכעלט זיך. דערנאך האט זי אנגעהויבן צו ריידען מיט פאצא און איך האב זיך איבערגעביטען מיט א פאר ווערטער מיט הארי איזעדאם. — לעבט זיך איהם גוט אין רויטענבוך?

זעהר שעהנע וועלדער, ניט אמת? וואונדערבארע וועל־דער! יא, אויסער דעם האט ער נאך אין זיינע גיטער א טייך.

איהם לעבט זיך זעהר גוט אין רויטענבוך!... זיינע אויגען האבן אנגעהויבן צו גלאנצען, זיי זיינען געווארען עהנליך אויף דונקעלע גריבלעך, וואס זיינען אנגעפילט מיט ערדעל־שטיינער. ניט ווילענדיג האב איך די גאנצע צייט גע־קוקט אויף די גלאנצענדיגע אויגען.

ער איז איצט פארנומען מיט שרייבען אן אפערע. דאס ארומרייזען און די קאנצערטען וויל ער אין גאנצען ווארפען. הארי איזעדאם האט געהאט ברייטע ליפען, וואס זיינען זיך שארף צוזאמענגעקומען ביי די ווינקלען פון מויל; זיי האבען דערמאנט שטיקלעך פון אן אראנזש און זיינען געווען רויט.

די מענער האבען אנגעטאן די היט. אינגעבארג האט זיך לייכט א נויג געטאן. מיר האבען זיך צושיידט.

איך האב זיך פארדרעהט אין דעם נאהענטסטען זייטיגען שטעגעל און פאררויכערט מיין לולקע. פאר מיינע אויגען האבען זיך פיעלע געשעהענישען אנגעהויבען צו דרעהען אין דעם רויך פון דער לולקע.

פאצא האט אנגעשטרענגט געקוקט אויף מיר. ער האט מיך גוט געקענט און ווען איך פלעג מיט איהם אנהויבען רעדען, פלעגט ער הויך אונטערשפרינגען און מיר א לעק טאן.

איך האב צארט געגלעט זיין פלייצע, — ארויף און ארונטער.

א פאר טעג ארום. איך בין געגאנגען מיט אינגעבארג אויפ'ן שפיץ בארג ביים זוים פון וואלד. איבער'ן וואלד איז געשטאנען די זון אין רויטען ליכט; ווי א שווארצער קראגען פון שפיצען האבען די שאטענס זיך געלעגט איבער'ן בארג. איבער דעם דאזיגען קראגען פון שפיצען זיינען מיר געגאנגען הויך איבער' טאל מיט זיינע קליינע דערפלעך און גלאנצענדיגע טייכלעך. זון־פלעקען האבען געציטערט אויף אינגעבארג'ס קלייד און פנים; מיר האבען ניט גערעדט צווישען זיך. פאצא איז געגאנגען נעבען אונז; מיט פארגעניגען האט ער זיינע שלאנקע פיס געשטעלט אין דעם הויכען, זאפטיגען גראז.

א דאנק דער רעפלעקטירונג פון דעם גראז און די בוימער האט אינגעבארג'ס פנים אויסגעזעהן גרין; טיילמאל האט זיך באוויזען די זון. דאמאלס האט זיך איהר פנים אויף א ווילע גענומען רויטלען.

אינגעבארג האט וועגען עפעס געטראכט; אלע איהרע געדאנקען האבען זיך קאנצענטרירט אויף דעם.

מיר זיינען צוגעגאנגען צו א באנק און אינגעבארג האט ארויסגערעדט: — זאלען מיר זיך אפשר צוזעצען אויף א פאר מינוט? — פרעגענדיג דאס, האט זי פון דער זייט א קוק געטאן אויף מיר. איך בין איהר געווען דאנקבאר פאר'ן בליק און פאר די נארנישט זאגענדיגע ווערטער. זי האט עס דערפיהלט און נאך א מאל א קוק געטאן אויף מיר, ווי זי וואלט געוואלט אויספרובירען דעם אויסדרוק פון מיין פנים. איך האב דאס זעהר גוט באמערקט. איך האב אנגעלעהנט די ביקס אן א בוים. פאצא האט געהיט די ביקס.

א פויגעל האט זיך צעזונגען הינטער דער באנק. איך האב גענומען זיך איינהערען: וואס איז דאס פאר א פויגעל. דאס איז געווען א פויגעל, וואס איך האב ביז דאמאלט ניט געהערט. מעגליך, ער האט דא אהער פארבלאנזשעט.

איך האב זעהר גוט געזעהן, אז פיעלעס האט זיך געביטען. איך בין געזעסען לעבען אינגעבארג און מיין הארץ האט גע־קלאפט. אינגעבארג איז געזעסען מיט א גלייכגילטיגען, אויס־דרוקסלאזען געזיכט, דעם קין אנגעשפארט אויף דער האנד און מיט נייגעריגקייט געקוקט אויף די יונגע גרילען, וואס זיינען ארומגעשפרונגען אין גראז.

א דינער קנייטש האט זיך געלעגט צווישען אינגעבארג'ס ברעמען. איך האב ניט געוואגט אנצוהויבען ריידען מיט איהר. אויב זי איז אין א שלעכטער שטימונג, פאר וואס־זשע געהט זי אין גאנצען ניט אוועק?

זי איז געזעסען אזוי נאהענט צו מיר, אז איך האב ניט געקענט אוועקלעגען די הענד נעבען מיר, ניט אנריהרענדיג זי. מיט אמאל האט דאס בלוט מיר א זעץ געטאן אין קאפ אריין: אזוי נאהענט איז זי געזעסען. איך האב געפיהלט איהר וואר־עמקייט.

איך בין געזעסען און ניט גערירט זיך. איך האב גע־טראכט פון דעם דינעם קנייטש צווישען אינגעבארג'ס ברעמען. זי האט געקענט זיך שפאסען מיט מיר, יא — דאס איז געווען אין איהר מאכט. אן איינציגער זשעסט — און איך וואלט פארשוואונדען און קיינמאל זיך ניט באוויזען פאר איהרע אויגען. איך וואלט פארלאזען די אלע ערטער, אויב זי וואלט דאס נאר פארלאנגט: מיין געוועזענהייט דארף ניט שטערען איהרע שטימונגען.

שעהן האט דער טאל זיך צושפרייט ביי אונזערע פיס, און אלץ, אפילו דער קליינער קנייטש צווישען אינגעבארג'ס ברעמען, איז געווען רייצענד. טיף אונטען האט דער פויער געשניטען מיט א גלאנצענדיגער קאסע; ער האט אויסגעזעהן אזוי קליין ווי א מוראשקע. אויף דער גרינער לאנקע אונטען האט עפעס געגלאנצט ווי ערדעל־שטיין. דאס איז געווען בלויז א שטיקעל גלאז, — דאס האט געגלאנצט א צובראכענע פלאש. קעגענאיבער זיינען געווען צעווארפען הייזלעך; אומעטום האט שטילקייט געהערשט. עס האט זיך געדאכט, אז זיי זיינען אונ־באוואוינט.

פלוצים האט זיך באוויזען פון קארן־פעלד א רידעל, דאן א הוט, דערנאך א קאפ; דער קאפ האט זיך אויפגעהויבען און ארונטערגעלאזען זיך און ווידער פארשוואונדען אין קארן. דער רידעל איז פארשוואונדען צוזאמען מיט'ן קאפ.

דער דאזיגער טאנצענדיגער קאפ האט מיך ארויסגעשלעפט פון מיין פארטראכטקייט. א געוועהנטער, אונזיניגער גע־דאנק האט זיך דורכגעטראגען דורך מיין קאפ. אפשר ארומ־נעהמען אינגעבארג און זאגען: „איהר ווייסט? גוט איז צו זיצען דא צוזאמען מיט אייך און קוקען אין טאל. גאנצע שטונדען וואלט איך געקענט דא זיצען מיט אייך, ווען איהר זאלט אפילו קיין ווארט ניט ארויסריידען.”

איך האב באוועגט מיט די ליפען, באלעקט זיי און געזאגט:

— גוט צו זיצען דא און קוקען אין טאל.

אינגעבארג האט א שאקעל געטאן. יא — האט זי געזאגט.

אין טאל איז געגאנגען דער מענש מיט'ן רידעל. ער האט אויסגעזעהן א קליינער, א בלויער. מיין הארץ האט זיך צו־זאמענגעקוועטשט. דאס שטיקעל גלאז געגענאיבער אונז אין טאל האט אויפגעהערט צו גלאנצען; שאטענס האבען זיך גע־לעגט אויף דער ערד. איך האב געווענדט מיין בליק אויף די הייזלעך, וואס זיינען געשטאנען געגענאיבער אונז. זיי זיינען געווען באוואוינט: פריהער איז איין טיר געווען אפען, איצט האט מען זי פארמאכט. פון דעם וואלד, וואס האט פארדעקט א האלבען בארג, איז עפעס ארויסגעקראכען. עס איז געווען עהנליך אויף א וועגעלע, וואס איז געפיהרט פון ווייסע מייז. עפעס ווייסעס איז געגאנגען ביי דער זייט, עפעס ווייסעס איז געלעגען אויף דעם וועגעלע. דאס איז געווען דער מילנער, וואס האט געפיהרט זעק אויף א וואגען, וואס איז געווען איינגע־שפאנט מיט א פאר ווייסע פערד. דער קארן האט פארדעקט די פיס פון די פערד. דאס וועגעלע איז צוגעפאהרען צו א קליין פויעריש הייזעל. דאס וועגעלע האט זיך אפגעשטעלט און אייניגע מענשען זיינען ארויסגעגאנגען פון דער טיר. דאס דיענסט־מיידעל האט פאנאנדערגעבונדען די זעק און די מעהל האט זיך אויפגעהויבען פון זיי, פונקט ווי אימיצער וואלט אויס־געשאסען.

דאס אלץ האב איך געזעהן אונגעוועהנליך קלאר און מיין הארץ האט זיך צוזאמענגעקוועטשט.

אינגעבארג האט א ריהר געטאן מיט איהר פוס, — איך האב זיך דערשראקען. זי האט ווידער אמאל א ריהר געטאן מיט'ן פוס, — איך האב זיך ווידער דערשראקען. יא, אט שטעלט זי זיך אויף. מיר האבען גענומען געהן. אין וואלד האט גענומען ווערען דונקעלער, די דונקעלהייט איז געווארען אלץ שווארצער. דער הימעל האט געווארפען זיין ווייך־רויטען שיין דורך די שווארצע בערג. לאנג איז געווען אונזער וועג. מיר האבען גארנישט גערעדט צווישען זיך.

א פויגעל האט גענומען צוויטשערען. איך האב א שמייכעל געטאן. אינגעבארג האט אנגעשטרענגט געקוקט אויף מיר.

— מיר דערמאנט זיך איצט א חלום, פריילין היזעלהער, — האב איך געזאגט. איך האב גערעדט זעהר גיך; איך האב גע־פיהלט, אז איצט קען איך ריידען און א פרייד האט ארומגע־נומען מיין הארץ. — מיר דערמאנט זיך א חלום. אפטמאל טראכט איך: ס'ארא זאנדערבארע זאכען פאסירען מיט דער מענשליכער נשמה! איך האב היינט קיין פארלאנג ניט צו באגעהן א גנבה, אבער מארגען קומט אזא פארלאנג און איבער־מארגען טו איך עס טאקע, אבער מיט דריי טאג צוריק האב איך אפילו וועגען דעם ניט געטראכט. אט זעצט מען מיך אין גע־פענגניש און איך הויב אן צו טראכטען וועגען זיך אליין. מיט אמאל דערמאן איך זיך, אז מיר איז שוין אמאל געקומען א געדאנק צו גנב'ענען... יא, אבער וואס רעד איך דאס אלץ איצט? דאס האט גאר נישט צו טאן מיט אונז. ניט דאס האב איך געוואלט זאגען. איך האב געוואלט זאגען, אז אין אונזער נשמה לעבען וואונדערבארע פארלאנגען און מיר ווייסען ניט פון זיי. אבער וואס האב איך פארט געוואלט זאגען? איך האב אייך געוואלט דערצעהלען פון א חלום, וואס האט זיך מיר גע'חלומ'ט. מיר חלומ'ען זיך אויסערגעוועהנליך זאנדער־בארע זאכען. שטעלט אייך פאר, מיט א פאר וואכען צוריק האב איך געהערט אין חלום א שטימע. א, ס'ארא שטימע איז דאס געווען! באצויבערענד שעהן איז זי געווען. איך ליג אין בעט און מיר חלומ'ט זיך, אז איך ליג אין בעט און אימי־צענס שטימע רעדט מיט מיר. הערט זיך איין ס'ארא מאדנעם געשפרעך מיר האבען צווישען זיך געפיהרט, — די דאזיגע שטימע און איך. די שטימע האט געזאגט, אז זי וויל בלויז מיך און ניט דעם בורשטינענעם לייכטער און ניט די פערל־מוטערנע פאנטאפעלעך. „ניין, ניין. בלויז דיך אליין”, — האט געזאגט די שטימע. איך בין מיר געלעגען און געשמיי־

(שלוס אויף זייט 18)

א פארשפּעטיגטע באגריסונג

פון ס. שאר.

עס איז ניט אזוי די ארימקייט און ליידען פון די ארבייטער־מאסען וואס טוען מיר וועה, ווי דער פאקט, אז די שטראהלען פון ו ו י ס ע ן האבען ניט דורכגע־דרונגען זייערע מוחות.

קארלייל.

בכלל איז דאס ארויסגעבען פון אן ארבייטער צייטונג אן ערפרעהענדע פאסי־רונג. בפרט איז דאס געבוירען ווערען פון א ריינער טרייד־יוניאניסטישער צייטונג א זעלטענער ערמוטיגענדער מאמענט אין דעם לעבען פון אונזער באוועגונג. מיר קענען ערווארטען צו האבען סאלי־דע, איינפלוסרייכע ארגאניזאציאנען נור אינ'ם פאל ווען די מיטגליעדער וועלען זיין אינטעליגענט און באוואוסטזיניג. ניט בלויז מוזען מיר באקעמפפען די אכזריות פון די פאבריקאנטען, נור אויך, און אפשר פיעל שטארקער מוזען מיר זוכען אויסצו־ראטען די אונוויסענהייט אין אונזערע ריי־הען.

די אונוויסענהייט איז אונזער גע־פעהרליכסטער שונא. זי, די בלינדע מכשפה, פארשפרייט מיסטעריען, מיספאר־שטענדניס וואס גראבט אונטער דעם סאר־מע פונדאמענט פון א יוניאן. ערשט ווען די אונוויסענהייט וועט פארטריבען ווער־רען פון דער ארבייטער־גאס, וועט אונ־זער באוועגונג באקומען א געזונדערן און שטאנדהאפטיגען כאראקטער.

קענען מיר געפינען די רפואה אין דער אלגעמיינער טעגליכער פרעסע? ניין. דיזע פרעסע בויעט דאך אייגענטליך איהר עקזיסטענץ אויף דער אונוויסענהייט פון די מאסען. לשם צירקולאציאן איז דאך יעדער מיטעל הייליג...

און וואס אנבעטרעפט דעם „פאר־ווערטס”, די „פרייע ארבייטער שטימע” און אז. וו., איז כאטש זיי זיינען פון אונשאצבארען ווערט פאר דער ארבייטער באוועגונג, זיינען זייערע אויפגאבען אזוי פיעלפאכיג דאס זיי קענען זיך ניט ווידמען ספעציעל דעם טרייד יוניאן געדאנק.

און סיידען דיזער געדאנק און די גע־שיכטע פון דיזען געדאנק וועלען ניט ווער־רען טיעף איינגעווארצעלט אין די מוחות פון די ארבייטער וועט אונזער באוועגונג ניט האבען קיין האפט.

און מיר שיינט, אז דיזע וויכטיגע פאר־אנטווארטליכע אויפגאבע האט ניט גע־קענט אנפארטרויעט ווערען צו קיין פאר־סענדערע פערזאן ווי צו דעם געניטען, קלו־גען און מוטיגען ש' יאנאווסקי. ער, וואס האט הינטער זיך אזא גלענצענדע זשור־נאליסטישע פארגאנגענהייט וועט אהן ספק פארשטעהן ווי אזוי צו מאכען אונ־זער ארגאן אינטערעסאנט און באלעה־רענד.

איצט, בעת אונזערע ארגאניזאציאנען מאכען דורך אזא ערנסטע צייט, איצט, בעת די סאמע עקזיסטענץ פון דעם פאר־באנד איז אין געפאהר, איצט, בעת די אונגערעכטיגקייטען פון די באלעבאטים האט אזוי עזות'דיג פארריסען דעם קאפ, איז דען ניטא עפעס ערהאבענעם און סימ־באלישעס אין דעם ערשיינען פון אונזער „גערעכטיגקייט”, וואס זאל הויך פראר־קלאמירען פאר דער וועלט אונזער רעכט און פרייהייט?

צו אלע ווייסט און דרעס־מאכער סטרייקערס.

אויב אירגענד וועלכער סטרייקער זאל זיך נויטיגען אין מעדיצינישער הילף, זאל ער זיך גלייך ווענדען צום יוניאן מעדיקאל קליניק, אונטער דער אויפזיכט פון דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל, 23 איסט 16טע סטריט, רום 911.

דארט געפינט זיך צו יעדער צייט א דאקטאר און צוויי נורסעס, וועלכע זיינען גרייט אייך באהילפיג צו זיין.

דר. דזש. מ. פרייס, דירעקטאר.

...ן געטאָן פיעל מעהר ווי מיר האָבען ... פאָרגעשטעלט. די אַלגעמיינע יו־ ...יאָן אבער, דער דזשאָינט באָארד פון ...ר קלאוק מאכערס יוניאָן, האָט זיך ... אַלץ געהאַלטען פון אונז פון ווייטען ...ן אונזער פאַרלאַנג אונז אריינצונעהמען ...ין דעם דזש. באָארד איז אָפּגעלייגט גע־ וואָרען פון איין טאָג אויפ'ן צווייטען.

מיר מאכען זיי דערפאַר קיין פאָרוויר־ פען. מיר פאַרשטעהען די אורזאַכען וואָס האָבען זיי געמאַכט אַזוי צו האַנדלען. זינט דעם גענעראַל סטרייק, האָבען זיי בסדר געליטען פון אינערליכע מחלוקות, פון דער זאָגענאַנטער לאָקאַל 1 אָפּערע. זיי האָבען קיין צייט ניט געהאַט אריינ־ צוטראַכטען זיך און אויסצוגעפינען אַז די אַלטע פאָראורטיילע נעגען אונז זיי־ נען פאַלש און אונבאַגרינדעט. אונז אבער האָט דיזער צושטאַנד געטאָן פיעל שאַ־ דען און הגם מיר האָבען דאָ און דאָרט אויסגעקעמפט העכערע שכירות און קיר־ צערע שטונדען, האָט אבער קיין רייד ניט געקאָנט זיין פון ארגאַניזירען דעם טרייד אָהן די הילפע פון דעם דזשאָינט באָארד.

אונזער מעמבערשיפּ, באַשטעהענד פון אַרום 3-4 הונדערט, האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטען אויסגעצייכענט. אונזערע דיוס איז 26 סענט א וואָך און אונזערע מעמבערס זיינען פּינקטליכע צאָהלער. ביי אונז איז איינגעפיהרט, אַז ווען אַן אַר־ בייטער קריגט א רייז, דאַרף דער רייז פון דער ערשטער וואָך אוועקגעגעבען ווע־ רען דער יוניאָן. מיר האָבען אויך דורכ־ געפיהרט איינינע סוקסעספולע אונטער־ נעהמונגען און ווען דאָס אַלעס איז געווען ווייניג, האָבען זיי, אום אויפצוהאַלטען דעם לאָקאַל, איהם אויסגעליהען אַרום טויזענד דאָלאַר פון די אייגענע פּאַ־ קעטס, ער זאָל קענען ערפאָלגרייך אָנ־ פיהרען דעם קאַמפּיין פאַר ארגאַניזאַציאָן אין די קומענדע מאָנאַטען.

די קאָנווענשאַן פון באָסטאָן האָט באַ־ שלאָסען אַז מיר דאַרפען אריינגענומען ווערען אין דעם דזש. באָארד און יעצט זיינען מיר שוין א טייל פון דער אַלגע־ מיינער יוניאָן. די פאָראורטיילע הערען אויף. די אָפּיסערס פון דזש. באָארד, אַזוי גוט ווי די טעטיגע מעמבערס, האָ־ בען זיך מיט אונז גענומען מעהר אינ־ טערעסירען, סימפּאַטיזירען און העלפען. מיר האָבען די אַמביציע צו עטאַבלירען א לאָקאַל וואָס זאָל זיין א שטאָלץ און א ציהרונג פאַר אונזער אינטערנעשאַנאַל. מיר גלויבען אַז די צייט איז אַצינד רייף פאַר די עמאַנציפּירונג און ארגאַניזירונג פון דעם גאַנצען עקזאַמינער פאַך. הויפּט־ זעכליך איז אונזער איבערציינונג באַגרינ־ דעט דאַרויף וואָס די אַלגעמיינע וואָך אַרבייט ווערט אין גאַנצען אַבווישען דעם אַבגרונד צווישען אונז עקזאַמינערס און די יעצטיגע שטיק אַרבייטער, און דאָס ווערט מעגליך מאַכען פאַר אונז זיך צו אַסימילירען אַזוי, אַז נאָר גיך זאָל א יו־ ניאָן פון עקזאַמינערס זיין נאַטירליך און זעלבסטפאַרשטענדליך ווי די לאָקאַל יו־ ניאָנס פון די אַנדערע פאַכען, און דער פאַרשטויסענער עקזאַמינער זאָל פאַרבע־ סערען זיין לאַגע צוזאַמען מיט דעם גאַנ־ צען קלאַס צו וועלכען ער געהערט.

דער יוניטי כאָר

פון דער וועסט און דרעס־מאַכער יוניאַן, לאָקאַל 25.

מיר ווענדען זיך צו אַלע מעמ־ בערס פון אונזער יוניאָן, וואָס באַ־ זיצען שטימען צום זינגען און האָ־ בען א פאַרלאַנג זייערע שטימען אויסצובילדען און ענטוויקלען, און זיך אויסלערנען זינגען ווי עס גע־ הער צו זיין, — צו זיי ווענדעט זיך דער יוניטי כאָר מיט א פאָרשלאָג זיך אַנצושליסען אַן דעם יוניטי כאָר. געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט און פערזענליכער אונ־ טערריכט פון מיס ל. עליאָט. פון דעם כאָר קאָנט איהר פיעל לערנען, פיעל געווינען און גאַרניטפאַרלירען.

יוניטי כאָר ריהורסעלס יעדען שבת, 1.30 נאָכמיטאָג, אין אונזער יוניטי צענטער, פּ. ס. 40, 314 א. 20טע סטריט.

אינגעבאָרג

א ראָמאַן פון ב. קעללערמאַן

(פאָרזעצונג)

פונקען האָבען זיך געשאָטען פון מיין לולקע, און מיר האָט זיך יעדעס מאָל אויסגעוויזען, אַז איך זעה מיין פרעהליך פּנים.

די שנעל־ארויסגעזאָגטע, שרעקעדיגע ווערטער פון אינגע־ באָרג האָבען זיך אָהן אויפהער געטראָגען דורך מיין קאָפּ. זי איז געשטאַנען פאַר מיר, די האָר צולאָזען, דאָס פּנים בלייך און פול מיט טרויער. ווי שעהן און ריהרענד איז זי געוועזען און ווי האָבען געלויכטען איהרע גלאַנצענדיגע אויגען! וואָהר־ האַפטיג, איך האָב נאָך איצט געזעהן זייער גלאַנץ.

איך האָב א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. ווי מאָדנע איז דעם מענשענס לעבען, אַז ער איז גרייט צו פאַלען אויף דער ערד פאַר א פרעמדען און אונטערטעניג זיך בוקען צו איהם, אויב זיין צייט איז געקומען.

איך האָב געטראַכט וועגען דער יונגער מיידעל, וועגען איהרע צאַרטע, ציטערדיגע ווערטער און איך בין געווען טיף גערירט. דער פריהלינג איז געקומען, יאָ — און זי האָט געגען עס גאָרנישט געקענט טאָן.

און גאָט'ס ווילען איז געווען, אַז זי זאָל זיך ווענדען צו מיר, צו וועמען עס זיינען גראָד דאַמאָלט אָנגעקומען טעג אָהן פאַרלאַנגען; צו מיר, וואָס איז געווען מיד, זעהר מיד פאַר ליעבע, וואָס פאָדערט דעם גאַנצען מענשען, — שוין צופיעל מיד.

עס איז געווען א צייט, ווען דער בליק פון דער דיענסט פלעגט ווי פייער דורכלויפען דורך מיינע אָדערען און גאַנצע נעכט פלעג איך חלום'ען פון דעם דאָזיגען הייסען בליק, נאָר איצט זיינען אָנגעקומען טעג אָהן פאַרלאַנגען, טעג ווען עס דרימעלט איין דאָס בלוט.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, פאַרקוקט זיך אויף די שווי־ מענדע וואָלקענדלעך און א מיטגעפיהל צו דער באַליידיגטער אינגעבאָרג האָט מיך ארומגענומען.

איך האָב זי געוואָלט אָניאָגען און דורכשמועסען זיך מיט איהר. „א דאַנק, א דאַנק", — האָב איך איהר געוואָלט זאָגען. „איך קען אייך ניט ליעבען, פרייליין אינגעבאָרג, עס זיינען אָנגעקומען פאַר מיר טעג אָהן פאַרלאַנגען, נאָר א דאַנק אייך פאַר אייער ליעבע. אויב איהר ווילט, קומט אַמאָל אריין צו מיר, טעג און נעכט בין איך גרייט צו שמועסען מיט אייך; איך וויל זיין אייער פריינד. מיר איז אונאַנגענעהם באמת, ווייל אין אַזוינע טעג קען איך פיעל ניט געבען, איך בין ענאַ־ איסטיש. דאָס איז דערפאַר, וואָס איך בין גליקליך מיט זיך אַליין."

נאָר איך האָב זי ניט אָנגעיאָגט: איך בין געגאַנגען ווייטער.

איך האָב געטראַכט: „מעגליך, אַז איך בין אַזוי רייך און גליקליך בלויז דערפאַר, וואָס זי ליעבט מיך. זי שענקט מיר איהרע געדאַנקען, איהר ליעבע פון דער ווייטענס און איך ווער אַזוי פרעהליך און לוסטיג, און זי — אַזוי אָרעם און אומגליקליך. זי וואַרפט זיך אויף דער ערד און יאָמערט און אין דעם זעלבען מאָמענט נעהמט מיך ארום א פרייד, אַן אונערקלעהרבאַרע, טיפע פרייד. איך אָטעם טיף און פריי! ניין, קיינער קען דאָס ניט זאָגען."

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזען אַלץ ווייטער און ווייטער איבער'ן פינסטערען וואַלד־וועג און איך האָב ביי יעדען טראָט געטראַכט, אַז איך דאַרף זיך אומקעהרען און דורכרעדען זיך מיט איהר.

איצט געהט זי איבער'ן רוישענדען וואַלד מיט שטילע טריט, דורכגענומען פון קעלט, און טראַכט פון דעם מענשען מיט דעם מיר געוואָרענעם האַרץ. דער ווינד בלאָזט און זי הוסט. אָט איז זי אָנגעקומען אַהיים, אויסגעטאָן דאָס קלייד, דאָס שעהנע, ליכטיגע פריהלינגס קלייד, און עס א וואָרף געטאָן אונטער'ן בעט. זי וויל עס מעהר ניט אָנקוקען. אָבער אין שפּיגעל איז נאָך אַזוי ווי איבערגעבליבען איהר אָנבליק פון היינטיגען פריהמאָרגען. וועל איך איהם געפעלען? — האָבען שמייכלענדיג געפרעגט די ליפּען. די אויגען האָבען געענט־ פערט: יאָ, יאָ, דו וועסט איהם געפעלען... זי האָט אַרונטער־ געלאָזען די ברעמען...

איך האָב זיך אַלץ ווייטער אַראָפּגעלאָזען איבער'ן בער־ גיגען וועג און דערביי זיך געוואָלט אַלץ אומקעהרען צוריק. וואונדערבאַרע ווערטער האָבען געקלונגען אין מיין קאָפּ.

יאָ, איך מוז זיך אומקעהרען און זאָגען איהר, אַז מען דאַרף האָבען געדולד מיט מיר. יאָ, געדולד! אַז זי איז שעהן, יאָ, צויבערליך שעהן.

איך בין געגאַנגען און געגאַנגען. מיין געדאַנק איז גע־ וואָרען אַלץ דונקעלער.

מיט אַמאָל האָט זיך געעפענט מיין האַרץ.

פונקט ווי א קנאָספּ האָט עס זיך צועפענט, איך האָב עס דערפיהלט. א ציטער האָט דורכגענומען מיך, — אַזוי ווי אַן אויסגעשריי פון פרייד וואָלט זיך צוטראָגען דורך מיין בלוט.

איך האָב זיך אומגעקעהרט און אָנגעהויבען צו קלעטערען באַרג ארויף, אין אָנפאַנג פּאַמעליך און דערנאָך מיט ניכע טריט. דער ווינד האָט אונטערגעיאָגט מיך, דער וואַלד איז געווען פול מיט געריוש, וואָס האָט מיך געמאַכט אויפשוידערען ביז דער טיפעניש פון מיין נשמה.

איך בין געגאַנגען און געגאַנגען. איך האָב שוין איצט ניט געהאַלטען אין אָניאָגען אינגעבאָרג. איך בין געגאַנגען איבער'ן פינסטערען וואַלד אַלץ ווייטער און ווייטער. פּלוצים האָט זיך פאַר מיר אין וואַלד באַוויזען דער שלאָס מיט זיינע פיעלע באַלויכטענע שויבען.

ער האָט מיר אויסגעוויזען ווי א פעסטונג. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט.

.7

אפשר זאָל איך אריינגעהן אין שלאָס מיט די פיעלע באַ־ לויכטענע פענסטער און דער דיענער זאָל איבערגעבען: עמיץ וואַרט אין קאָרידאָר מיט'ן הוט אין האַנד?

עס האָט זיך געגעהנטערט דער פריהמאָרגען, עס האָט געבלויט דער טאָג. איך האָב ארויסגעקוקט פון מיין פענסטער, וואָס איז ארויסגעגאַנגען אין פּאַרק און געהערט דאָס געזאַנג פון די פייגעל. זי האָט ארויסגעזונגען פון דער בלויער שטיל־ קייט פון פריהמאָרגען, ווען אַלץ אַרום איז נאָך געשלאָפען.

א גאַנצע נאַכט האָט זי געזונגען, ביז עס איז ארויס די זון. דער פריהלינג האָט איהר ניט געלאָזען שלאָפען. אָפּט האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגען איהר זינגען, נאָר היינט האָב איך פאַרשטאַנען דאָס קליינע פייגעלע, — און מיין האַרץ האָט א ציטער געטאָן. איך האָב גוט געוואוסט, וואָס דאָס האָט באַדייט. בלויז אומגליקליכע און גליקליכע ציטערען ביים גע־ זאַנג פון פייגעל. מיין האַרץ האָט זיך צוזאַמענגעדריקט ביי יעדען קלאַנג און ווען זי האָט אָנגעהויבען צו צווייטשערען אַזוי שטיל, אַז מען האָט קוים געקענט הערען, האָב איך זיך דער־ שראָקען, כ'האָב האַלב געפּעפּט דאָס מויל און מיין אָטעם האָט זיך אין גאַנצען אָפּגעשטעלט.

מיין צייט איז געקומען!

איך האָב צוגעדריקט די הענד צום פּנים, א שמייכעל געטאָן און א קוש געגעבען מיינע הענד.

מיין צייט איז געקומען!

מיין קאָפּ איז פול מיט נעבעל, א גאָלדענער נעבעל איז אין מיין קאָפּ. עפּעס דרעהט זיך אין מיין מאָרך. מיין האַרץ קלאַפּט.

איך וואַגעל איבער אַלע ווינקלען, איך באַטאַפּ די טישען, שראַנקען, פונקט ווי זיי וואָלטען געווען געמאַכט פון לעבעדיג פלייש. איך שלעפּ זיך איבער אַלע ווינקלען און רעד מיט זיך אַליין. איך פאַרציה די גאַרדינען און אַלץ אַרום ווערט גאָלד. אין א גאָלדענעם צימער זיץ איך און איך שמייכעל צו זיך אַליין. איך נעהם דעם שטעקען און לאָז זיך אין וועג. מיט גיכע טריט געה איך. מיינע טריט קלינגען אָפּ אויף די דרעמ־ לענדע בוימער, די הינד בילען. איך שמייכעל. עס שמייכלען די שטערען.

איך האָב באַפוילען איינשפּאַנען די ברישקע און כ'בין אוועקגעפאָהרען אין שלאָס פון גראַף פלוגען.

איך האָב זיך ריין אָפּגענאָלט און פאַרזיכטיג אָנגעטאָן דעם ווייסען קראַוואַט. אינגעבאָרג האָט זיך ניט באַוויזען.

גראַף פלוגען איז געווען אויסערגעוועהנליך העפליך. דאָס איז געווען א הינקענדיגער זקן מיט א לאַנגער באָרד; ער האָט מיר אויסגעזעהן ווי א קאַרליק. איך האָב פאַרפיהרט א לאַנגען שמועס, איך האָב אָנגעהויבען צו דערצעהלען פון ווייטע לענדער, וועגען דעם ווי עס לייכט ביי זיי די זון. אינגעבאָרג האָט זיך ניט געוויזען.

אין אָוועגד זיינען פאַרביי מיין הויז דורכגעפאָהרען בריטש־ קעס. איך האָב ניט באַמערקט ווער איז געזעסען אין זיי. איבער'ן רויטענבוך האָבען זיך געהויבען פאַרשידענאַרטיגע ראַקעטען. „א יום טוב" — האָב איך א טראַכט געטאָן. אין מיטען נאַכט האָבען ווידער אַמאָל די בריטשקעס זיך דורכגע־ טראָגען איבער'ן בערגיגען וועג. אינגעבאָרג איז געזעסען אין דער פאָדערשטער בריטשקע; איך האָב זי דערקענט נאָך איהר הוט, נאָכ'ן ציטערדיגען קלאַפּען פון מיין האַרץ.

האַרי איזעדאָם איז צוויי מאָל אין לויף פון א וואָך פאַרביי־ געגאַנגען פאַרביי ערדעהאָף; ניך איז ער ארויפגעגאַנגען אויפ'ן באַרג און פּאַמעליך זיך ארונטערגעלאָזען פון באַרג. דאָס לע־ בען איז זיך געגאַנגען זיין וועג.

פונקט ווי א אינגעל, וואָס קוקט אריין דורך א שפּאַלט אין א צירק, האָב איך געקוקט אויף דעם לעבען. עס האָט גע־ שווינדעלט און געציטערט פאַר מיינע אויגען.

א שטיל, א טריב און טרויעריג געזאַנג האָט איין מאָל אין אָוועגד אויפגעקלונגען אין מיין נשמה.

א קעלט איז דורכגעלאָפען דורך מיין הויט...

איינמאָל אַן אָוועגד, ווען דער וואַלד האָט געברענט ביים אונטערגאַנג פון דער זון מיט א רויטען פייער, האָב איך באַ־ געגענט אינגעבאָרג און האַרי איזעדאָם אויפ'ן באַרג. זיי זיינען געגאַנגען איבער'ן וועג מיט גרויסע בוקעטען פון לאַנדישען אין די הענד און געלאַכט. איך האָב דאָס באַמערקט, איך האָב עס געהערט. שמייכלענדיג זיינען זיי ביידע צוגעגאַנגען; אין

די לעצטע גרויסע סטרייקס אין אמעריקא

פון א. זעלדין.

True translation filed with the Postmaster at New York City, on Feb. 14, 1919, as required by the Act of Congress, apprroved Oct. 6th, 1917, knownas the "Trading with the Enemy Act."

די סטרייק באוועגונג, וואס האט זיך אנגעפאנגען דא אין לאנד אין מאנטאנא און אויף דעם פאסיפישען ים־ברעג, האט אין זיך זעהר א גרויסע עהנליכקייט צו דער סטרייק באוועגונג אין ענגלאנד. אפגעוויזען פון אלע געשרייען „באלשעוויזם“, וועלכע הערען זיך דא אין אמעריקא, פונקט ווי זיי הערען זיך אין ענגלאנד, זיינען ביידע סטרייק באוועגונגען באמת ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי אן אפענער רעוואלט פון די ארבייטער געגען די אלטע מעטאדען פון דעם טרייד יוניאניזם און זיינע פיהרער. אין אנדערע ווערטער — די סטרייק באוועגונג אין ענגלאנד און אין אמעריקא איז דער אויסדרוק פון דעם שטרעבען פון די ראדיקאלע ארבייטער פאר מעהר דעמאקראטיע אין דעם טרייד־יוניאניזם.

די סטרייק באוועגונג אין אמעריקא האט זיך אנגעפאנגען, פונקט ווי אין ענגלאנד, צווישען די שיף־בוי ארבייטער — אן אינדוסטריע וואס שטעהט אונטער דער השגחה פון דער רעגירונג, אבוואהל זי ווערט קאנטראלירט פון פריוואטען קאפיטאל. אין ביידע פעלע איז דאס געווען א רעוואלט פון דער זייט פון די ארבייטער געגען דעם פארזוך פון דער רעגירונג צו קאנטראלירען די ארבייטער דורך די טרייד יוניאנס, אדער זייערע נאציאנאלע פיהרער. דאס איז א נייע פאליסי, וואס די ענגלישע און נאכהער די אמעריקאנער רעגירונגען האבען אנגענומען מיט'ן צוועק צו האלטען שלום אין דער אינדוסטריע, הויפטזעכליך אין יענע אינדוסטריען, וועלכע זיינען געווען זעהר וויכטיג פאר דער מלחמה און איצט פאר דעם רעקאנסטרוקציאנס פעריאד. אויב די פאליסי איז געווען ווירקזאם אין דער צייט פון מלחמה באוויזען אבער די איצטיגע סטרייקס, אז זי וועט ניט זיין איבעריג ערפאלגרייך אין דעם פעריאד פון רעקאנסטראקשאן.

דאס ערקלערט זיך אויף א גאנץ פשוטען אופן: כל זמן די מלחמה האט געדויערט, האט דער אפיעל צום פאטריאטיזם פון די אמעריקאנער און ענגלישע ארבייטער א סך מיטגעהאלפען צו האלטען זיי אין צוים. איצט, נאכדעם ווי די מלחמה האט זיך שוין געענדיגט, קען שוין דער אפיעל פון פאטריאטיזם צו די ארבייטער ניט האבען די פריהעריגע ווירקונג, איבערהויפט ווען די ארבייטער ווייסען, אז דאס איז ניט מעהר ווי אן איינזייטיגער אפיעל, ווייל די באלעבאטים אפפערען גארנישט אוים זייער ליעבע צום לאנד און זיי מאכען אזעלכע גרויסע פראפיטען, וויפיעל זיי קענען נאר. איצט איז שוין ניט די פראגע וועגען „מאכען די וועלט זיכער פאר דעמאקראטיע“, „אפשאפען אויטאקראטיע און קייזעריזם“, נאר א פראגע ווער עס זאל קריגען דעם לייבען־חלק פון די פראפיטען פון דער אינדוסטריע. מיר הערען דאריבער די טענה פון די סיאטלער סטרייקער, אז די באלעבאטים מאכען זעהר גרויסע פראפיטען און וויפיעל זיי זאלען ניט נאכגעבען די ארבייטער, וועלען זיי נאך אלץ מאכען זעהר הויכע פראפיטען.

עס איז מערקווירדיג, דאס אין אלע באריכטען אין דער קאפיטאליסטישער פרעסע וועגען דעם גענעראל סטרייק אין סיאטעל, וואשינגטאן, ווערט מיט קיין ווארט ניט דערמאנט וועגען די פאדערונגען פון די סטרייקער, אדער וועגען דעם סכסוך וואס האט ארויסגערופען דעם סטרייק. מען קען זיך פון די באריכטען ניט דערוויסען נעגען וועמען דער סטרייק ווערט אנגעפיהרט. די צייטונגען גיבען בלויז איבער די סענזאציאנעלע זייט פון דעם סטרייק און מעהרסטענטיילס ווילען זיי מאכען דעם איינדרוק, אז דער סטרייק איז שוין געבראכען, אדער אז ער וועט אט־אט געבראכען ווערען. זיי האבען איבערגעגעבען אלס פאקטען די פוסטע באריהמערייען פון דעם מעיאר פון סיאטעל, וועלכער האט ארויסגעגעבען א פריקאז צו די סטרייקער אומקעהרען זיך שבת ביז אכט דעם זייגער אין דער פריה צו דער ארבייט; זיי האבען אויך שטארק צושמירט זיינע סטראשונקעס וועגען שיסען יעדען בונטאוושטשיק, וועגען קריעגס־צושטאנד. די כונה איז זעהר א גוטע. דערמיט וויל די פרעסע ווארשיינליך ערשטענס אינגאנצען דיסקרעדיטירען דעם סטרייק, און צווייטענס, אנצואווארפען א שרעק אויף די ארבייטער אין אנדערע שטעדט זיי זאלען ניט נאכפאלגען דעם ביישפיעל פון די סיאטלער שיף־בוי ארבייטער. דאס האט זיך שפעטער ארויסגעצייגט צו זיין ניט מעהר ווי פוסטע באריהמעריי פון דעם מעיאר מיט דער פרעסע. דער אמת איז, אז די סטרייקער האבען זיך פאר די סטראשונקעס ניט דערשראקען, יעדענפאלס א מאיאריטעט פון זיי, און דער סטרייק געהט אן ווי פריהער.

די לאגע אין סיאטעל, ווי עס זעהט זיך ארויס פון די באריכטען אין דער ארבייטער פרעסע, איז גאנץ אנדערש פון דעם ווי זי ווערט געשילדערט אין די קאפיטאליסטישע צייטונגען. עס זעהט אויס, אז די סטרייק קאמיטע האט מעהר דעה אין שטאדט פון דעם מעיאר און זי שרעקט זיך פאר איהם גאנץ ווייניג. עס ווערט איבערגעגעבען, אז דריי הונדערט געוועזענע סאלדאטען און מאטראזען זיינען איצט אין דיענסט ביי דער סטרייק קאמיטע און זיי האלטען אין שטאדט ארדנונג צוזאמען מיט דער פאליציי. אבער דאס זיינען אלץ פאקטען, מיט וועלכע דער לעזער קען זיך באקענען פון די טעגליכע צייטונגען. דער צוועק פון דעם ארטיקעל איז קלאר צו מאכען פאר דעם לעזער דעם סכסוך וואס האט געפיהרט צום סטרייק. נאך אלעמען דארף מען ניט פארגעסען, אז דער גאנצער גענעראל סטרייק אין סיאטעל איז ניט מעהר ווי א סימפאטיע סטרייק מיט די 25 טויזענד שיף־בוי ארבייטער, וועלכע האבען אנגעהויבען סטרייקען נאך דעם 25טען יאנואר. עס וועט דאריבער זיין גאנץ אם פלאץ צו באקאנען זיך מיט די אורזאכען וואס האבען ארויסגערופען דעם שיף־בוי ארבייטער סטרייק אין סיאטעל.

די טענות פון די שיף־בוי סטרייקער, ווי אויבען געזאגט, זיינען אינגאנצען פארשוויגען געווארען פון דער פרעסע. מיר האבען פאר זיך די טענות פון א דריטען צד, פון דער רעגירונג, וועלכער ברענגט ארויס זעהר קלאר די פרינציפיעלע זייט פון דעם סכסוך. דאס איז א סטייטמענט פון טשארלס פיעז, גענעראל דירעקטאר פון דער עמוירדזשענסי פליט קארפארייש‌אן און פון איהם דערוויסען מיר זיך, אז —

די סטרייקער האבען געבראכען א קאנטראקט, וואס איז געמאכט געווארען צווישען די פארשטעהער פון דער אמעריקען פעדערייש‌אן אוו לייבאר, וואס האט רעפרעזענטירט די שיף־בוי ארבייטער, פון איין זייט, און צווישען דער יונייטעד סטייטס נייווי און דער עמוירדזשענסי פליט קארפארייש‌אן, פון צווייטען זייט.

הכלל, די סטרייקער האבען געבראכען א קאנטראקט, וואס א פארשטעהער פון סעמועל גאמפערס האט אין זייער נאמען געמאכט מיט דער נייווי און דער פליט קארפארייש‌אן, צוויי רעגירונגס דעפארטמענטס. און מיר דערוויסען זיך אויך פון דעם סטייטמענט, ערשטענס, אז די נויטווענדיגקייט אויף שיפען איז שוין ניט אזוי גרויס, ווי זי איז געווען אין דער צייט פון מלחמה, און, צווייטענס, אז מיט זייערע פאדערונגען שטעלען די סטרייקער אין געפאהר די צוקונפט פון דער אמעריקאנער שיף־בוי אינדוסטריע און זייערע אייגענע אינטערעסען.

פון אט די עטליכע באמערקונגען איז שוין קלאר אז דער קאמפף איז א פרינציפיעלער. עס האנדעלט זיך דא ניט בלויז וועגען ארבייטס־שטונדען און ווייזשעס, נאר וועגען דער הייליגקייט פון א קאנטראקט וואס די אמעריקאן פעדערייש‌אן האט געשלאסען מיט דער רעגירונג און וועגען דער צוקונפט פון דער אמעריקאנער שיף־בוי אינדוסטריע.

אז די ארבייטער האבען דעם קאנטראקט געבראכען, זעהט זיך אן פון דער ערקלערונג אויף דעם פאלגענדען אופן: לויט דעם אפמאך מיט דער אמעיקאנער פעדערייש‌אן אוו לייבאר האט יעדער סכסוך צווישען די שיף־בויער און די ארבייטער געדארפט געסעטעלט ווערען פון א קאמיטע פון דריי. איינער פון דער קאמיטע איז באשטימט געווארען פון דעם פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען אלס פארשטעהער פון דעם גרויסען עולם; איינער איז באשטימט געווארען פון סעמועל גאמפערס, אלס פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדערייש‌אן אוו לייבאר, און דער דריטער איז באשטימט געווארען פון דער נייווי מיט דער פליט קארפארייש‌אן.

עס איז אבער געווען נאך א פונקט אין דעם קאנטראקט, אז די באשלוסען פון דער קאמיטע זאלען קענען אפעלירט ווערען צו אן אפיעל באארד פון זעקס, וועלכע זאל באשטעהן פון דריי מיטגליעדער, וואס גאמפערס זאל באשטימען און פון דריי מיטגליעדער וואס די נייווי מיט דער פליט קארפארייש‌אן זאלען באשטימען.

די אויבענדערמאנטע קאמיטע פון דריי האט דריי מאל אויסגעגליכען די סכסוכים צווישען די ארבייטס־געבער און די ארבייטער. דעם לעצטען מאל האט די קאמיטע באשטימט די ווייזשעס פון די שיף בוי ארבייטער אויף $6.40 א טאג. דער קאנטראקט האט געדארפט זיין אין קראפט ביז דעם 31טען מערץ. זיי האבען פארלאנגט אכט דאלאר א טאג פאר געלעהרטע ארבייטער און אויך א העכערען רייז פאר ניט געלעהרטע. דער באשלוס פון דער קאמיטע פון דריי האט די ארבייטער ניט צופרידענגעשטעלט און זיי האבען אפעלירט צו דער אפיעל באארד. די לעצטע, וועלכע באשטעהט העלפט אויף העלפט פון ארבייטער און רעגירונגס פארשטעהער, האט זיך ניט געקענט אייניגען און זי האט זיך דעריבער אויפגעלייזט. דער קאנטראקט פון דער קאמיטע פון דריי איז דעריבער געבליבען אין קראפט און אט דעם קאנטראקט האבען די ארבייטער געבראכען מיט זייער סטרייק.

פון דעם זעהט זיך אן גאנץ קלאר, אז דער סכסוך איז ארויסגעקומען פון דעם צוזאמענשטויס צווישען צוויי באזונדערע טענדענצען — פון איין זייט די טענדענץ פון דער רעגירונג אונטערצואווארפען אין דעם רעקאנסטרוקציאנס פעריאד די אינטערעסען פון די ארבייטער צו די אלגעמיינע אינטערעסען פון דער אינדוסטריע, און אז די רעגירונג מיינט ווייטער ניט צו זיין צופיעל נאכגעביג צו די ארבייטער; און פון דער צווייטער זייט — די טענדענץ פון די ארבייטער פארטצוזעצען צו פארבעסערען זייער לאגע, צי דאס שטימט מיט די פאליסים פון דער רעגירונג און די פעדערייש‌אן פיהרער, אדער ניט.

וואס אנבעלאנגט די פעדערייש‌אן פיהרער, זעהט זיך אן, אז זיי האלטען מיט דער פאליסי פון דער רעגירונג. אלס ביישפיעל קען דינען די ערקלערונג פון טשארלס מאיער, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנעל מיינערס יוניאן, וועגען דעם מיינער סטרייק אין ביוט, מאנטאנא. ער האט געזאגט:

„די קופער מינען אייגענטימער האבען געהאנדעלט יושר'דיג אין באצוג צו די מיינערס דערמיט וואס זיי האבען רעדוצירט די ווייזשעס, אנשטאט דעם זיי זאלען אינגאנצען צושליסען די מינעס און דערמיט ארויסווארפען אין דרויסען טויזענדער מיינערס“.

די רעדוקציאן אין ווייזשעס, האט ער ערקלערט, איז ניט מעהר ווי א נאטירליכער רעזולטאט פון דעם, וואס די קופער מאגנאטען האבען אויף זייערע הענט א גרויסען זאפאס פון קופער, וועלכען זיי האבען אנגעגרייט ערווארטענדיג אז די מלחמה זאל לענגער געדויערען.

עס וועט זיין גאנץ נאטירליך ווען אט די ענטגעגענגעזעצטע טענדענצען זאלען זיך צוזאמענשטויסען איבער'ן גאנצען לאנד.

וואו געהסטו, מיין חבר?

פון י. אדלער.

וואו געהסטו מיין חבר
אין שטויביגען וועג?
וואו ווילסטו פארברענגען
די רעשט פון די טעג?

און ס'ענטפערט מיין חבר:
„איך געה פון דער שטאדט
דערצעהלען, דערצעהלען
די קריוודעס פאר גאט...

„איך געה וואו דעה הימעל
איז פייערדיג־רויט,
וואו ליעב איז דאס ל ע ב ע ן
און טויט איז דער ט ו י ט...

„איך געה אויף די בערג וואו
די ווינטעלעך זינגען,
און גרעזעלעך שעפטשען
און וואסערלעך שפרינגען...

„איך וואנדער מיט שמחה
אין שטויביגען וועג,
איך געה אויף די פעלדער
דערטרוימען די טעג...

„דערטרוימען אין פריידען
די לעצט־לעצטע שעה —
איך געה וואו דאס טייכעל
איז הימעלדיג־בלאה...

„וואו ס'וועלדעל אין טיפען
אין בליהענדען טאל,
דערצעהלט דארט לעגענדען,
לעגענדען אהן צאהל...

„וואו פייגעלעך דרימלען
און טרוימען אויף צווייגען,
און אלץ איז פער'סוד'עט
אין הייליגען שווייגען...“

ארבייט איז אין דער קלאוקאינדוסטריע אן אלטע איינגעגעסענע קריינק, און די מייסטע ארבייטער, ביז מיט א קורצער צייט צוריק, האבען געגלויבט, אז זי איז די בעסטע סיסטעם אין דער וועלט. ענדליך האבען זיך געעפענט די אויגען פון גאר פיעלע, פיעלע, יע פון די מייסטע מיטגליעדער פון דער יוניאן, און די צייט איז פארטיג אין גאנצען צו ענדערען די סיסטעם. דאס האט גלענצענד באוויזען דער מיטינג פון די שאפ־טשערמען לעצטען דאנערשטאג אין קופער יוניאן און די ענטשלאסענהייט צו שאפען א ריזינגען פאנד, און עס איז שוין באשטימט, אז די הויפט פאדערונג פון דער יוניאן ביים באנייען דעם אגרימענט מיט די באסעס, וועט זיין די עטאבלירונג פון דער סיסטעם פון וואך־ארבייט. אנשטאט שטיק־ארבייט, אן וועלכער עס זיינען צושמעטערט געווארען אלע אנשטרענגונגען פון דער יוניאן אויסצופיהרען א שטענדיגע און פעסטע פארבעסערונג אין דער לאגע פון דעם קלאוקמאכער.

עס שיינט מיר אויך, אז עס וואלט געווען גאר א זעהר גוטע זאך איצט ביים סעטלען פון דעם סטרייק פון די ליידיס ווייסט מאכער, צו פרובירען מאכען אן אנפאנג מיט דעם איינפיהרען פון וואכען־ארבייט. דאס וואלט, אפשר, געווען דער גרעסטער געווינס פון דעם סטרייק. ארבייט פון וואך, פיער און פערציג שטונדען, מיט א מינימום ווייזש איינגעפיהרט שוין איצט, וואלט פארשפארט אין דער צוקונפט א צווייטען קאמפף, וועלכער, פריהער אדער שפעטער, וועט מוזען ארויסגערופען ווערען.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly.

Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union office, 31 Union Square, New York, N. Y.

B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.

Vol. I. — Friday, February 14, 1919. — No. 5.

Subscrtption price paid in adva nce. $1 per year. Single copy 2c.

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

נאך אמאל וועגען די נארישקייט פון די אסס'ן באסעס.

א לעזער פון דער „גערעכטיגקייט", וועלכער צוליעב אורזאכען, וועלכע זיינען נור איהם אליין באקאנט, האט ניט גע-האלטען פאר נויטיג זיך אונטערצושריי-בען מיט זיין ריכטיגען נאמען, שרייבט צום רעדאקטאר ווי פאלגט:

„עס קומט מיר אויס, אז מיט אייער עדי-טאריעל איבער די אונערגרינדליכע נארישקייט פון די אסס'ן באסעס זיינט איהר גאר שטארק ארייגעפאלען. איהר ווילט שוין באווייזען גאר צופיעל. דענקט איהר, אז ווען זיי וואל-טען געוועזן די אונפעהיגע, די נארישע מענ-שען, ווי איהר ווילט עס זיי פאר אונז אוועק-שטעלען, אז זיי וואלטען ווען געווארען די פעהיגע ביזנעס לייט, וואס זיי זיינען? זאל זיין, אז דעם אדער יענעם פון זיי האט גע-שפיעלט דאס גליק, אבער איהר קענט דאך עס ניט באהויפטען וועגען אלע? אט דערפאר, וויל איהר ווילט שוין באווייזען צופיעל, וויל איהר ווילט איינריידען די וועלט, אז די באסעס זיינען, איינער ווי דער אנדערער, שוטע אידיאטען, איז אייער עדיטאריעל ווייט ניט איבערצייגענד. ווילט ניט באווייזען דאס, וואס ליגט זיך ניט אויפ'ן שכל, וועלען אייע-רע עדיטאריעלס האבען, אפשר, אויך מאכנע די נויטיגע ווירקונג. אזוי טוט איהר די בא-סעס, ניט ווילענדיג, א טובה.

„א לעזער פון דער „גערעכטיגקייט".

לאמיר גלייך צוגעבען, אז דער בריף האט מיך געמאכט זיך פארטראכטען אבי-סעל. האב איך ווירקליך איבערגעכאפט די מאס? האב איך ווירקליך געמאלט דעם טייפעל שווארצער, ווי ער איז, און אזוי ארום געגעבען איהם די מעגליכקייט זיך אויפצושפילען אלס, נעבעך אן אומ-זיסט-פארלוימדעטער, אלס מארטירער, אלס „א קאזאק הנגזל"? איך מוז זאגען, אז מיר וואלט ווירקליך פארדראסען ווען איך וואלט ווירקליך געמאכט א באהויפ-טונג, פאר וועלכע איך וואלט ניט געהאט די שטארקסטע באווייזע. און איך וויל דא דארום אין קורצען ווידערהאלען די פיל-באשטעטיגטע פאקטען. זיי באווייזען קלאר, אז די באסעס זיינען ווייט, ווייט פון צו זיין אמת-פעהיגע ביזנעס מענשען, וועלכע פארשטעהען זייערע אינטערעסען.

נומער איינס. דער באס, דער אר-בייטס-געבער, האט און מוז האבען א גרוי-סען חשק צו עקספלואטירען זיינע ארביי-טער וואס מעהר, אזוי איז שוין די נאטור פון באס. ער מוז אבער, אום צו זיין ער-פאלגרייך אלס עקספלואטאטאר, פאר-שטעהן, ווי צו צוימען זיין גרויסען אפע-טיט. ער מוז פארשטעהן, למשל, אז ער קאן ניט מעהר צוריקברענגען דעם צו-שטאנד פון שקלאפעריי, ווען דער ארביי-טער איז געוועזן דאס אייגענטום פון דעם שקלאפען-אייגענטימער. ער מוז זיך רע-כענען מיט דער צייט. ער מוז וויסען, ווי שפעט עס איז. ער מוז וויסען, אז עס זיי-נען דא געוויסע זאכען, נאך וועלכע ער מעג שטילערהייט גלוסטען, אבער ער וועט זיי קיינמאל מעהר ניט קענען אויספיהרען. אזוי האנדעלט און מוז האנדלען א קלו-גער באס. ער באנעגענט זיינע ארבייטער אויפ'ן האלבען וועג; ער פארשטעהט, אז די צייט פון בלינדער עקשנות איז פאר-איבער.

האבען די אסס'ן באסעס אזוי געהאנ-דעלט? דער ענטפער פון יעדען אונפאר-טייאישען מענשען אויף די פראגע מוז זיין אן ענטשידענער ניין.

ווארום וואס האבען די ארבייטער גע-פאדערט און וואס פאדערען זיי ביז צום היינטיגען טאג אזעלכעס, וואס א מענש מיט אביסעל פארשטאנד זאל ניט מוזען צוגעבען, אז די פאדערונגען זייערע זיינען שטארק בארעכטיגט? זיי האבען געפא-דערט און פאדערען א 44-שטונדיגע אר-בייטס-וואך, אנשטאט די 48, וואס זיי האבען געארבייט ביז איצט. איז דאס אזא אונמעגליכע זאך? פארוואס? דורך די ענטוויקלונג פון מאשינערי, טעכניק, דורך די אלץ שטארקערע און שטארקערע צוטיילונג פון דער ארבייט, ווערט די אר-בייט געמאכט פיעל, פיעל מאל שנעלער, ווי זי איז געמאכט געווארען, זאגען מיר, מיט בלויז א פאר יאהר צוריק. יעדער מענש ווייס, אז דער ארבייטער מיט די איצטיגע ארבייטס-מעטאדען פון דער זא-גענאנטער „עפישענסי" סיסטעם, מאכט אזוי פיעל ארבייט אין דעם משך פון 44 שטונדען, וויפיעל ער האט ניט לאנג צוריק געמאכט אין 50 שטונדען. עס איז אויך אויסער יעדען צווייפעל, דאס די איצ-טיגע פארהעלטניסמעסיג קורצע ארבייטס-צייט מאכט דעם ארבייטער פארליערען מעהר כחות, פארברויכט מעהר זיין ענער-גיע, צוטרייסעלט מעהר זיינע נערווען, ווי אין דער פריהעריגער צייט, ווען ער האט געארבייט לענגערע שטונדען, טו ווארום זאל דער זארבייטער ניט פאדערען איצט א קירצערען ארבייטס-טאג?

מענשען מיט עטוואס שכל וואלטען באלד איינגעזעהען, ווי שטארק באגרינ-דעט עס איז אט די פאדערונג. און דאך, ווען די אסס'ן באסעס האבען דאס דער-הערט, האבען זיי געמאכט א גוואלד, אזוי ווי-מען וואלט געוואלט זייערע פעקטארים צונעמען פון זיי. פרעגט זיך, האנדלען אזוי מענשען מיט שכל, מיט איבערציי-גונג?

די יוניאן האט ווייטער געפאדערט, אז צוזאמען מיט דער פארקירצונג פון דעם ארבייטס-טאג זאל אויך געהעכערט ווע-רען דער לוין פון די ארבייטער אויף 15 פראצענט. איז דאס אפשר צופיעל פאר-לאנגט? בשום אופן ניט. די העכערונג פון 15 פראצענט, ארבייטענדיג מיט 4 שטונדען ווייניגער א וואך, וואלט זיי ניט געבראכט קיין ברעקעל מעהר באפריד-גונג אין לעבען ווי ביז איצט. זיי וואלטען מיט דער נייער העכערונג ניט געקאנט זיך קויפען איין איבעריגען ביסען ברויט, איין קליידעל מעהר, א ליכטיגערען און גערא-מערען צימער צו לעבען. זייער „לעבענס-שטאנד" וואלט ניט אויף דאס מינדסטע געהעכערט געווארען. זיי וואלטען געלעבט, פונקט אזוי גוט, ריכטיגער אזוי שלעכט, ווי פריהער, נור זיי וואלטען געהאט מיט פיער שטונדען מעהר פרייע צייט א וואך. דערפאר, איינמאל ווערט צוגעגעבען די גערעכטיגקייט און לאגישקייט פון א פיער-און-פערציג שטונדיגער ארבייטס-וואך, מוז שוין געהן צוזאמען דערמיט אויך א לוינהעכערונג. דאס איז דאך אזוי קלאר, אז א קינד קען עס פארשטעהן. אבער די באסעס האבען דאס ניט פארשטאנען. מיט שוים אויף די ליפען האבען זיי פאר-שריען די דאזיגע צוויי העכסט גערעכטע פאדערונגען, אלס די שרעקליכסטע רציחה פון דער זייט פון דער יוניאן. קען מען זאגען, אז אזעלכע מענשען האבען שכל?

באטראכט נאך עפעס. לויט א באהויפטונג אין דער „טיימז" פון לעצטען זונטאג, באטרעפט דער לוין, וואס ווערט באצאהלט פאר דעם גארמענט אדער פאר די וויסט בלויז 15 פראצענט פון דעם גארמענט-פרייז. פאלגליך, א העכערונג פון 15 פראצענט אויף דעם ארבייטער-לוין וואלט געמיינט פאר די וויסט בלויז נאך א גאנץ אונבאדייטענדען פראצענט. לא-מיר עס מאכען גאנץ קלאר דורך א ביי-שפיעל: דער פרייז פון א וויסטעל, לא-מיר זאגען, איז איין דאלאר, איז פון דעם קריגט דער ארבייטער 15 סענט, און די איבעריגע 85 סענט געהט פאר מאטעריאל, רענט און פראפיט פאר'ן באס. ווען דער ארבייטער פארלאנגט 15 פראצענט מעהר אויף זיין ארבייט, הייסט עס, אז ער וויל אנשטאט די פריהעריגע 15 סענט קריגען 17 סענט מיט א פערטעל. דאס אלעס, דער ארבייטער וויל מיט 2 סענט מעהר אויפ'ן וויסטעל, וואס דער מאנופעקטשו-רער פארקויפט פאר א גאנצען דאלאר. איז דאס אזא שרעקליכע פאדערונג? קען אן אמת-שכל'דיגער ביזנעסמאן זיך פאר-גינען ארויסצורופען צוליעב דעם א קאמפף און פארליערען טויזענדער?

נומער צוויי. יעדער מענש, וואס האט נור אביסעל שכל, פארשטעהט, אז איינ-מאל האט דער ארבייטער אויסגעקעמפפט עטוואס, וועט ער עס שוין האלטען פעסט, און מיט זיין גאנצער מאכט וועט ער זיך וועהרען נעגען דעם פארזוך פון צוריק-צונעהמען עס פון איהם. . ווייל עס איז דאך אין דער נאטור פון מענשען צו געהן פארווערטס, ניט צוריק, און משוגע דארף זיין איינער, וועלכער רעדט זיך איין, אז ער קען צוריקשטויסען דעם ארבייטער אין די לאגע, אין וועלכער ער איז געוועזן מיט יאהרען צוריק, פון זיין פאזיציע, וואס ער האט דערגרייכט דורך שווערע קעמפפע. דאס איז דאך קלאר. און פון דעסטוועגען האט זיך די אסס'ן באסעס פארגלוסט ניט אנדערש, ווי דאס די ארבייטער זאלען צו-ריקגעבראכט ווערען צו דער לאגע פון זעקס יאהר צוריק. די ארבייטער האבען געקעמפפט און געבלוטעט, ביז זיי האבען אויסגעקעמפפט אז מען זאל ניט קענען סעקען זיי אהן א פארוואס, און זעקס יאהר נאכאנאנד האבען די באסעס געמוזט דער-שטיקען אין זייערע הערצער דעם דאזיגען איידעלען וואונש, און מיט אמאל פאר-ווילט זיך זיי, אז עס מוז ווערען צוריק אלעס, ווי מיט 6 יאהרען צוריק, און זיי מיינען נאך, אז זיי קענען עס אויספיה-רען!

פארשטעהט זיך, אז הינטער דעם גרוי-סען וואונש צו האבען א רעכט צו סעקען דעם ארבייטער גאנץ און גאר אונגע-שטערט, איז פארשטעקט דער נאך שטאר-קערער וואונש צו צוברעכען די יוניאן גאר איינגאנצען, ווייל א יוניאן קען ניט האבען קיין קיום, ווען זי קען ניט צו יעדער צייט באשיצען די רעכטע פון דעם געקריוודע-טען מיטגליעד איהרען. אבער איז דאס ניט די העכסטע משוגעת צו דענקען, אז מען קען איצט, אין אונזער צייט, צוברעכען די לידיס וויסט מאכערס יוניאן? און דאס איז, וואס די באסעס מיינען מיט זייער קאמפף. איז עס דארום אן איבער-טרייבונג צו זאגען, אז אזעלכע באסעס זיי-נען גרויסע ווילדע נאראנים?

נומער דריי. אין דעם קאמפף צווישען די לידיס וויסט מאכער און די לידיס וויסט מאנופעקטשורערס זיינען ניט בלויז פאראינטערעסירט די צוויי דירעקט קעמפ-פענדע צדדים. עס איז דא נאך א דריטער צד: דער גרויסער עולם. עס איז דארום אין דעם אינטערעס פון יעדען פון די ביי-דע צדדים צו זעהען קריגען די סימפאטיע, דעם גוטען ווילען פון אט דעם דריטען צד. די ארבייטער פון זייער זייט, כאטש זיי פיהלען זיך מעכטיג סיי דורך זייער צאהל און סיי דורך די גערעכטיגקייט פון זייערע פאדערונגען, האבען זיך פון דער ערשטער מינוט אן געזארגט פאר דעם, אז דער עולם זאל זיי ריכטיג פארשטעהן, און, פאלגליך, אריך מיטפיהלען מיט זיי. זיי האבען גלייך פון אנפאנג ערקלערט, אז זיי זיינען באריית איבערצולאזען צו אן אונפארטיי-אישען געריכט, ער זאל אורטיילען צווי-שען זיי און דער אסס'ן.

ווי האבען די באסעס געהאנדעלט? זיי האבען געשפיגען אין פנים דער עפענט-ליכער מיינונג. זיי האבען ערקלערט, אז זיי ווילען ניט דאס ארייננמישען זיך פון „זייטיגע, פרעמדע" מענשען. און אנ-שטאט דעם האבען זיי געמיינט צו קענען פארדולען דעם עולם מיט אלערליי ניט-געשטויגענע און ניט-געפלויגענע בלבולים אויף די יוניאן און איהרע בקאנטע און ווירקליך פון אלעמען געאכטעטע פיהרער. הייסט דאס געהאנדעלט מיט שכל? איז דאס ניט, פונקט פארקעהרט, א פאל פון אויסשלאגען זיך די אייגענע שויבען?

נומער פיער. אין דעם משך פון די דריי וואכען פון סטרייק האבען זיך שוין אפ-געריסען פון דער אסס'ן פיעלע גרויסע מאנופעקטשורער. איבער 12 טויזענט אר-בייטער, אלזא, מעהר ווי א דריטעל פון די סטרייקער, ארבייטען שוין אויף די בא-דינגונגען, וועלכע די יוניאן האט גע-שטעלט. עס איז קלאר, אז דער רוקען-ביין פון דעם קאמפף פון דער זייט פון דער אסס'ן איז נעבראכען. די שפעטער פון דער אסס'ן פוסטעוועט און זיי וועלען פוסטעוועט ביז זיי וועלען ניט נאכקומען אלע פאדערונגען פון דער יוניאן. עס איז שוין איצט פאר אלעמען אן אפענער סוד, אז די באסעס האבען פארשפיעלט, טו צו וואס ־אס ווייטערע זיך נאריש מאכען? א קלוגער מענש זעהט אימער דאס אונ-פארמיידליכע און ווארפט זיך אונטער. אבער די באסעס זיינען ניט קלוג, זיי זיי-נען נארען, זייער נארישקייט האט ווירק-ליך קיין גרונד ניט. מיט יעדען טאג, וואס זיי האלטען אן דעם אומזיסטען קאמפף, מאכען זיי זייער מפלה אלץ גרע-סער.

אי וואס די באסעס זיינען דאך ביז-נעסלייט, און נאך פעהיגע דערצו? איז דער תירוץ, אז דאס איז טאקי ניט אמת. זייער ביזנעס-פעהיגקייט געהט נור אזוי ווייט, ווי ארויסצוקוועטשען פון דעם אר-בייטער נאך א גראשען, אט אין וואס זייער גאנצע פעהיגקייט באשטעהט. א ווייס-טען-קויפער דערצעהלט גאר א שעהנע גע-שיכטע אין דער זונטאגדיגער „טיימז" וועגען אונזערע וויסט-מאנופעקטשורער. איך האב דאך ניט דעם נויטיגען פלאץ אי-בערצוגעבען אלעס, וואס ער דערצעהלט זיך אן וועגען זייער אומפעהיגקייט אנצו-שטעלען די ריכטיגע מענשען אין זייערע ביזנעס אפיסעס, אזוי, דאס אנשטאט צו צוציהען קאסטימערס, פארטרייבען זיי זיי גאר. דער וויסט-קויפער שילדערט די אלע אנגעשטעלטע אין די אפיסעס פון די לידיס וויסט מאנופעקטשורער, אלס ליידיגעהער, פוילענצער, אלס מענשען, וואס האלטען אין איין פוצען זייערע נע-געל; אלס אזעלכע, וועלכע קענען קיין גלייך ווארט מיט קיין מענשען ניט אויס-רעדען, אזוי, דאס פיעלע מאל, האבענדיג ארויפגעקומען מיט דער אבזיכט צו בא-שטעלען א גרויסען ארדער, האט ער פאר-לאזען דעם אפיס מיט א געפיהל פון פאר-דרוס און מיט אן ענטשלאסענהייט שוין קיינמאל אהין ניט אריינצוקומען.

אט אזעלכע פעהיגע ביזנעס-לייט זיי-נען דאס אונזערע אסס'ן באסעס! אלעס, אויף וואס זיי קוואפען זיך, איז ארויסצו-קריגען פון ארבייטער פאר נאך עטליכע סענט אונבאצאהלטע ארבייט. און איך דענק דארום, אז איך האב גארניט איבער-געכאפט די מאס מיט מיין באהויפטונג, אז די באסעס זיינען באהערשט פון א ווילדער ליידענשאפט, און דאס אין אלע זייערע האנדלונגען איז ניט קענטיג דער מינדסטער סליאד פון שכל. איך בין זי-כער, אז איך האב געשריבען בלויז דעם אמת און דוקא אין א טאן פון געלאסענ-הייט און געמעסיגקייט.

א ווארט איבער וואך-ארבייט.

אויף אנאנדער פלאץ אין דעם נומער וועט דער לעזער געפינען דעם רעפארט פון דעם מיטינג פון אלע שאפ-טשערלייט פון דער קלאוקמאכער יוניאן, אין קופער יוניאן לעצטען דאנערשטאג, וועלכער איז געוועזן אין גאר פיעלע הינזיכטען א קוואל פון אמת'ער באגייסטערונג פאר יעדען וואס איז דארט געוועזן. דער פאקט אליין, דאס בלויז שאפ-טשערלייט האבען אנ-געפילט מיט זיך דעם גרויסען קופער-יוניאן האל, רעדט אין דער בערעדזאמ-סטער שפראך, וועגען דער גרויסער, ווירק-ליך וואונדערבארער מאכט פון דער קלאוק-מאכער יוניאן. אויף דעם מיטינג איז גע-געבען געווארען דער ערשטער סיגנאל אי-בער די רעוואלוציע אין זייער ארבייטס-סיסטעם, וואס די קלאוקמאכער זיינען ענטשלאסען דורכצופיהרען, נעמליך פאר-בייטען ענדליך די סיסטעם פון שטיק-ארבייט אויף וואכען-ארבייט.

וועגען דער נויטווענדיגקייט פון דער רעוואלוציע איז שוין פיעל גערעדט געווא-רען, און מען וועט נאך ריידען און ריידען. אין דעם נומער איז דא אן ארטיקעל פון מ. זיגמאן, מענעדזשער פון דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, אין וועלכען איינינע פונקטען ווערען ארויסגע-בראכט העכסט קלאר, און אזוי, אז מען קען גענען דעם ניט מאכען די מינדסטע איינוועגדונג. עס וועלען ערשיינען נאך אנדערע ארטיקלען, אין וועלכע נאך מעהר פונקטען וועלען ארויסגעבראכט ווערען. אבער דער פונקט פון אלע פונקטען, ווי מיר שיינט, איז דער, וואס די שטיק-אר-בייט לאזט די ארבייטער אין שאפ ניט זיין קיין אמת גוטע יוניאן לייט. אנ-שטאט זיי זאלען זיין אין שאפ סאלידא-ריש, וואס דאס מיינט ערשט צו זיין א גוטער יוניאן מאן, ווערען די ארבייטער דורך דער סיסטעם פון שטיק-ארבייט גאר קאנקורענטען צווישען זיך.

ווי אזוי דער דאזיגער צושטאנד האט נעקענט הערשען אזוי לאנג און בלייבען אומבאמערקט, איז ווירקליך א וואונדער; נור אויב אפילו די פיהרער פון דער יוניאן און די ווייטזיכטיגערע מיטגליעדער איה-רע האבען עס יא באמערקט, האבען זיי אבער, דעם אמת געזאגט, ווייניג נעקענט העלפען דערצו. די סיסטעם פון שטיק-

אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער-וועלט

פון וויליאם מאָרים פיינגעבוים.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Feb. 14, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

אין דער צייט וואס דער גרויסער פרידענס קאָנפערענץ אין פראנקרייך סעטעלט די וועלט-פראגען, איז אויך אָבגעהאלטען געוואָרען צוויי אנדערע קאָנפערענצען פון גרויס וויכטיגקייט, אין אנדערע טיילען פון אייראפא, וועלכע האָבען, אויף זייער אייגענעם שטיינער, געסעטעלט פראגען וואס זיינען פונקט אזוי וויכטיג ווי יענע, אויף דעם פאריזער צוזאמענפאָהר.

פאר די לעצטע עטליכע טעג האט גע-מיט דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער קאָנגרעס אין בערן, אין דער שווייץ. ווען דער קאָנגרעס האט זיך געעפענט זיינען דארט אנוועזענד געווען זיבען און אכציג דעלעגאטען פון ארום איין-און-צוואנציג לענדער.

צווישען די דעלעגאטען זיינען געווען ארטור הענדערסאָן און רעמסיי מאקדאָנאלד פון ענגלאנד, אלבערט טאמא פון פראנקרייך, קורט אייזנער פון באוואריען, עמיל וואנדערוועלדע פון בעלגיען, קאמיל הויסמאנס, דער סעקרעטער פון דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער ביוראָ, און נאָך אנדערע באוואוסטע אינטערנאציאנאלע פערזענליכקייטען. שפעטער איז די צאָהל דעלעגאטען געוואָרען 127.

די וויכטיגסטע דייטשע סאציאליסטען זיינען דארט ניט געווען, צוליעב דער היסטארישער קאָנסיטואירענדער פארזאמלונג אין ווייאמאר, וואס האט זיך געעפענט כמעט אין דער זעלביגער צייט. אָבער די סאציאליסטישע פארטיי פון יענעם לאנד איז דארט געווען פארטראָטען דורך קארל קאוטסקי, דער באוואוסטער דענקער און שרייבער און נאָך איינינע אנדערע מיטגליעדער.

די סאציאליסטישע פארטיי פון אמעריקא איז דארט ניט געווען פארטראָטען, ווייל די דעלעגאטען האָבען ניט געקאָנט באקומען זייערע פאספארטען אין צייט. דזשיימס א'ניעל און אלדזשערנאָן לי האָבען באקומען פאספארטען פון דער אמעריקאנער רעגיערונג ווען דער קאָנגרעס איז שוין געווען אין גאנג. אבער דער דריטער אמעריקאנער דעלעגאט, דזשאהן מ. וואָרק, האט קיין פאספארט ניט באקומען, ווייל ער איז געווען פארבונדען מיט וויקטאָר ל. בערגער, אלס שרייבער אין זיין צייטונג „די מילוואקי ליעדער."

בעת מיר שרייבען דיזע שורות איז נאָך א'ניעל און לי ניט אימשטאנד געווען ארויסצופאהרען, ווייל זייערע פאספארטען זיינען נאָך ניט וויזירט געוואָרען געוואָרען פון דעם ענגלישען קאונסיל, און דאס מוז געטאָן ווערען, ווייל די דעלעגאטען האָבען געזאָלט פאהרען אויף אן ענגלישער שיף.

די ערשטע טעג פון דעם בערנ'ער קאָנגרעס זיינען געווען שטורמיש. די ערשטע פראגע צו באשטימען, „די פאראנטווארטליכקייט" פאר דער מלחמה, האט געשיינט צו זיין א דאָן קיכאָטיש.

אלבערט טאמא, איינער פון די עקסטרים „רעכטע" פראנצויזישע סאציאליסטען, האט אנגעפאנגען ארונטעררייסען די דייטשען פאר'ן אנטייל נעהמען אין דער מלחמה. דר. מיללער, איינער פון די דייטשע דעלעגאטען, האט געענטפערט, פארטיידיגענדיג די שטעלונג פון די דייטשען. פאר א ווײַלע האט אויסגעזעהן, ווי די פארזאמלונג זאל אפגעבראכען ווערען, ווי טויזענדער אנדערע פארזאמלונגען זיינען אפגעבראכען געוואָרען. ווען מע האט זיך ארומגעריסען איבער דער אונדאנקבארער פראגע, ווער עס האט אנגעפאנגען די מלחמה.

די רייסערייען זיינען אבער דאָך איינגעשטעלט געוואָרען פון דעם קלאָרען, געלאסענעם קאוטסקי, וועלכער האט אליין געמאכט א ביטערע אטאקע אויף זיינע אייגענע קאמעראדען, וועלכע האָבען געשטיצט דעם קייזער אין דער שוידערליכער מלחמה. דיזע האנדלונג האט אין גאנצען אפגעריינינט די לופט פונ'ם קאָנגרעס.

עמיל וואנדערוועלדע, דער בריליאנטענער פיהרער פון דער סאציאליסטישער פארטיי אין בעלגיען, וועלכער איז אריינגעטראָטען אין דעם דארטיגען קאבינעט ביים אויסברוך פון דער מלחמה, איז געווען איינער פון די, וואס האט געזאָגט, דאס ער וויל ניט באגעגנען די דייטשען. אָבער זיין באנעהמען זיך אין בערן, ווי שטרייננג און ערנסט דאס זאל ניט האָבען געווען, האט געוויזען, דאס אין דער סאציאליסטישער און ארבייטער וועלט פאנגט מען שנעל אן איינצוזעהן, דאס די אמת'ע ארבייטער-אינטערעסען זיינען צווישען זיך אייניג און ניט געגען איינער דעם אנדערען. די זאך איז געסעטעלט געוואָרען, ווי עס דארף געסעטעלט ווערען צווישען אייגענע קאמעראדען.

פריינק באהן, פון אמעריקא, האט געמאכט א פארזוך צו אדרעסירען דעם קאָנגרעס. ער האט אבער ניט באקומען די געלעגענהייט דאס צו טאָן. ווען מען האט איהם דאס צוריקגעוויזען האט דער קאָנגרעס דערקלערט דעם פאקט, דאס זיי זיינען דארט ניט פאראינטערעסירט אין די מיינונגען פון איינצעלנע פערזאָנען; דאס פאר זיי איז מעהר וויכטיג די סאציאליסטישע פארטיי פון אמעריקא זאל דארטען זיין פארטראָטען, ווי איינצעלנע פערזאָנען. עס מאכט ניט אויס וואסארא רעכט זיי זאָלען ניט האָבען צו וועלען קומען מאכען „ספיטשעס."

די דעלעגאטען וואס האָבען אין גאנצען איינגעשטימט מיט באהן'ס מיינונגען האָבען איהם צוריקגעוויזען, פונקט אזוי גוט ווי די וואס האָבען מיט איהם לחלוטין ניט איינגעשטימט.

ווי עס שיינט, איז דער בערן קאָנגרעס בלויז דער ערשטער פון א רייהע אזעלכע קאָנגרעסען. דער רעזולטאט דערפון וועט זיין, דער שלום און די ווידעראויפלעבונג פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער באוועגונג.

די ספארטאקוס גרופע פון דייטשלאנד איז אויף דעם קאָנגרעס אין בערן ניט געווען פארטראָטען. עס איז דארט אויך ניט פארטראָטען געווען מאנכע טיילען פון די מעכטיגסטע רעוואלוציאנערע ארבייטער באוועגונגען.

דער טשערמאן פון קאָנגרעס איז געווען האזשאלמאר בראנטינג, פון שוועדען, איינער פון די רעאקציאנערסטע אייראפעאישע ארבייטער פיהרער. דער גייסט פון קאָנגרעס איז אבער דאָך ניט געווען קיין קאָנסערוואטיווער. זיין ארביים שיינט צו זיין דער ערשטער רוף פאר דער אויפלעבונג פון דעם ארבייטער אינטערנאציאנאל, וואס מען דארף אזוי נויטיג האָבען אין דער איצטיגער צייט.

אין דער זעלביגער צייט האט פרעזידענט גאָמפערס זיך אפגעזאָגט צו פאראייניגען מיט די ארבייטער פון אנדערע לענדער. ער לאזט זיך אזוי שטארק ניט איבערבעטען, דאס פיעלע פון די אייראפעער הויבען אן פרעגען, צי ווייס ער, אז די מלחמה איז שוין פאָריבער. ער האט עפענטליך ערקלערט אז דער קאָנגרעס אין בערן איז „א דייטשע פארשווערונג."

אין דער צייט וואס דער קאָנגרעס איז אנגעגאנגען אין בערן, איז אויך אנגעגאנגען די דייטשע, נאציאנאלע קאָנסטיטואירענדע פארזאמלונג אין דער אלטער, היסטארישער שטאָדט ווייאמאר. דער פארזוך פון דעם „ספארטאקוס-בונד", ניט צו דערלאזען אפהאלטען דיזע פארזאמלונג האט זיך ניט איינגעגעבען. דאס לעצטע מיטעל, זייער פארזוך אפצושניידען די באלייכטונג און לאזען די שטאָדט אין דער פינסטער, האט זיך זיי אויך ניט איינגעגעבען. ארום 397 דעלעגאטען, איינשליסענדיג 20 פרויען, זיינען דארט געווען אנוועזענד. קאנצלער פרידריך עבערט האט געעפענט די פארזאמלונג מיט א האלב-שטונדיגער רעדע, אין וועלכער האט דערקלערט, אז די אלטע אורדנונג פון דייטשלאנד איז פאזיטיוו טויט, און דאס די מאנארכיע וועט זיך שוין מעהר קיין מאל ניט צוריקקעהרען. אונטער פיעל ענטוזיאזם האט ער געגעבען עסטרייך א ווארימען ברוך הבא אין דער דייטשער רעפובליק. דעם צווייטען טאג איז דר. עדוארד דאוויד, א געמעסיגטער סאציאליסט, ערוועהלט געוואָרען אלס דער באשטענדיגער פארזיצענדער פון דעם קאָנגרעס.

ווי עס שיינט, האט דער עבערט-מיניסטעריום נאָך בעפאר אויסגעארביים א פלאן פאר א רעגיערונג, פארגעלעגט צו ווערען פאר'ן קאָנגרעס. אורטיילענדיג פון דעם ווי דער קאָנגרעס איז צוזאמענגעשטעלט, וועט דער פלאן אודאי אנגענומען ווערען אהן גרויסע ענדערונגען און דעבאטען.

וואס דער שיקזאל פון דייטשלאנד זאל ניט זיין אין דער צוקונפט, וועט זי זיכער האָבען א רעפובליק, אין אזא פארמע אדער א צווייטער.

אין דער זעלבער צייט זיינען די ספארטאקען, וואס זיינען געשלאגען געוואָרען אין זייער פארזוך צו שטערען די אפהאלטונג פון דעם קאָנגרעס, געווען אקטיוו אין שטאָדט נאָך שטאָדט, אין ברעמען, אין האמבורג, און אנדערע פלעצער. די מיטגליעדער פון דער פארטיי האָבען פארנומען די מאכט, דאס געהאלטען פאר א שטיקעל צייט און צוריק פארלארען.

* * *

דער גרויסער סטרייק אין ענגלאנד איז זיך צוואקסען. דארט האט זיך עטוואס ענטוויקעלט, פון וואס מען האט דארט פריהער קיין מאל ניט געהערט, די „שאפ סטיוארד באוועגונג."

דער „שאפ סטיוארד" איז דער ענגלישער אויסדרוק פאר דעם וואס מיר רופען דא שאפ טשערמאן. דיזע באמטע פון די יוניאנס האָבען אויפגעבוים די ארגאניזאציע פון די ארבייטער אינערהאלב דעם שאפ, און זיי האָבען געפאדערט, דאס די ארבייטער אין די שעפער זאָלען אליין האָבען א דירעקטען קאָנטראָל איבער די שעפער. ביסלעכווייז פאנגט מען אן איינצוזעהן, דאס די סטרייקס וואס האלטען נאָך אין קלעשטש דאס פאראייניגטע קעניגרייך, זיינען גאנץ רעוואלוציאנער. ווי עס שיינט ווערט דארט ניט דורכאויס געפאדערט קירצערע שטונדען אדער בעסערע שכירות, עס ווערט פארלאנגט די ס א צ י א ל י ז י ר ו נ ג פון די אינדוסטריען אין לאנד פאר די ארבייטער.

* * *

די לאגע אין רוסלאנד איז ווידער געוואָרען אן אינטערנאציאנאלע סענסאציע. די איינלאדונג פון'ם פרידענס קאָנפערענץ צו די רוסישע פראקציעס, צו קומען צו א קאָנפערענץ אויף די פרינצעס אינזלען, איז אנגענומען געוואָרען בלויז פון דער סאוויעטען רעגיערונג. אמעריקא האט באשטימט וויליאם אללען ווייטה און פראפ. דזשארדזש ד. העראָן אלס די אמעריקאנער דעלעגאטען צו דער קאָנפערענץ. די סאוויעטען רעגיערונג האט נאָך דערווייל קיין דעלעגאטען ניט אויסגעקליבען.

מר. ווייטה איז א ליבעראלער זשורנאליסט פון קענזאס און העראָן איז א געוועזענער סאציאליסט פון א נאציאנאלער רעפוטאציע. ער איז דער גרינדער פון דער רענד סוקל אין ניו יארק (וואס רופט זיך אויף זיין ווייב'ס נאָמען, קארים רענד העראן). ער האט פארלאזען אמעריקא צוליעב די פארפאלגונגען נעגען איהם, ווייל ער האט זיך גע'גט מיט זיין ווייב און גענומען א צווייטע, אן ערשיינונג וואס איז ניט נאר פרעמד אין דעם לאנד. די היגע זשורנאליסטישע געלעשמירער האָבען איהם פארפאלגט אלס א „פרייע ליעבעניק" און האָבען פשוט איהם פארטריבען פון לאנד. העראָן איז לעצטענס געוואָרען א שאָוועניסט און ווי עס שיינט, האט ער אין גאנצען אויפגעגעבען זיין אמאליגען אינטערנאציאנאליזם.

דיזע דעלעגאטען דארפען זיך טרעפען מיט פארטרעטער פון די באלשעוויקעס און אויסבייטען מיט זיי געוויסע פארשטענדניסע אין באצוג געוויסען אינטערנאציאנאלע פארהעלטניסע. מען קאָן זיך פון דעם אנשטויסען, דאס די סאוויעטען רעגיערונג וועט מסתמא באלד אין גאנצען פארמאלע אנערקענט ווערען.

אן אינטערעסאנטע ערשיינונג איז לעצטענס געווען, ראבערט מינאָר'ס בריף פון רוסלאנד, אין דער היגער „וואירלד". מינאָר איז א בריליאנטענער ראדיקאלער ארטיסט, ער איז א פילאָ...

ברידערט אין דער דייטש-רוסישער מלחמה.

און פלוצלונג איז געקומען דער בריסקער שלום. און וואס דער דייטש האט געטאָן מיט'ן רוס, ווייסט איהר דאָך.

און דעריבער זאג איך: מיר האָבען אייגענטליך געקענט וויסען, אז אמת'ע ליעבע איז מעגליך נאר אין צייט פון מלחמה און איך וואלט איצט אייגענטליך ניט באדארפט זיין ענטוישט.

און דאָך פיהל איך זיך איצט ווי אויף מארגען נאָך א הוליאנקע. איהר ווייסט דאָך ווי אזוי:

אין מויל איז פאסקודנע. אויפ'ן הארצען טרויעריג. אין דער נשמה גראבלען קעץ. דער קאָפּ אנגעגאָסען מיט בליי. ביזט אין כעס אויף זיך און אויף דער גאנצער וועלט. און דו זוכסט א געלעגענהייט זיך אויסצוזידלען, עפעס צוצוברעכען אדער אימעצען אויסצופאטשען.

און אלע, דאכט זיך, פיהלען אזוי, ווייל אלע רייסען זיך אימעצען צו שלאָגען. און ניט נאר רייסט מען זיך, נאר מען שלאָגט טאקי.

דער פאליאק שלאָגט דעם רומענער, דער רומעניער שלאָגט דעם יוגא-סלאוו, דער טשעך דעם פאליאק. יעדער שלאָגט אדער וויל שלאָגען יעדען און אלע שלאָגען אדער ווילען שלאָגען אלע. אפילו בעלגיען האט חשק צו שלאָגען לוקסעמבורג און האלאנד. אפילו גריכענלאנד האט געעפענט דאס מויל איינצושלינגען די גאנצע וועלט.

און אלע שלאָגען זיי דעם אידען.

און דער איינציגער, וואס שלאָגט נאָך דערווייל קיינעם ניט, איז טאקי, נאָך אלעמען, דער איד.

עס קען זיין, אז דאס איז דערפאר, ווייל אנדערע קענען בעסער די מלאכה און האָבען פארכאפט פריהער. עס קען ווייטער זיין דערפאר, ווייל דער איד איז צו שטארק צוגעוועהנט צו זיין ראָלע פון א געשלאָגענעם און איהם פאלט דעריבער נאר ניט איין, אז אין אלגעמיינעם טומעל קען ער דערווייל אויך דא און דארט דערלאנגען א פאר קלעפ. און ווידער קען עס זיין דערפאר, ווייל איבער'ן אידען וואכען געוויסע כשר'ע-סאציאליסטען אונזערע, וואס איידער נאָך וואס-ווען, שרייען זיי שוין, אז דער איד וויל פארשלינגען דעם ארימען אראבער און אז דער געשלאָגענער פוילישער, ליטווישער, רומענישער און אונגארישער איד איז א געפעהרליכער אימפעריאליסט און וויל מיט גוואלד פארכאפען ארץ ישראל.

אבער אזוי צי אנדערש — דער איד איז דערווייל די איינציגע אויסנאהם.

ער, צו וואס האט איהר גענומען און פלוצלונג געסטאפט די מלחמה ? !

בעת דער מלחמה האט אמעריקא ניט געהאט קיין טענות, אז ענגלאנד פארשפארט די טירען פאר אונזערע סחורות.

בעת דער מלחמה איז געווען שלום צווישען קאפיטאל און ארבייט.

בעת דער מלחמה האט שידעמאן ניט באדארפט אפגעבען דין וחשבון פאר די אלוועלטליכע סאציאליסטען, פארוואס ער האט דערלאזט צום בריסקער שלום, און זיין געוויסען האט רוהיג געדרימעלט.

בעת דער מלחמה האט עקזיסטירט א בורג-פריעדען צווישען פארטייען און ריכטונגען און א לייב איז געלעגען מיט א שעפס און א קינד האט געריטען אויף א שלאנג.

בעת דער מלחמה האט דער באלשעוויסט ניט געסטראשעט צו פארפלייצען די וועלט.

בעת דער מלחמה... בעת דער מלחמה...

איצט איז עס אויף מארגען נאָך דעם חלום, אויף מארגען נאָך דער הוליאנקע... ווייסט איהר דאָך, ווי מען פיהלט.

מיר קעמפען נאָך פאר וועלט-ליעבע — ווילסאָן אין פאריז, ביי דער שלום-קאָנפערענץ, איך — דא אין דער צייטונג, איינינע אנדערע — ערגיץ אנדערש. אבער, איך ווייס ניט, ווי ביי אנדערע, ביי מיר איז אזוי:

אין מויל איז פאסקודנע. אויפ'ן הארצען טרויעריג, אין דער נשמה גראבלען קעץ. עס ווילט זיך אויספאטשען זיך אליין אדער זיך צושלאָגען מיט אימיצען אנדערש.

איך נעם זיך אליין אָפּט אָן ביים ארבעל און זאָג צו זיך אזוי:

פאלעסטינא באקומסטו ? נאציאנאלע רעכט האָפסטו צו באקומען ? ווילהעלם איז געגאנגען לעזאזל ? אונטערדריקטע פעלקער זיינען אויפגעלעבט געוואָרען ? משוגע'נער, וואס ווילסטו נאָך? משיח קען דאָך ניט קומען מיט איין מאָל!

אזוי טענה איך צו זיך. אבער דאָך: כ'לעבען, איך וואלט געוואלט מיט אימיצען זיך צושלאָגען !

קאָרעספאָנדענטען, אויפמערקזאם !

אלע קאָרעספאָנדענטען און באריכט-שרייבער זייער געבעטען אריינצושיקען זייערע קאָרעספאָנדענצען און באריכטען אזוי פריה ווי מעגליך. מיר ערווארטען זיי צו האָבען אין רעדאקציע מאָנטאג. זאָנסט איז שווער צו זאָגען אויב עס וועט אריינגעהן די זעלבע וואָך.

רעדאקציע „גערעכטיגקייט".

די נויטווענדיגקייט פון וואָך־ארבייט אין קלאָוקס־טרייד

פון מאָררים זיגמאַן.

ארום דעם 15טען מארטש וועט די קלאָוקמאכער יוניאָן פון ניויארק פארלייגען די פאָדערונגען פון די ארבייטער פאר די קלאָוק, סוט און סקוירט מאנופעקטשורערס אין אונזער טרייד. דער יעצטיגער אגרימענט מיט די מאנופעקטשורערס ענדיגט זיך ערשט דעם 5טען אויגוסט, און לויט דעם אגרימענט, דארף די יוניאָן אָנפאנגען קאָנפערירען מיט די באַלאַבאַטים וועגען די נייע פאָדערונגען פאר א נייעם אגרימענט מיט דריי מאָנאַט פריהער, איידער דער יעצטיגער אגרימענט ענדיגט זיך. האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען, אז אין די לעצטע פאר יאהר האָבען די סיזאָנס אין אונזער טרייד זיך שטארק געביטען און עס וואלט געווען זעהר ניט פראקטיש ווען מיר זאָלען וואַרטען מיט דעם פארלייגען פון אונזערע פאָדערונגען צו די באַלעבאַטים, אויף די צייט וועלכע דער אגרימענט באַשטעהט.

דער לעצטער ווינטער סיזאָן, צ. ב. האָט זיך אנגעפאנגען ארום דעם 15טען מאַי, אנשטאט דעם 15טען דזשולייַ, ווי דאָס איז געווען אין אַלע פריהערדיגע יאהרען. דאָס איז אָן ערך מיט 8 וואָכען פאר דער געוועהנליכער צייט. און אין מיטען מאָנאַט אויגוסט, ווען עס האָט געדאַרפט זיין די שטאַרקסטע ביזי אין טרייד, האָבען פיעלע קלאָוק מאכער געסטאַפּט האַלבע טעג.

אָט צוליעב דעם איז נויטיג אָנצופאַנגען די קאָנפערענצען מיט אונזערע מאנופעקטשורערס איבער אונזערע נייע פאָדערונגען מיט עטליכע וואכען פאר דער באַשטימטער צייט. עס איז דעריבער ווינשענסווערט זיך דורכצורייַדען צווישען זיך וועגען די אישיוס, וועלכע זיינען דער הויפּט־גרונד פון אונזערע פאָדערונגען.

* * *

ווארום זיינען די קלאָוק און סקוירט מאכער געקומען צו א פעסטען באשלוס, אז דער יעצטיגער סיסטעם פון שטיק ארבייט מוז אומגעביטען ווערען אויף דעם סיסטעם פון וואָך ארבייט, און אז דאָס זאָל זיין איינע פון די הויפּט פאָדערונגען צו די באַלעבאַטים?

דער ענטפער איז:

אין די אכט יאהר זינט די קלאָוק מאַכער יוניאָן איז געוואָרען א פאקטאָר אין דעם טרייד, האָט זי אָנגעפיהרט טאָג טעגליכע קעמפּפע צו פארבעסערען די מאַטעריעלע לאַגע פון די ארבייטער אין דעם טרייד. חוץ דעם דזשענעראל סטרייק פון 1916, זיינען דורך די 8 יאהר אייניגע מאָל אויסגעקעמפט געוואָרען העכערע סטאַנדארדס פאר די שטיק ארבייטער, א גרעסערער מיניממום־סקייל פאר די וואָך ארבייטער, און עס האָט זיך קלאָר ארויסגעוויזען, אז די אַלע געווינסען זיינען בלויז פארבליבען א זיכערער פאקט פאר די, וועלכע ארבייטען פון וואָך, ווי למשל, די קאַטערס, פרעסערס און סעמפּעל מייקערס. וואס אנבאַלאַנגט די געווינסען פאר העכערע פאַרדינסטען פאר די ארבייטער וואס ארבייטען פון שטיק, האָבען זיי קיין האַפט ניט. עס איז ניטאָ דאָס באַשטימטע ווי ביי די וואכען־ארבייטער.

און אפילו וואס אנבאַטרעפט די ארבייטס שטונדען, איז די זעלבע זאך: קירצערע שטונדען זיינען פאר דעם וואכען־ארבייטער א פאקטישער געווינס. ביי דעם שטיק ארבייטער אבער קען אמאָל טרעפען, אז ער זאָל דאָס פארקירצען פון ארבייטס שטונדען באטראכטען פאר ניט קיין געווינשטע זאך.

מיר וועלען יעצט פּרובירען ערקלערען די אורזאכען, ווארום דאָס איז אזוי.

ערשטענס איז דער קלאָוק און סוט טרייד פון א זעהר סטיילישען סאָרט. יעדען טאָג פון סיזאָן ווערען געשאפען נייע מאָדעלען. אויף יעדע פון די געשאפענע סטיילס דארף א פרייז קאָמיטע פון די ארבייטער אין יעדען שאפּ אוועקשטעלען דעם פרייז פאר דער ארבייט. יעדער טייל פון די שטיק־ארבייטער דארף שטעלען דעם פרייז אויף דעם טייל, פון דער ארבייט אין גארמענט וואס זיי דארפען אויסארבייטען. ווי, למשל, דער אָפּערייטאָר פאר זיין טייל ארבייט, און דער פינישער פאר זיין טייל ארבייט. דיזע אפּשאצונג פון דעם ווערטה פון דער ארבייט ווערט געטאָן פון א פרייז קאָמיטע פארטרויט פון די ארבייטער, וואס דארפען אויפמאכען דעם גארמענט און קריגען באַצאָהלט פון שטיק.

אום צו קאָנען באַשטימען דעם ריכטיגען פרייז פאר דער ארבייט מוז די פרייז־קאָמיטע זיין פעהיג אָפּצושאצען וויפיעל טעכניק עס פארלאַנגט זיך אין דער ארבייט דעם דזשעקעט אָדער דעם קאָוט צוזאמענצושטעלען, און וויפיעל צייט דאָס וועט נעמען ביי דעם דורכשניטליכען ארבייטער.

אזא ריכטיגע אפּשאצונג פון דעם ארבייטס־פרייז האָט זיך ארויסגעוויזען פאר אונמעגליך. אפילו אין די שעפּער, וואו עס ארבייטען די בעסטע עקספּערטען פון אונזער טרייד, און ווען זיי שטעלען די פרייזען ווייזט זיך אויך גאַנץ אָפט ארויס, אז דעם פרייז פון מאַנכע גארמענטס איבערשאצען זיי און פון אנדערע גארעמענטס אונטערשאַצען זיי. דאָס לעצטע פּאַסירט אין די מעהרסטע פעלע. מען באַקומט אמאָל א בעסערען פרייז ביים מאנופעקטשורער. דאָס טרעפט אָבער נאָר דאַמאלסט, ווען עס איז שטארק ביזי אין טרייד און דער באָס דארף אז די ארבייט זאָל גלייך אויפגעמאכט ווערען אָדער ווען די ארבייט איז פון אזא סאָרט, וואס מוז געמאכט ווערען ביי איהם אין שאפּ און קען ניט אויספיהרען זי אוועקצושיקען מאכען אנדערשוואו. נור אפילו אין אזעלכע פעלע איז דאָס נאָר דאַן מעגליך ווען די פרייז קאָמיטע־לייט זיינען פון א שטארקערען כאראקטער און קענען זיך איינשטעלען פאר א פרייז. באַשטעהט אבער די פרייזקאָמיטע פון שוואַכערע מענשען, העלפען אפילו די אויבען־דערמאָנטע אומשטענדען אויך ניט. ווען עס טרעפען שוואַכערע סיזאָנס איז שוין גאָר ניטאָ וואס צו ריידען. דאַן העלפט שוין ניט אפילו די בעסטע פרייז קאָמיטע, און דער פרייז פון די שטיק ארבייטער פאַלט נידריגער און נידריגער.

עס פּאַסירט ביי אונז אין טרייד, אז אין א שלעכטען סיזאָן פאַלען די פרייזען פון דעם שטיק ארבייטער אויף אזוי פיעל, אז ווען דער נעקסטער סיזאָן איז שוין אפילו א גוטער און מען באַקומט שוין א בעסערען פרייז פאר דער ארבייט, קען מען אָבער ניט ארויסקריגען אזוי פיעל אז מען זאָל קענען ארויפהויבען דעם פרייז פון ארבייט צו דעם זעלבען סטאַנדארד ווי ער איז געווען, איידער דער שלעכטער סיזאָן איז געקומען.

דאַן איז די פאבריקאציאָן פון דעם קלאָוק און סוט טרייד צוטיילט אין איבער צוויי טויזענד שעפּער, און אזוי ווי אין יעדען שאָפּ איז פאראן א פרייז קאָמיטע צו סעטלען פרייזען, מיינט דאָס, אז איבער צוויי טויזענד פרייז קאָמיטעס סעטלען די פרייזען פון דער ארבייט אין דעם קלאָוק טרייד. איבער צוויי טויזענד באַזונדערע גרופּען מענשען, מיט פארשיידענע פעהיגקייטען אין דעם טרייד, אַלס ארבייטער, דארפען שאַצען דעם ווערט פון אויפמאכען א גארמענט. און אזוי ווי די זעלבע סטייל גארמענטס געפינען זיך אין פיעלע שעפּער, און פיליכט אין די מעהרסטע פון זיי, קען מען זיך שוין ליכט פארשטעלען אויף ווי ווייט עס איז מעגליך אויפצוהאַלטען א יוניפאָרם סטאַנדארד אין דעם גאַנצען קלאָוק טרייד.

דאָ מוז אויך ערקלעהרט ווערען, אז דער טרייד איז אויך צוטיילט אין גראַדען פון קוואַליטעט. פון די זעלבע סטיילס ווערען געמאכט טייערערע און ביליגערע גארמענטס פאר דעם קלאָוק מאַרקעט. דאָס מאכט די לאַגע פון אפּשאצען דעם ריכטיגען פרייז פאר אויפמאכען פון דעם קאָוט, דזשעקעט אדער סקירט נאָך מעהר קאָמפּליצירט. באַזונדערס ווען עס דארף געטאָן ווערען אין א פאר טויזענד שעפּער, פון א פאר טויזענד גרופען פרייז קאָמיטעט.

דאַן נאָך א זאך, וואס איז אפילו זעהר ניט אנגענעהם, עס איז אבער וויכטיג דעם פאקט ארויסצוברענגען. אונטער דעם סיסטעם פון שטיק־ארבייט און פון סעטלען פרייזען טרעפט אָפטמאָל, אז איין טייל פון די ארבייטער פון שאָפּ העלפט צו אַז דער צווייטער טייל ארבייטער זאָלען סעטלען זייערע פרייזען אביסעל ביליגער ווי מען דארף.

דאָס פּאַסירט אויף פאלגענדען אופן: איין טייל פון דער פרייז קאָמיטע אין שאָפּ סעטעלט אָפּ מיט דעם באָס דעם פרייז פון דעם טייל פון גארמענט, וואס זיי ארבייטען אויס. דאַן דארף דער אנדערער טייל פון דער פרייז קאָמיטע סעטלען דעם טייל ארבייט פון דעם זעלבען גארמענט, וואס זיי דארפען אויפמאכען. איז, ווען זיי שטעלען זיך איין פאר א בעסערען פרייז, און דער באָס וויל ניט נאָכגעבען, דער טייל פון די א. בייטער וועלכע האָבען שוין זייער פרייז פאר דער ארבייט אָפּגעסעטעלט, גוט אדער שלעכט, און וועלכע זיינען נאַטירליך אין גרויס איילעניש אוועקצוזעצען זיך צו דער ארבייט אום צו פארדיענען עטליכע דאָלאַר, שטעלען זיי זיך אוועק אין דער ראָלע אַלס פארמיטלער צווישען דעם באָס און דעם אנדער טייל פון דער פרייז קאָמיטע און טרייען, ווי זיי רופען עס, מאכען א סוף. זיי ווירקען אויף דעם אנדער טייל פון די ארבייטער, וואס האַלטען אין סעטלען די פרייזען, צו זיין אביסעל מילדער מיט דעם פרייז און אויף אזא אופן דריקען זיי ארונטער דעם פרייז פון זייערע אייגענע מיטארבייטער, פון זייערע אייגענע שוועסטער און ברידער.

פון די פאר פאקטען וואס איך האָב דאָ ארויסגעבראכט. מוז מען קומען צו פאָלגענדע שליסע:

ערשטענס, אז אונטער דעם שטיק סיסטעם איז ניט מעגליך פעסטצושטעלען די פארדינסטען פון די ארבייטער, און פון צייט צו צייט זיי קענען העכערען, אזוי אז עס זאָל האָבען א בלייבענדען ווערט.

צווייטענס, ווערט דער סאָלידאַרישער געפיהל צווישען די ארבייטער דורך דעם סיסטעם פון שטיק ארבייטער צובראכען.

עס איז דאַריבער פארשטענדליך, אז די אכט יאהר ערפאהרונג וואס די קלאָוק מאכער האָבען געהאַט אונטער אזא סיסטעם, האָט זיי געמוזט פיהרען צו דער אידעע פון וואָך־ארבייט.

אין א צווייטען ארטיקעל וועל איך טרייען ארויסברענגען פיעל מעהר פאקטען וועגען די איבלען וואס דער שטיק־סיסטעם האָט געשאפען צווישען די ארבייטער און אויך ווי ווייט דאָס שטיק־סיסטעם איז שלעכט פאר דעם טרייד זעלבסט.

גיט מיר צוריק די מלחמה!

(פעליעטאָן) פון א. וואהלינער.

True translation filed with the Postmaster at New York City, on Feb. 14, 1919, as required by the Act of Congress, apprroved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

איך געדענק גאַנץ גוט: ווען די מלחמה האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט איהר געטאַנצט אין די גאַסען, האָט זיך געהאַלזט און געקושט, האָט געפּויקט און געטרומייטערט און האָט אין א מיטען דאָנערשטאָג געפראַוועט שמחת תורה. און איך — אויך.

אָבער איצט זאָג איך: גיט מיר צוריק די מלחמה!

ווייל די וועלט, זאָגט מען, האָט ליעב א פארליעבטען, און בעת דער מלחמה האָב איך ליעב געהאַט די וועלט, וועלכע איז געווען פארליעבט ביז משוגעת.

מען האָט טאַקע געשאָסען און מען האָט געטאָן אַלע אנדערע זעהר אונאנגענעהמע, זעהר אומבאַקוועמע און ניט איבעריג געזונטע זאַכען. אָבער אַלץ אויס ליעבע, אַלץ מיט ליעבע.

עס איז געווען, אזוי צו זאָגען, דער האָניג־מאָנאַט פון די פעלקער.

דער פּאָליאַק איז אַלץ ארומגעגאַנגען א פארליעבטער און א צוקראַכענער, האָט זיך איטליכען געהאַנגען אויפ'ן האַלז און האָט, ווי פאַר'שכור'ט, געפּלוידערט: קאָכאַם־פּאַנאַ! קאָכאַם!

און דער טשעך האָט געקוקט אויף דער גאַנצער וועלט מיט זיינע טיעף־פאַרחלום'טע עכט־סלאַווישע אויגען, האָט זיך פאר איטליכען טיעף געניינט און האָט געשוואָרען מיט די הייליגסטע שבועות, אז ער האָט פּיינט, ווי חזיר, דעם אימפּעריאַליזם און עראָבערונגען.

און אז די טשעכען האָבען, אויס ליעבע מיט אָפּפערוויליגקייט זיך געלאָזט פארשיקען אַזש אין סיביר, האָבען איהם אַלע אָפּגעבלאָזען די טריט, האָבען איהם פארוואָרפען מיט קראַנצען און זיינען ממש אויסגעגאַנגען פאר ליעבע צו איהם.

און די שעהנע פראַנקרייך איז געווען אזוי מאַרטירעריש־בלאַס און אזוי חנ'עוודיג־שוואך, און זי האָט מיט א שטאַרבענדער צערטליכקייט געשטרעקט צו אַלעמען איהרע אָרעמס און האָט געמורמעלט: „איך ליעב!

און בעלגיען איז געווען א מלאך מיט שנעע־ווייסע פליגלען, אַן אומשולדיגע בתולה מט ריינע, קינדערשע פארלאַנגען. און זי האָט מיט אזעלכע ריינע אויגען געקוקט איטליכען אויף די הענט — ממש, נעהם און צוקוש יעדען אבר איהרען.

און גריכענלאַנד און סערביען און אַלע, אַלע... מיין שעצכען, מיין ליעבכען!

עס איז טאַקע געווען א ליעבע־הוליאַנקע בעת א מגפה. אָבער ווען אַלץ איז געווען רויט פון בלוט, האָט אזוי שעהן ארויסגעשטראַהלט אַלעמענס ווייסע אונשולד. און בעת טויט האָט געהערשט ארום און ארום, איז געווען אזוי גוט, ווען מען האָט זיך געקענט זאָגען: די ליעבע איז שטאַרקער פון טויט.

אזוי איז געווען בעת דער מלחמה.

און בעת דער מלחמה האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, אז ווען דער שלום וועט קומען, וועלען מיר האָבען פאר זיך א כאָפּטע פאַרליעבטע פּאָרלעך, וואָס האַלטען אין איין רוקען דעם טעלער איינער צום צווייטען. מאכט איינער: עס דו! און דער צווייטער טענה'ט: ניין, עס דו בעסער!

עס הייסט:

פּוילען צו אוקראַינאַ: נעהם גאַליציען! און אוקראַינאַ צו פּוילען: נעהם דו בעסער, דו ביזט בילכער!

און איטאַליען צו די יונגאָ־סלאַווען: נעהם דיר פיומע! און די יונגאָ־סלאַווען פאַרקעהרט: ניין, נעהם עס דו!

און אזוי כסדר.

אזא בילד האָב איך זיך געמאָלען בעת דער מלחמה. ווייל די וועלט איז געווען פול מיט ליעבע ווי דער ים, וואס איז איבערגעפילט איבער די ברעגען, און זעלבסט־אויפּאָפּפערונג האָט אַלעמען באַזעלט, און אַלע זיינען געווען ריין און גוט און אונשולדיג.

און מיט איין מאָל האָט זיך די מלחמה געענדיגט. איהר האָט זיך געפרעהט דערמיט. איהר האָט געטאַנצט אין די גאַסען. איך אויך. אָבער איצט זאָג איך: גיט מיר צוריק די מלחמה!

איינגענטליך האָב איך געקענט פאָראויסזעהן, אז די ליעבע וועט זיך אויסוועפּען נאָך דער מלחמה.

און פאָראויסזעהן האָב איך עס געקענט, ווייל מיר האָבען שוין געזעהן, וואס עס האָט זיך אויסגעלאָזט פון דער רוסיש־דייטשער ברודערשאַפט און ליעבע — א פאר וואכען פאר דעם בריסקער שלום.

איהר געדענקט דאָך:

פון רוסישען פראָנט האָט מען זיך אַלץ געווענדעט צום דייטשען מיט די ווערטער: דושענקאַ, גאָלובטשיק, דאָראָגאָי! און פון דייטשען פראָנט האָט מען געענטפערט: שעצכען, קעצכען, ליעבכען!

און אז אין די רוסישע טראַנשעען איז מען געשלאָפען, זיינען די פארליעבטע אין די דייטשע טראַנשעען געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער: ששש, דער שונא שלאָפט!

און אז אין די דייטשע טראַנשעען איז מען געווען פארטיעפט אין אויסארבייטען נייע קריעגס־פּלענער, האָט מען ביי די רוסען מיט ליעבע איינגעהאַלטען דעם אָטעם און איינער דעם צווייטען האָט געוואָרענט: ניט שטערען! ער טראַכט, נעבאך!

און אָפטמאָל פלעגט זיך צושפּיעלען די ברייטע רוסישע נאַטור, פלעגט מען אוועקוואַרפען די פאַרזשאַווערטע ביקסען, מען פלעגט אויסדרעהען די קאַנאָנען מיט זייערע פּיסקעס צו די פּאָטיליציעס, די געשייטע רוסישע סאָלדאַטען פלעגען זיך אוועקלאָזען אין א קאַמאַרינסקי און די דייטשען פלעגען צופּליעסקען. און נאָכדעם פלעגט דער דייטש באַצאָהלען פאר דעם פאַרגניגען מיט א גוט־באַקאַנטען וויץ — פון יענע וויצען, וואס שמעקען מיט זויער־קרויט און פון וועלכע מען קען בשום אופן ניט לאַכען אפילו ווען מען קיצעלט איך. אָבער ליעבע, ווי באַקאַנט, איז בלינד און דער רוס פלעגט זיך קייקלען פאר געלעכטער.

אָט אזא ליעבע האָט געהערשט. אָט אזוי האָט מען געהוליעט און זיך פאַר־

דעמאביליזאציע און די ארבייטער

פון מ. קאלמשין.

True translation filed with the Postmaster at New York City, on Feb. 14, 1919, as required by the Act of Congress, apprroved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

מיט פיער יאהר צוריק, ווען מען האט אין ענגלאנד גענומען איינפיהרען געצוואונגענע מיליטער-דיענסט, האט די ענגלישע רעגירונג גלייכצייטיג אויך גענומען זיך אויסצוארבייטען פלענער פאר די קומענדע דעמאביליזאציע. ספעציעלע קאמיסיעס און קאמיטעס זיינען אנגעשטעלט געווארען. אין אנפאנג האבען די דאזיגע קאמיטעס געמיינט, אז זיי זיינען געוועהנליכע „פייק" קאמיטעס און זיי האבען גאר ניט געטאן. אבער שפעטער האבען זיי אנגעהויבען שווער ארבייטען איבער דער פראבלעמע. און שוין מיט דריי יאהר צוריק, אין 1916, האט די רעגירונג אויסגעארבייט א פלאן פון דעמאביליזאציע. עס מאכט ניט אויס, וואס פאר א פלאן דאס איז געווען, עס מאכט ניט אויס וואס די ארבייטער, באזונדערס די יוניאנס אין די אלטע און אויך די נייע לייבאר-פארטיי, זיינען געווען מיט דעם פלאן ניט צופרידען. דער פאקט איז, אז א פלאן איז אויסגעארבייט געווארען.

נון, מען קען פאר איין מינוט ניט אננעהמען, אז די ענגלישע רעגירונג איז ליבעראלער און נעהמט מעהר אינטערעס אין איהרע סאלדאטען און ארבייטער, ווי די אמעריקאנער. נאך וועניגער לעגט זיך אויפ'ן שכל, אז די ענגלישע רעגירונג איז מעהר פעהיג, ווי אונזערע. מיר האבען דאך געזעהן, אז אין צייט פון קריעג האט אמעריקא אין איין יאהר אויפגעטאן מעהר ווי ענגלאנד אין דריי. און דאס איז ניט בלויז דערפאר וואס אמעריקא איז רייכער, און וואס זי איז געווען פרישער, — ענגלאנד איז אויך ניט קיין בעטלערין און פריש איז זי דאך אמאל אויך געווען — נאר דערפאר, וואס אמעריקא שטעלט מיט זיך פאר אן אמת גרויסען געשעפט מיט פיעלע ערנסטע ביזנעס-לייט. יעדער ביזנעס, יעדער געשעפט, האט אזא מנהג, ווען עפעס פאסירט אדער עס דארף פאסירען: אויב די פאסירונג איז א נארישקייט, א שפיעלכעל, א ספארט, מאכט מען זיך נאריש, מען שפיעלט זיך, ווי צ. ב. אין צייט פון דער מלחמה מיט שפאניען. אויב אבער די פאסירונג איז „ביזנעס", עטוואס גאנץ ערנסטעס, נעהמט מען עס טאקע אויף אלס ביזנעס און מען טוט אלעס מיט דער גרעסטער ענערגיע, וואס די ערנסטקייט פאדערט.

דאס איז די אורזאכע, ווארום אמעריקא האט אין אזא קורצער צייט פון אנדערהאלבען יאהר ענטוויקעלט אזא גרויסע מיליטערישע מאכט און אויפגעבויט אזא מורא'דיגע מלחמה-מאשין. און אויב זי האט דאס געקענט אויפטאן, וואלט זי געוויס געקענט אויסארבייטען א פלאן פון דעמאביליזאציע, אויב ניט קיין בעסערען ווי ענגלאנד, טא לכל הפחות ניט קיין ערגערען. מיר האבען אבער קיין שום פלאן ניט, ניט קיין בעסערען און ניט קיין ערגערען. מיר זיינען אין דעם פרט פון דעמאביליזאציע בכלל פלאנלאז, ווי אן אמעריקאנער פובליציסט האט זיך אויסגעדריקט. דעמאביליזאציע נעהט אבער אן, צעהנדליגע טויזענד סאלדאטען און ארבייטער ווערען דעמאביליזירט יעדען טאג און אלץ אהן א פלאן. פארוואס איז דאס?

דערפאר, וואס אמעריקא נעהמט ניט די גאנצע געשיכטע פו דעמאביליזאציע גענוג ערנסט. זי פיהלט ניט, אז עס איז ביזנעס, און וויכטיגע ביזנעס. און פארוואס פיהלט זי ניט? דערפאר, וואס די אמעריקאנער ארבייטערשאפט האט איהר עס ניט געגעבען צו דערפיהלען. די ענגלישע רעגירונג האט זיך באצייטענס אנגעהויבען באשעפטיגען מיט דער פראבלעמע פון דעמאביליזאציע, מיט דעם אויסארבייטען פון דעמאביליזאציאנס-פלענער ניט דערפאר, וואס זי איז בכלל אזוי גוטהארציג און אזוי פארזארגט וועגען דער לאגע פון די ארבייטער, אדער ווייל זי איז פעהיגער פון דער אמעריקאנער רעגירונג, נאר דערפאר וואס די ענגלישע ארבייטער האבען שוין פון אנפאנג מלחמה באשעפטיגט זיך מיט פריעדענס-פראבלעמען. שוין אין 1915, ווען קיטשענער האט גערעדט וועגען מאביליזאציע, האבען די ארבייטער יוניאנס, די ארבייטער פארטיי און די סאציאליסטישע ארגאניזאציעס גערעדט וועגען דעמאביליזאציע. ווען קיטשענער האט ערקלעהרט, אז די מלחמה וועט זיך ציהען דריי יאהר (און זי' האט זיך טאקע געצויגען דריי יאהר, זינט ער האט עס געזאגט, אין 1915), זיינען אין ענגלאנד פארגעקומען אלערליי קאנפערענצען און קאנגרעסען פון ארבייטער און סאציאליסטען, וועלכע האבען זיך באשעפטיגט מיט דער דעמאביליזאציאנס-פראבלעמע. די רעגירונג איז דעריבער געצוואונגען געווען צו באשעפטיגען זיך מיט דיעזער פראבלעמע, זי האט געמוזט צוגרייטען א פלאן פון דעמאביליזאציע, זי האט ניט געטארט דערלאזען, אז אימיצער אנדערש — און בפרט נאך דער ארבייטער קלאס — זאל האבען א פלאן און זי ניט.

אבער, ווי אזוי איז געווען ביי אונז, דא אין די פאראייניגטע שטאאטען? האט דען אימיצער גערעדט וועגען רעקאנסטרוקציע, וועגען דעמאביליזאציע? א פאר מאל האבען איינינע גרופעס יא גערופען זאגענאנטע רעקאנסטרוקציאנס-קאנפערענצען, אבער וועגען רעקאנסטרוקציאן בכלל און וועגען דעמאביליזאציע בפרט האט מען אויף דיעזע קאנפערענצען ניט גערעדט. און ווען מען וואלט אויף זיי אפילו יא גערעדט, וואלט עס אויך קיין ממשות ניט געהאט, ווייל די קאנפערענצען האבען זעהר וועניג געהאט צו טאן מיט די ארבייטער און די ארבייטער מיט זיי. די ארבייטערשאפט פון אמעריקא האט געשוויגען, גלייך ווי דעמאביליזאציע וואלט די ארבייטער גאר ניט אנגעגאנגען. די אפיציעלע ארבייטער-פיהרער האבען ניט בלויז געשוויגען, נאר זיי האבען וועגען דעמאביליזאציע, וועגען רעקאנסטרוקציע בכלל ניט געוואלט גאר הערען. זיי, די אפיציעלע ארבייטער פיהרער, האבען געהאט א גוטען תירוץ, אדער זיי האבען געמיינט ער איז א גוטער. זיי האבען געהאלטען אין איין טענה'ן, אז איצט איז די צייט צו רעדען ניט פון דעמאביליזאציע, נאר פון מאביליזאציע; איצטער טאר מען ניט אין זינען האבען קיין פריעדענס-פראבלעמען, ווייל דער איינציגער פראבלעם איז איצט מלחמה.

די רעגירונג האט זיך אויך וועניג געקימערט וועגען דעם, און מען קען זי ניט באשולדיגען. אז די ארבייטער אליין האבען זיך ניט אין זינען; אז די ארבייטער-פיהרער זארגען ניט וועגען דעמאביליזאציע, טו פארוואס זאל עס די רעגירונג טאן אין א צייט, ווען עס איז פאראן גענוג זארג אחוץ דעמאביליזאציע? קיין פלאן איז ניט געווען און קיין פלאן איז ניטא.

געוויס, עס זיינען דא פלענער, פיעלע פלענער, פריוואטע אזוי גוט ווי רעגירונגס-פלענער, אבער שוין דא, וואס מיר האבען אזוי פיעל פלענער און וואס מיר נוצען אויס אדער אלע מיט א מאל, אדער קיין איינעם ניט פון זיי, איז ערגער אייִדער, ווי עס וואלט גאר קיין פלאן ניט געווען. מיר ווארפען זיך פון איין פלאן צום אנדערען, נוצען אויס אלע מיט אמאל, אדער דעמאביליזירען גאר אהן א פלאן טאקע נאר דערפאר וואס קיין פלאן, קיין אויסגעארבייטער, צוגעגרייטער פלאן איז ניטא.

אין נעקסטען ארטיקעל וועל איך זיך באשעפטיגען מיט די פלענער פון דעמאביליזאציע. איצט וויל איך בלויז, אין א פאר ווערטער, ציינען ווי וויכטיג, גרויס און ברייט די פראבלעמע פון דעמאביליזאציע איז, און ווי אזוי די ארבייטער זיינען פאראינטערעסירט אין דער לעזונג פון דער פראבלעמע.

צו דער ענדע פון דער מלחמה האט אמעריקא געהאט אן ארמעע פון פיער מיליאן סאלדאטען. ארום צוויי מיליאן זיינען געווען אין אייראפא און ארום צוויי מיליאן — אין די קעמפס. דערצו מוז מען צורעכענען די מלחמה-ארבייטער, ד. ה. די, וואס האבען געארבייט אויף אמוניציע, שיפען א. ז. וו. ער היום ווייסען מיר אפילו ניט וויפיעל זיי זיינען געווען, ווי גרויס זייער צאהל איז. עס זיינען פאראן סברות, אבער די סברות הויבען זיך אן מיט דריי מיליאן און שטייגען אפילו ביז פינף מיליאן. עס קען דערייבער זיין, אז אחוץ די פיער מיליאן סאלדאטען האבען מיר אן ארמעע פון פיער מיליאן מלחמה-ארבייטער, וועלכע מען דארף דעמאביליזירען. אכט מיליאן מענשען. און מען מוז האבען אין זינען, אז פון דיעזע אכט מיליאן זיינען די מעהרסטע געוועזענע ארבייטער און פון די פיער מיליאן סאלדאטען זיינען די מעהרסטע ארבייטער פון „פריעדענס אינדוסטריען", ווייל די פארמערס און מלחמה-ארבייטער זיינען געווען בארעכטיגט צו עקזעמפשאן. דיעזע אכט מיליאן מוזען זיך אומקעהרען צו די אינדוסטריען, פיעלע פון וועלכע זיינען אינגאנצען אפגעשטעלט געווארען אין דער צייט פון דער מלחמה, און פיעלע אנדערע, וועלכע זיינען ניט אפגעשטעלט געווארען, און האבען אבער גענוג ארבייטער. די ארבייטער מוזען קריגען ארבייט און קיין ארבייט איז ניטא; עס קען ניט זיין קיין ארבייט אין אזא איבערגאנגס-צייט, ווען גאנצע אינדוסטריען מוזען זיך אפשטעלען, ווען קאפיטאל ווערט ארויסגעצויגען פון איינינע אינדוסטריען און יאגט זיך נאך אנדערע פעלדער פון „אינוועסטמענט".

איך ווייס גאנץ גוט, אז די פראבלעמע איז אזוי גרויס, אז זי קען פ א ל ק א ם ניט געלעזט ווערען אין דער געגענווארטיגער געזעלשאפט. נאך מעהר. אפילו א בעסערע, מעהר נארמאלע און ארגאניזירטע געזעלשאפט וואלט ניט געקענט אזוי שנעל לעזען די פראבלעמע. דער פראצעס פון דעמאביליזאציע קען אבער אנגעפיהרט ווערען אזוי, אז די ארבייטער און די דעמאביליזירטע זאלען פון איהם ליידען וואס וועניגער און ער קען אויך אנגעפיהרט ווערען אזוי, אז א גרויסע כוואליע פון ארבייטסלאזיגקייט, הונגער און נויט זאל פארגיסען גאנץ אמעריקא. די ארבייטער וואלטען דארום געדארפט זיין די ערשטע אויסצוארבייטען א פלאן פון דעמאביליזאציע, מיט וועלכען די רעגירונג וואלט זיך געמוזט רעכענען. די ארבייטער האבען אבער קיין פלאן ניט געהאט.

וואס זיינען די רעזולטאטען? פון אלע זייטען הערען מיר וועגען א וואקסענדער ארמעע פון ארבייטסלאזע. די זעלבע אפיציעלע ארבייטער-פיהרער, וועלכע האבע וועגען קיין דעמאביליזאציאנס-פלאן אפילו ניט געוואלט הערען, שרייען איצטער וועגען ארבייטסלאזיגקייט. דריי הונדערט טויזענד, פינף הונדערט טויזענד, זעקס הונדערט טויזענד, — שרייט מר. פרענק מאריסאן, דער גענעראל סעקרעטער פון דער אמעריקען פעדריישאן אוו לייבאר. און די צאהל וואקסט. יעדען טאג ווערען דעמאביליזירט צעהנדליגע טויזענד סאלדאטען. דא, פון די קעמפס, איז א מיליאן סאלדאטען שוין דיסטשארדזשט געווארען, און נאך אכט הונדערט טויזענד וועלען דעמאביליזירט ווערען דיעזען מאנאט. פון אייראפא קומען אן שיפען מיט סאלדאטען יעדען טאג. מען גיט זיי א פיינעם קבלת פנים, אבער דאס איז דאך ניט גענוג. געוויס, די רעגירונגס עמפלאימענט אפיסעס זוכען דזשאבס פאר די סאלדאטען, די גרויסע עמפלאיערס זאגען צו דזשאבס און די רעגירונג האט פארשפראכען יעדען סאלדאט זיין געהאלט אזוי לאנג, ווי ער וועט זיין אהן א דזשאב, אבער ארבייט זוכען זיי, ארבייטסלאזע זיינען זיי, די שכירות העלפען זיי ארונטערייסען, זיי שטעלען אלע ארבייטער אין געפאהר פון ארבייטסלאזיגקייט. און וואס ווייטער וועט די לאגע, פארשטעהט זיך, ווערען ערגער. עס איז דאך איבעריג דא צו דערצעהלען, ווי אזוי א וואקסענדע ארמעע פון ארבייטסלאזע ווירקט אויף דער לאגע פון אלע ארבייטער. ווען פון יענער זייט טיר שטעהען טויזענדע הונגעריגע, וועלכע זיינען וויליג צו ארבייטען וועלכע עס איז שטונדען, פאר וועלכע עס איז שכירות און אונטער וועלכע עס איז ארבייטס-באדינגונגען, אבי ארבייטען, — קענען די ארבייטענדע ארבייטער ניט טראכטען וועגען א קירצערען ארבייטס-טאג, וועגען העכערע שכירות, וועגען בעסערע ארבייטס באדינגונגען.

עס נעהט א קריזיס, א גרויסער, מורא'דיגער קריזיס, מיט ארבייטסלאזיגקייט, מיט הונגער און מיט מאטערניש. און ביז א געוויסער מאס זיינען אין איהם שולדיג די ארבייטער אליין, באזונדער די אפיציעלע ארבייטער-פיהרער, וועלכע האבען זיך צו איהם ניט געוואלט צוגרייטען.

סענשעהערצער

(א בלעטעל פון דעם ראמאן: „וועלט שטויב.")

פון סעמועל דייקסעל.

אויף א שטוהל נעבען עטהלען איז דאוויד געזעסען, און ציטערנדיג מיט יעדען אבר, ביז'ן בלוט בייסענדיג די ליפען, איהר פון זיין ליעבע דערצעהלט...

זי האט געשוויגען, געהאלטען אראפגעלאזט דעם קאפ און ער האט בלויז געזעהן איהר שמאלען, שעהנעם פראפיל און צוויי געקרויזעלטע פאסמעס האר, וואס האבען זיך אויף איהר שטערען אראפגעלאזט. — — —

— איך בעט אייך עטהעל, זיצט ניט אזוי פארכמורעט, טראכט ניט וואס מיר צו ענטפערען.... איך דאנק אייך פאר אייער צוטרויען, וואס איהר האט מיר אויפגעדעקט, אז איהר ליעבט מיין פריינד און שכן דנאיל'ן און אויב איך האב אייך דאך דערצעהלט וועגען מיינע נארישע געפיהלען, איז עס ווייל איך מוז עס טון... ווייל איך קען ניט אנדערש!.... איהר פארשטעהט מיך?....

פון דער צווייטער זייט וואנט האט א קינד געוויינט און א מאן האט הויך און געזונד געלאכט. אויפ'ן אויבערשטען פלאר האט ווער אלע מאל אנגעפאנגען צו שפיעלען דעם רוסישען מארש: „אויף די בערג פון מאנדזשורי" און יעדעס מאל זיך פארפלאנטערט אויף אן אנדער פלאץ.

ביידע האבען געשוויגען, לאנג און פיינליך געשוויגען. ענדליך האט ער זיך אויפגעהויבען, גענומען דעם קאפעליוש און ניט קוקענדיג אויף איהר, געזאגט:

— א גוטע נאכט!

זי האט זיך האסטיג א הויב געטאן פון פלאץ, איז צוגעגאנגען גאר נאהענט צו איהם און ארויפגעלעגט איהר האנט אויף זיין אקסעל.

— דאוויד, עס טוט מיר זעהר וועה... אבער וואס זאל איך אייך זאגען?

ער האט א קרומען שמייכעל געטון.

— זאגט מיר, אז איך בין א שוואכלינג, אן אידיאט!... און ווען איהר ווילט מיר גאר א גרויסע טובה טאן, שפייט איהר מיר אן אין פנים אריין!...

— דאוויד, אין גאטעס ווילען! — האט זיך ביי איהר א קרעכץ ארויסגעריסען.

— דאס וואלט פאר מיר די גרעסטע טובה געווען... א גוטע נאכט! — ער איז שנעל ארויס פון צימער. — — —

„אזוי, אזוי!" — האט ער צו זיך זעלבסט גערעדט, לויפענדיג פון די טרעפ און נאכהער אין גאס — „אזוי הייסט עס!... אויסגעצייכענט!... און ווי אנדערש האט עס דען געקענט זיין?" ער האט זיך צולאכט. „אזוי, אזוי, דאוויד, לויף אהיים, אויב דנאיל איז אין הויז, גיב איהם די האנט און גראטולירט איהם און וווינש איהם גליק, גליק... אזוי פיעל גליק, וויפיעל נאר זיין ניט טיעף הארץ און פלאכליכער מח קענען פארדייען... זאג איהם, אז די גאנצע נאטור ארום, אז גאט אליין האט עטהעל'ס שעהנע אויגען פארשמירט, איהר רייך הארץ פאר'כשופ'ט און איהר באפוילען איהם צו ליעבען!... איהם, בלויז איהם און ניט קיין אנדערען! אבער פאר וואס?... פאר וואס קומט עס איהם?....

ביי דעם „אייז-קרים-פארלאר" אויפ'ן קארנער, איז ער שטעהן געבליבען, דערזעהן פלוצלונג זיין פיגור און פנים אין שפיעגעל פון א פענסטער און דעם ערשטען מאמענט זיך אליין ניט דערקענט. דערנאך האט ער צו זיך זעלבסט א שמייכעל געטאן. „אזוי, אזוי, דאוויד!" און זיך ווייטער געלאזט געהן ערגעץ וואו פאראויס, אין דער ריכטונג וואו זיינע אויגען האבען געקוקט. — — — —

דער זייגער, אין א קלויסטער איבער דער גאס, האט געשלאגען צוועלף. דאוויד האט זיך שוין גענומען אויסטון, ווען דער שליסעל האט זיך אין טיר א דרעה געטאן און דנאיל איז אריין א מונטערער, א פריילעכער.

— העללא, דאוויד! שוין שלאפען?

דאוויד האט אויף איהם א פארשעכרען בליק געווארפען. — נאך פריה ביי דיר?

— ווען איך דארף ניט מארגען צו דער ארבייט אויפשטעהן, וואלט איך היינט א גאנצע נאכט ארומגעגאנגען!

צוויי דיכטערינס פון עלענד און נויט

פון ל. לאקסאן.

די פאעזיע פון ארימקייט און נויט האט פאר די לעצטע פינף און צוואנציג יאהר פארנומען א באדייטענדען ארט אין דער אלוועלטליכער ליטעראטור. דעם אנהויב האט געמאכט דער דייטשער דראמאטורג, גערהארד הויפטמאן, מיט זיין שטארקער דראמע פון ארבייטער לעבען — „די וועבער“. נאך איהם זיינען אויפגעשוואומען א סך אנדערע קרעפטיגע טאלאנטען. צו די גרעסערע טאלאנטען פון דעם דאזיגען מין פאעזיע געהערען צוויי פרויען: די איטאליענישע דיכטערין, אדא נעגרי און די פוילישע דיכטערין, מאריא קאנאפניצקי. ביידע דריקען אויס דעם גייסט און די שטימונג פון די ארימע געדריקטע קלאסען, ביידע שילדערען דאס לעבען פון וואכעדיגע מענשען מיט דונקעלע פארבען. זיי ווייזען אונז דערהויפט ווי די אונגארמאלע געזעלשאפטליכע באדינגונגען צוברעקלען דעם כאראקטער און די נשמה, מאכען דעם מענשען שלעכט און טעמפ. זייער פאעזיע איז שטרענג רעאליסטיש, אהן ראמאנטישע קאלירען.

די פאעזיע פון אדא נעגרי און מאריא קאנאפניצקי איז דער אבקלאנג פון דער פאלקס-נשמה, פון זיפץ פון פאלק. זיי דערצעהלען אונז ווי עס לעבען און ליידען די פראסטע קלייניגקע מענשעלעך, זיי באקאנען אונז מיט זייער גראהער וועלטעל, זיי ווייזען אונז וואו עס לעבען ארימע, עלענדע אהן ליכט און אהן האפנונג און דאך האבען זיי ניט פארלוירען דעם צלם אלקים. זייער פאעזיע איז די פאעזיע פון עלענד, פון נויט, פון שווערער ארבייט, האס, וואס שטעלט צונויף דעם גאנצען אינהאלט פון א גרויסען טייל פון דער געזעלשאפט.

אדא נעגרי האט זיך אויפגעצויגען אין א קליין שטעדטעל אין איטאליען, אין אן ארימער הויז. איהר וועג אין דער וועלט-ליטעראטור האט זי זיך דורכגעשלאגען אהן באקאנטשאפט, אהן פראטעקציע, מיט איהרע איינענע כחות. באלד ווי עס זיינען ערשינען איהרע ערשטע צוויי ביכלאך געדיכטען, איין ביכעל אונטער'ן טיטעל „דאס בייזע שיקזאל“, און דער צווייטער — „שטורעמס“, איז זי געווארען פאפולער. מיט די דאזיגע צוויי קליינע ביכלאך געדיכטען האט זי זיך ערווארבען אזא פאפולאריטעט, וואס אנדערע שריפטשטעלער מיט גרעסערע טאלאנטען, וואלטען באדארפט ארבייטען דאס גאנצע לעבען.

איהר אויסערגעוועהנליכען ערפאלג האט מען דערקלערט דערמיט, וואס זי האט באריהרט א נייעם ווינקעל פון לעבען. ביז אהער האבען פאעטען באזונגען איטאליען אלס א לאנד, וואו דער הימעל איז שטענדיג דורכזיכטיג בלוי און די זון שיינט שטענדיג העל; א לאנד, וואו מ'האלט אין איין זינגען און שפיעלען, וואו עס זיינען דא די שעהנסטע און הערליכסטע סטאטוען, די פראכטפולסטע בילדער. אדא נעגרי איז אבער אין יענער צייט געווען כמעט די איינציגע, וואס האט זיך פאראינטערעסירט מיט די גרויסע מאסען, וואס וואוינען אין די פייכטע קעלער-דירות, וואו די זון קומט נישט צו. אדא נעגרי איז די דיכטערין פון דער יונגער דעמאקראטישער איטאליען. איהר טאלאנט איז געווען א צייטמעסיגער, זי האט ארויסגעזאגט דאס, וואס איז געלעגען פארבארגען אין א פולע הערצער, זי האט ארויסגערופען א נייע באוועגונג. איהר פערז האט אפגעקלונגען אין די הערצער פון די גרויסע מאסען, וואס קאנען ניט געניסען די שענקייט פון זייער פאטערלאנד.

אדא נעגרי שילדערט דאס לעבען פון די קוילען-גרעבער, וואס ליגען א גאנצען טאג אונטער דער ערד און גראבען רייכקייט פאר אנדערע.

אט קריכט אריין אויף אלע פיער א מחנה קוילען גרעבער אין א פייכטער, פינסטערער גרוב. איבער דער גרוב שיינט דער ריין-בלויער איטאליענישער הימעל, עס הערען זיך ליידענשאפטליכע טענער פון די שארמאנקעס (שפיל-קאסטענס), אלץ ארום פרעהט זיך, לעבט און לאכט; אבער קיינעם פאלט גאר ניט איין, אז אונטער די פיס, אין די געדערים פון דער ערד, איז פארגעקומען א שרעקליך אומגליק: א שאכטע איז איינגעפאלען און צעהנדליגע קוילען-גרעבער אונטער דער ערד האבען דארט זייערע קברים געפונען. און אויף מארגען — ווי גארנישט געוועזן! אן אנדער מחנה קוילען גרעבער קריכט ווידער אויף אלע פיער אין דער פינסטערער, שווארצער גרוב, און אויבען, איבער דער גרוב, — ווידער מוזיק, ווידער לעבען און ליידענשאפט. וועמען ארט פאר די קינדער פון אונטער דער ערד, וואס שאוולען דאס גאנצע לעבען עשירות פאר אנדערע?

עטליכע געדיכטען האט אדא נעגרי געווידמעט די עלענדע, הימלאזע גאסענקינדער, וואס וואלגערען זיך ארום אהן א קרוב און אהן א גואל. טויזענדער מענשען געהען פארביי נעבען זיי און ביי קיינעם דערוועקט זיך ניט קיין רחמנות צו די דאזיגע עלענדע באשעפעניסען. זיי וואקסען אויס אויף דער גאס, לעבען און שטארבען אויף דער גאס, אזוי ווי היימלאזע הינד.

אדא נעגרי פיהרט אריין דעם לעזער אין אן אנאטאמישען טעאטער, וואו עס ליגען די קערפערס פון געשטארבענע גאסענפרויען. אט ליגט דער קערפער פון א יונגער פרוי. ווייניג האט זי געלעבט אויף דער וועלט אבער א סך האט זי דורכגעלעבט און דורכגעליטען. ניט קיין היים האט זי געהאט, ניט קיין פריינד. זי האט אפשר קיינמאל קיין פריינדליך ווארט ניט געהערט, זי האט קיין מאל ניט געוואוסט דעם פראכט פון ריינע, אמת'ע ליעבע, נור פון חרפות און פון ארימקייט האט זי געוואוסט, פון עלענד און פון נויט. איהר גאנצען לעבען האט זי פארבראכט אין די געסלאך, ביז וואנען דער הארטער שיקזאל האט זי געבראכט אין האספיטאל זיך אפרוהען אויף א ברעטעל. און איצט, נאך איהר טויט, איז דא איין מענש, וואס האט זיך מיט איהר פאראינטערעסירט. דאס איז דער געלעהרטער פראפעסאר, וואס פאלמעסט זי פאר וויסענשאפטליכע אונטערזוכונגען.

די צווייטע דיכטערין פון עלענד און נויט איז מאריא קאנאפניצקי. דער אונטערשיעד צווישען זיי איז, וואס אדא נעגרי האט זיך מעהר אינטערעסירט מיט'ן ארבייטער-קלאס, בעת מאריא קאנאפניצקי איז „קאסמאפאליטישער“, איהר סימפאטיע איז ברייטער פארצווייגט, כאפט ארום די גאנצע מענשהייט בכלל. אט דער שטריך מאכט זי זעהר נאהענט מיט דעם באוואוסטען רוסישען דיכטער נאדסאן. פון איהר פאעזיע שטראמט ארויס א הייסע ליעבע צו מענשען אין אלגעמיין, ווער זיי זאלען ניט זיין, צו וועלכע קלאסען אדער נאציאנען זיי זאלען ניט באלאנגען. די פרעהליכע טענער פון לעבען זיינען איהר פרעמד. פון איהר פאעזיע קלינגען ארויס בלויז באנגע, שווערמיטיגע טענער, וואס ווארפען אן א שווערע שטימונג. אלע מענשען ליידען, דאס בייזע שיקזאל שאנעוועט קיינעם ניט, ער ווארפט זיינע שאטענס אויף איטליכענס טריט, אויף אלע לעבענס-וועגען. אבער די מענשען אליין זיינען אויך א סך שולדיג, זיי אליין געהען אוועק פון אמת'ן וועג, וואס פיהרט צום גליק. אנשטאט גלייך צו מאכען די שפיציגע זייטען פון לעבען, מאכען זיי די מענשען אליין נאך שפיציגער, נאך שארפער און דאס שלעכטע אין לעבען שטייגט דארום אלץ מעהר און מעהר, די יסורים פון לעבען ווערען אלץ פיהלבארער.

מאריא קאנאפניצקי שילדערט אין איהרע געדיכטען און ערצעהלונגען דאס לעבען פון ארבייטער, ארעסטאנטען, פון הארען און קנעכט, פון פריצים און פארעבקעס. און ווי זי זאל דעם מענשען נישט שילדערען, ביי וועלכע אומשטענדען זי זאל דעם מענשען ניט ארויספיהרען, איז זי איהם שטענדיג דן לכף זכות. אפילו אויף דעם טורמע-אויפזעהער (אין איהרע ערצעהלונגען פון טורמע-לעבען) געפינט די דיכטערין א זכות. ער איז ניט קיין שלעכטער מענש, זאנאר מיט א ווייכען כאראקטער, אבער ער איז א מענש, וואס איז גלייכגילטיג צו די ליידען פון א צווייטען. ער אליין וואלט אבער קיין שלעכטעס ניט געטאן.

מיט א זעלטענער ליעבע שילדערט די דיכטערין דעם אידען, אין איהרע דערצעלונגען פון אידישען לעבען. זי איז גוט באקאנט ניט נור מיט'ן פשוט'ן, הארעפאשנעם אידען, זי ווייס אויך אויסגעצייכענט דאס לעבען און די נשמות פון אידישע לומדים.

„וואו איז מיין הויז?“ פרעגט די דיכטערין אין איינעם פון איהרע געדיכטען. און זי ענטפערט: „דארט, וואו א שטילער טרויער שטראמט אין דער לופט, דארט, וואו טרערען רינען, וואו די נאכט איז אהן שטערען, וואו די באזיגטע זיפצען, וואו נידערגעשלאגענע ציטערן, ניט דארט, וואו דאס לעבען איז א בעכער וויין און אן ענדלאזען לעבענס-דורשט.“

אין איהר באוואוסטען געדיכט „סטאכ'ס טויט“ דריקט זי אויס דעם אלטען, גוט באוואוסטען געדאנק אויף אזא אופן: די אורזאך פון אלע צרות אין לעבען איז די, וואס עס איז דא א מחיצה, א צאהם, צווישען איינצעלנע מענשען און געזעלשאפטליכע גרופען. א טיפער אבגרונד טיילט פאנאנדער די מענשליכע געזעלשאפט אויף שטארקע און שוואכע, אויף קרבנות און טיראנען, און דער דאזיגער אפגרונד שטערט דער פרייער פאראייניגונג פאר פרידליכע, ברידערליכע און געמיינשאפטליכע ארבייט. דער דאזיגער אבגרונד גילט שוין פון קדמונים און קיין זאך איז ניט אימשטאנד איהם אבצושאפען: ניט די עהרע פון העלד, ניט די מיה פון זשעני, ניט דער גאנג פון דער געשיכטע. און דער גאנצער לאסט פון לעבען ליגט דארום אויף די שוואכע, הילפלאזע און שוצלאזע. די שטארקע עקספלואטירען די שוואכע אהן רחמנות צוליעב זייערע איינענע נוצען, די שטארקע בויען זייער גליק אויף דעם בלוט און אויף די ביינער פון די שוואכע.

מאריא קאנאפניצקי איז געווען א הייסע פארטיידיגערין פון אידישען פאלק. זי האט שטענדיג מיט גרויס ליעבע אריינגעבליקט אין דעם אבגרונד פון דער אידישער נשמה און דארט געפונען פערל. די פאגראמען אויף אידען האבען איהר דאס הארץ געבראכען. איהר פאגראם בילד „מענדעל גדאנסקי“ (איבערזעצט אין אידיש) מאכט א שרעקליכען איינדרוק. איהר אונפארגעסליכע דערצעהלונג פון אידישען לעבען „יאקטאן“ (איבערזעצט אין אידיש) איז א קליין פערעלע.

אויף דעם צווייטען ציוניסטישען קאנגרעס אין באזעל האבען די צונויפגעפאהרענע באמערקט א דאמע, וואס האט מיט'ן גרעסטען אינטערעס פארפאלגט יעדע זאך, יעדע קלייניגקייט, וואס דארט איז פארגעקומען. איהרע באקען האבען געגליהט, איהרע אויגען האבען געלויכטען. די דאזיגע דאמע איז געווען מאריא קאנאפניצקי. דער ציוניסטישער געדאנק האט זי דעמאלט איינגאנצען ארומגעכאפט, זי, אלס פריינד פון אלע אונטערדריקטע און פארפאלגטע, האט געמיינט, אז דער ציוניזם איז דער ריכטיגער אויסוועג פאר'ן אידישען פאלק.

מאריא קאנאפניצקי איז געבוירען געווארען אין יאהר 1846, האט זעהר פריה חתונה געהאט און א לאנגע צייט האט זי פארבראכט אין דארף. דאס פאמיליען לעבען האט זי ניט באפרידיגט און האט דארום ניט געפונען קיין גליק. אין מיטען פון די 60-ער יאהרען, באלד נאך דעם פוילישען אויפשטאנד, האט זי אנגעהויבען איהר פאעטישע טעטיגקייט און אינ'ם יאהר 1876 האט זי זיך באזעצט אין ווארשוי, וואו זי האט זיך איינגאנצען אפגעגעבען מיט ליטעראטור. אין ווארשוי האט זי פארבראכט פערצעהן יאהר, דאן האט די צארישע רעגירונג זי ארויסגעשיקט. א פאר יאהר איז זי ארומגעפאהרען איבער אייראפא, איבער פראנקרייך, איטאליען און דייטשלאנד. ערשט אין יאהר 1902, ווען פוילען האט געפייערט איהר יובילעי, האט די דיכטערין באקומען די מעגליכקייט אויף א רוהיגען לעבען. מ'האט איהר דעמאלט געקויפט א מאיאנטיק און זי האט זיך רוהיג געלעבט. זי איז געשטארבען מיט א יאהר ניין צוריק.

אדא נעגרי איז געבוירען געווארען אין לאדי, איטאליען, אין יאהר 1870. די לעצטע יאהרען שרייבט זי ווייניג. אין יאהר 1905 איז ערשינען איהר בוך „מאטערניטא“ (מוטערשאפט), וואס איז באלד איבערזעצט געווארען אין דייטש.

מאריא קאנאפניצקי און אדא נעגרי גלויבען ביידע, אז די מענשהייט וועט אמאל דערגרייכען אזא הויכע שטופע פון מאראלישער אנטוויקלונג, אז די קעמפפע, וואס קומען היינט פאר איבער געלד און מאכט — וועלען פארשווינדען און צוזאמען מיט דעם וועט אויך פארשוואונדען ווערען דער גרויסער, מעכטיגער „העלד“, וואס פיגורירט היינט אין אונזער לעבען. זיין נאמען איז — נויט, זיין נאמען איז — עלענד, הונגער, פיין און יסורים. ביידע גלויבען זיי, אז די צייט פון דער מענשליכער גאולה איז ניט ווייט.

מיר, ס'הייסט די אונטערדריקטע און עלענדע, ווען מיר זאלען האבען א שטארקען ווילען, קאנען די צייט דערנעהנטערען. אבער אזוי צי אזוי, די מענשהייט וועט ענדליך דאך באפרייט ווערען.

די וועלט וואלט שעהן געוועזן...

(א מתנה דער גערעכטיגקייט)

פון יוסף קאנאפסקע.

עס קומען אפט צו אונז צוגעהן
געלערנטע און קענער,
און זאגען אז די וועלט איז שעהן,
וואס קאן ניט זיין גאר שעהנער.

קום איך, א פראסטער שניידער בלויז,
און האב אויך וואס צו זאגען.
איך זאג — די וועלט איז ווי א הויז,
וואס אלע אין איהר קלאגען.

די וועלט איז שעהן פאר איינצעלנע,
פאר מענשען בלויז געצעהלטע,
וואס האבען זיך אליין געקרוינט,
געמאכט זיך פאר ערוועהלטע.

אך יא! די וועלט וואלט שעהן געוועזן —
אן אמת'ער גן-עדן.
ווען ס'וואלט די וועלט נאר פריי געוועזן,
וואלט גליק געוועזן פאר יעדען...

פישער אנארכיסט. ער איז געשיקט געווארען אין רוסלאנד און האט געהאט אן אינטערוויו מיט לענין'ען. זיינע טעלעגראמען צו דער „ווארלד“ זיינען פול מיט „דיסאפאינטמענטס“. אנשטאט די אנארכיסטישע געזעלשאפט וואס ער האט זיך פארגעשטעלט דארט צו טרעפען, האט ער גאר געפונען א שטרענגע, גוט ארגאניזירטע רעגירונג, וואס פארוואלטעט די געשעפטען פון א גרויסער נאציאן מיט ערפאלג און מיט גוטע רעזולטאטען.

„וואו איז די זעלבסט-רעגירונג פון די גרופען?“ — וויל ער וויסען.

זיינע טעלעגראמען (אין די ניו יארקער „ווארלד“) זיינען א גוטער ענטפער פאר יענע פערזאנען וואס וואלטען אונז וועלען מאכען גלויבען, אז די סאוויעטען-רעגירונג איז ניט „עפישענט“ און איז באזירט אויף געוואלד און בלוטפארגיסונג. זי איז גאנץ „עפישענט“ און פרידליך פאר אט דעם אידעאליסט, וועלכער, ווי ער זאגט אליין, האט דארט געוואלט געפינען עפעס אנדערש.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם איז אינטערעסאנט צו באמערקען, דאס פרינץ קראפאטקין, מאריא ספירידאנאווא, מארטאוו, מאקסים גארקי און א צאהל אנדערע אינטערנאציאנאלע באריהמטע רעוואלוציאנערען, וועלכע, פארביינעהענדיג, די באלשעוויקעס פלעגען „הרג'ענען“ דריי מאל א וואך, — האבען יעצט גערייכט די הענד די באלשעוויקעס און אונטערשטיצען די סאוויעטען רעגירונג אין רוסלאנד.

װיסען װיפיל מעמבערס עס זיינען אין יעדען לאקאל אריינגענומען געװארען, ארויסגעפאלען און װיפיל מעמבערס יעדער לאקאל האט.

באלד צום ערשטען האבען מיר נאטירליכער װייזע ארויסגעשיקט א ספעציעלע ליסטע צו די לאקאלע סעקרעטערע אויף װעלכע זיי זיינען אויפגעפאדערט געװארען אויפצושרייבען די נעמען, אדרעסען א. ז. װ. פון זייערע מעמבערס און זייערע שולדען דעם 1טען נאװעמבער 1918. קריגענדיג דיזע ליסטע אין אונזער אפיס האבען מיר אויסגעמאכט א באזונדערע לעדזשער קארד פאר יעדען מעמבער אויף װעלכע עס װערט פארצייכענט די צאהלונגען, װעלכע די מעמבערס מאכען. מיט איינינע װאכען שפעטער איז צו יעדען לאקאל ארויסגעשיקט געװארען א יוניפארם סעט ביכער צוזאמען מיט געדרוקטע אינסטראקשאנס װאו עס איז דייטליך ארויסגעשריבען װי אזוי די ביכער דארפען געפיהרט װערען און װי אויסצוגעפילען די רעפארטס צו דעם רעקארד דעפארטמענט. אין די שטעדט װאו עס עקזיסטירען דזשאינט באארדס און די ארבייט װערט אטענדעט פון דזשאינט באָרד סעקרעטער, זיינען דיזע ביכער געשיקט געװארען דירעקט צום דזשאינט באארד און עס איז צו האפען אז די לאקאלע סעקרעטערע װעלען העלפען דעם ד. ב. סעקרעטער אין זיין ארבייט.

דער פאקט דארף דא בעטאנט װערען אז אונזער אינטערנעשאנאל איז ניט די ערשטע איינצופיהרען אזא סיסטעם. עס איז מעגליך אז אונזער סיסטעם גופא זאל זיין מעהר װיסענשאפטליך צוזאמענגעשטעלט אבער די ערשטע זיינען מיר זיכער ניט. „די בוט און שוח װארקערס יוניאן״, „אינטערנעשאנאל פרינטינג פרעסמען״ „סיגאר מייקערס יוניאן״, „בראדערהוד אף פיינטערס און פייפערהענגערס״ און נאך פיעלע אנדערע אינטערנעשאנאל, האבען מיט פיעלע יאהרען צוריק איינגעפיהרט עהנליכע דעפארטמענטס אין זייערע הויפט אפיסעס. װי זאגט מען אבער, בעסער שפעטער איידער קיינמאל.

מיר װעלען אין א צװייטען ארטיקעל באהאנדלען מיט מעהר איינצעלהייטען די ארבייט פון דעם דעפארטמענט, װי אויך אונזערע פלענער פאר א ברייטערע אקטיװיטעט.

בראָנזװיל און איסט ניו יאָרק פאַרענדיגט איהר האָספּיטאַל.

ענדליך איז געקומען די צייט, אז דער גרעסטער, נייעסטער און שעהנסטער אידישער קװארטאל פון דער װעלט זאל האבען זיין אייגענעם האספיטאל. דער עולם פון בראנזװיל און איסט ניו יארק איז איצט ענטשלאסען פארטיג צו מאכען דעם שוין אויפגעבויטען האספיטאל און דערױבער שטיצען אלע די פלענער פון די דירעקטארען פון דער האספיטאל סאסייטי.

דער מערקװירדיגער ערפאלג פון דעם פלאן װעגען די פינף דאלארדיגע צייגט, אז די סומע געלד װאס עס פעהלט װעט געשאפען װערען.

ביי דעם גרויסען מיטינג, אין תלמוד תורה בילדינג, דעם 6טען יאנואר, האט דער פרעזידענט, מר. מייערסאן, פארגעשלאגען א פריװיליגען טעקס פון פינף דאלאר פאר יעדען מיטגליעד און די פינף דאלארדיגע האבען גענומען אריינשטראמען פון די באגייסטערטע זעלבסט-געטעקסטע.

פון דעם װארימען אפרופען זיך און פון דער פאפולאריטעט פון דעם פריװיליגען טעקס אין בראנזװיל און איסט ניו יארק זעהט מען ארוים דעם שטארקען װאונש פון פאלק צו האבען דעם האספיטאל פארטיג איינמאל פאר אלע מאל.

די קאנטראקטען װערען שוין ארויסגעגעבען צו די בעלי מלאכות, און ביים ערשטען פריהלינגס-שטראהל װעט מען זיך נעהמען צו דער ארבייט פארטיג צו מאכען די אינװענייגסטע ארבייט פון דער פראכטפאלער 6-שטאקיגער האספיטאל-געביידע, די דירעקטארען און בעאמטע פון דער בראנזװיל און איסט ניו יארק האספיטאל סאסייעטי מאכען איצט אלע פארבארייטונגען צו פארגרעסערען די קאלעקשאן פון די פינף-דאלארדיגע, װאס יעדער בראנזװילער און איסט ניו יארקער מיט א מענשליך װארים הארץ האט זיך אליין געטעקסט. מאנכע גיבען פינף דאלאר מיט א מאל, מאנכע צאהלען אויס דאלארװייז, אבער אלע, אלע רופען זיך אפ. דער פופציג טויזענד דאלאר פאנד װאקסט, און דאס האט געגעבען דער בילדינג קאמיטע מוט ארויסצוגעבען די לעצטע קאנטראקטען און צואיילען זיך מיט'ן חנוכת הבית.

לואיס צװיקעל,
ב. באטװיניק,
א. י. שיפלאקאף,
בארנעט װאלף,
איזידאר גאסטער,
פרעס-קאמיטע.

ליידיס טיילארס יוניאן געװינט א באדייטענדען סטרייק

אין דעם לעצטען דזשענעראל סטרייק פון די ליידיס טיילארס און אלטעריישאן שניידער יוניאן לאקאל 80, אין מאנאט אויגוסט, איז דער שאפ פון דער באװאוסטער ניו יארקער ליידיס טיילאר פירמע „היקסאן און קאמפאני״, ארגאניזירט געװארען. װען יענער סטרייק איז געסעטעלט געװארען, האבען די ארבייטער פון דער פירמע, װעלכע האבען זיך באלד ביים אנפאנג אנגעשלאסען אין סטרייק, באקומען א „פרעפערענשעל״ יוניאן שאפ. בעפאר דעם סטרייק איז דער שאפ גאר ניט געװען קיין יוניאן שאפ. די פירמע באשעפטיגט הונדערט און עטליכע פופציג ארבייטער.

װי עס װייזט אויס, האט דער פירמע גארניט געשמעקט װאס דער שאפ איז ארגאניזירט געװארען. װי עס שיינט, האט די פירמע װידער געװאלט זעהען צו די ארבייטער און דער שאפ מיינען טאקע אויף אן אמת צו בלייבען יוניאן לייט. זי האט זיך, הפנים, דאס ניט געװאלט מאכען צו גלויבען, און זי האט לעצטען מאנאט װידער אמאל געשטעלט די ארבייטער צו דער פראבע. דעם 20טען יאנואר, 1919, האט די פירמע אהן א שום גרונד אפגעזאגט פון דער ארבייט 16 ארבייטער און פטור.

די יוניאן האט באלד איינגערופען א שאפ מיטינג און די פירמע היקסאן און קאמפאני איז באלד ערקלערט געװארען אין סטרייק. די פירמע האט זיך גענומען ראנגלען מיט דער ליידיס טיילארס יוניאן, און געזוכט צו מאכען איהר ארבייט אין אנדערע שעפער.

די זעלבע פירמע האט אויך א שאפ אין באסטאן, װאו עס זיינען געװען באשעפטיגט 17 ארבייטער. האט זי געװאלט דארט צוזעצען נאך ארבייטער און מאכען כאטש אביסעל פון דער ניו יארקער מלאכה. האט אבער די יוניאן אויך אפגעסטאפט דעם שאפ אין באסטאן און דער טרוים פון דער פירמע איז צושלאגען געװארען.

האט די פירמע פרובירט אויפמאכען א יוניאן שאפ אין דער שטעדטעל מאנטװערנאן. אבער די יוניאן האט געטראפען אויך אהינצו און ס'איז דערפון גארניט געװארען. קורץ, די פירמע האט זיך אזוי געמאטערט ביז לעצטען דאנערשטאג, דעם 6טען פעברואר, און האט געמוזט װידער סעטלען מיט דער יוניאן. אלע ארבייטער זיינען צוריקגענומען געװארען צו דער ארבייט און די פירמע האט נאך איצט געמוזט נאכגעבען פיעלעס װאס בעפאר האט זי ניט נאכגעגעבען.

דהיינו, בעפאר איז דארט געװען בלויז א „פרעפערענשעל״ יוניאן שאפ, איצט װעט דארט זיין א פולער יוניאן שאפ און א יוניאן-פארטרעטער װעט האבען צו באזוכען װען ער װעט דאס געפינען פאר נויטיג. פריהער האבען מאנכע ארבייטער דארט געארבייט פון װאך און מאנכע פון שטיק. איצט איז איינגעפיהרט געװארען בלויז װאך-ארבייט מיט א מינימום סקייל פון 34 דאלאר א װאך.

אלזא, דער סטרייק איז פאלשטענדיג געװאונען און די ארבייטער מעגען זיך גראטולירען מיט זייער גרויסען זיעג. דאס װעט זיכער זיין א גוטער לעסאן, אי פאר ארבייטער, אי פאר נאך אנדערע ליידיס טיילאר פירמען. היקסאן'ס ארבייטער האבען נאך מעהר זיך איבערצייגט װאס עס מיינט די מאכט פון איינינקייט פאר'ן ארבייטער, און דער זעלבער לעסאן קען אויך גילטען פאר באסעס אין דעם פאך.

ל. פ—ן.

אין אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

צו זאגען אז אונזער ארבייט איז װיכטיג װאלט געװען צו װעניג. עס איז א פאקט, אז מיר זיינען אנערקענט געװארען אפיציעל אלס א מוסטער פאר אויפקלערונגס-ארבייט פאר ארגאניזירטע ארבייטער. נישט לאנג צוריק איז צו אונז געקומען א פארשטעהער פון דער רעגירונג פון װאשינגטאן, ספעציעל אום צו קריגען א רעפארט פון די עדיוקיישאנאל ארבייט פון אונזער אינטערנעשאנאל. ער איז דער אסיסטענט סעקרעטערי פון דער װאר לייבאר באארד, און װען ער האט אלעס געהערט װאס מיר טוען האט ער געזאגט אז אין זיינע אלע אונטערזוכונגען װאס ער האט ביז יעצט געמאכט פאר דער רעגירונג, אין דער פראגע פון ארבייטער יוניאנס און עדיוקיישאן איז אונזערע די איינציגע גוט אויסגעארבייטע און בעסטע און אז זי איז גאר ניט צום פארגלייכען מיט אנדערע. ער האט מיך פארזיכערט, אז זיין רעפארט צו דער רעגירונג װעלכער װעט װאס אם שנעלסטען געדרוקט װערען װעט פארנעהמען א היבש ביסעל פלאץ איבער אונזער ארבייט. מיר באקומען אין אפיס װעכענטליך איינלאדונגען פון פראמינענטע לייטע און אינסטיטושאנס װעלכע זיינען פאראינטערעסירט אין דער עדיוקיישאנאל פראגע. מיר באקומען אויך בריעף, גראטולירענדיג אונז מיט אונזער ארבייט.

א פארשטעהער פון די װוימענס מיוניסיפאל ליג האט באזוכט אונזערע קלאסען און זי האט נאכהער פארלאנג די פריװילעגיע צו אדרעסירען די שילער. זי האט געזאגט, אז נאכדעם װי זי האט אויסגעהערט עטליכע לעקטשורס און באזוכט עטליכע קלאסען אונזערע, איז זי איבערצייגט אז אונזער יוניאן טוט אויף מעהר פאר די אמעריקאניזירונג פון די מאסען װי אלע אנדערע אינסטיטוציאנען צוזאמען, און אז אין נאמען פון 13,000 ארגאניזירטע אמעריקאנער פרויען דאנקט זי אונז פאר דיזער װירדיגע ארבייט און אז זי װעט באקאנטמאכען די נייעס איבער דעם גאנצען לאנד. די לעקטשורס װעלכע זי האט אויסגעהערט זיינען געװען, „קאאפעריישאן״, פון דר. װארבאס, א לעקטשור איבער געזונד און ארבייטער, פון דר. ב. ליבער, און א לעקטשור איבער סטרייקס פון דר. הערי ליידלער.

דער „פארװערטס״ האט געפונען פאר נויטיג צו געבען גאנצע צװיי קאלומס אין זיין אויסגאבע פון לעצטען זונטאג, דערצעהלענדיג זיינע לעזער װאס ארא װיכטיגע ארבייט מיר טוען פאר די מעמבערס. דער אמעריקאן טיטשער — א צייטשריפט ארויסגעגעבען פון די טיטשערס יוניאן, האט געשיקט א רעפארטער אום אונז צו באשרייבען אין זייער זשורנאל. אויך האט א גרויסע אמעריקאנישע יוניאן, די אינטערנעשאנאל טייפאגראפיקאל יוניאן, דורך איהר רעדאקטאר פון זייער מאנאטליכען זשורנאל, פארלאנגט פון אונז אן ארטיקעל, אום זייערע מעמבערס זאלען קענען לערנען פון אונז װאס צו טאן אויף דעם זעלבען געביט.

מיר װאלטען געקענט אויסרעכענען אהן א שיער פעלע װעלכע איבערצייגען אז אונזער ארבייט פארנעמט א װיכטיגען פלאץ אין דער ארבייטער באװעגונג.

אבער נויטיגער איז, אז אונזערע אייגענע מעמבערס זאלען זיך נאך מעהר באנוצען מיט דער אויסערגעװעהנליכער געלעגענהייט. מיר האבען נאך פלאץ פאר נייע קלאסען אין די סקולס, מיר האבען מעגליכקייטען צו ארגאניזירען סיי טעטיגקייטען פיר די לאקאלס ביי זייערע איינענע מיטינגען, אדער אין ספעציעלע האלס אויב דאס איז נויטיג.

די עדיוקיישאנאל קאמיטע האט ביז יעצט נישט באשרענקט די ארבייט. אין א געשפרעך מיט ברודער װאנדער, דעם טשערמאן פון דער קאמיטע, האט ער מיר געזאגט אז די „עקסטענשאן סוירװיס״, דאס הייסט די אידישע לעקטשורס װעלכע װערען אראנזשירט ביי די יוניאנס גופא, זיינען זעהר גוט. ביז יעצט זיינען 8 לאקאלס דא אין דעם רינג. מיר ערװארטען צו הערען פון אנדערע און זיינען בערייט צו העלפען זיי מיט ראט און טאט. אויך די לאקאלס פון אויסער ניו יארק קענען מיר העלפען זעהר פיעל, װען זיי זאלען זיך נאר װענדען צו אונז. עס איז זעהר װיכטיג אז די לאקאלס זאלען אונז אריינשיקען די נעמען און אדרעסען פון זייערע עדיוקיישאנאל קאמיטעס, אויב זיי האבען אזעלכע, און אויב ניט, זאלען זיי װי אם שנעלסטען אזעלכע קאמיטעס באשאפען און מיר װעלען זיך מיט זיי שטעלען אין פארבינדונג. פארלירט ניט קיין צייט, טוט דאס זאפארט. זעהט אז קאנצערטען, לעקטשורס, פארלעזונגען, דעבאטען, װיסענשאפטליכע פארטרעגע, א. ז. װ. זאלען זיין א טייל פון אייערע ביזנעס מיטינגען.

עס שרייבט אונז א סעקרעטער פון א לאקאל אזוי: „מיר האבען עטליכע טויזענד מעמבערס, צו אונזערע ביזנעס מיטינגען פלעגען קומען פון 50 ביז 60 מעמבערס. יעצט, זייט מיר האבען אראנזשירט לעקטשורס צוזאמען מיט די מיטינגס האבען מיר מעהר און מעהר מעמבערס יעדען מאל. די האל איז געװארען צו קליין פאר אונז און מיר װעלען װאס גיכער דינגען א גרעסערען פלאץ. אונזערע מעמבערס נעהמען אן ערנסטען אנטייל אין די ארגאניזאציאנען. פליז ניט אונז מעהר אזעלכע פראגראמען.״

רעפארטען פון אנדערע לאקאלס זיינען כמעט אין זעלבען זין.

אויך שרייבען זיך יעצט איין מאסען מעמבערס אין די ענגלישע קלאסען אין ניו יארק און אין פילאדעלפיא. עס איז װינשענסװערט צו הערען פון אונזערע מעמבערס זייערע מיינונגען איבער דיזער ארבייט, אויך פארשלעגע און קריטיקען זיינען זעהר װילקאמען. אייערע לאקאלס האבען רעדזשיסטריישאן קארדס און איהר קענט זיך נאך איינשרייבען.

פארזאמלונגען װערען יעצט געמאכט צו אינסטאלירען קליינע לייברעריס און לעזע צימערען אין די רומס פון די פארשידענע לאקאלס און מיר האפען אז דאס װעט זיין איינע פון די װיכטיגסטע און אינטערעסאנטע זאכען װעלכע זיינען װען עס איז אראנזשירט געװארען. דער איטאליענישער לאקאל 48, האט שוין גענומען שריטע װעגען דעם.

װער קומט נעקסט ?

דעם מאנאט גיבען מיר א סעריע לעקטשורס איבער געשלעכטס פראגען אין אלע געגענדען פון ניו יארק און אין ברוקלין, אין די סקולס. דיזע לעקטשורס זיינען נאר פיר פרויען.

נעקסטען מאנאט װעלען מיר אזעלכע לעקטשורס אויך האבען פאר מענער.

ס. ליבערטי,
עדיוקיישאנאל ארגאנייזער, 31 יוניאן סקװער, רום 1002.

פראגראם פון דעם יוניטי צענטער'ס דריטען בילדונגס סעזאן

פון דער װייסט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 25.

—

דראמאטישער און לעזע-קרייז
(איבסען)
מאראם בעללע-ראנסקע
יעדען דאנערשטאג, 8.30 אװענד.
די װערט און אפשאצונג פון ליטעראטור
אלגין,
(לעקציע און דיסקוסיע)
יעדען פרייטאג, 8.30 אװענד.

—

גימנאסטיק און טענץ
לוסי מ. רעטינג,
שבת, 1.30 נאכמיטאג.
יוניטי כאר
מיט ל. עליאט,
יעדען שבת, 1.30 נאכמיטאג.

—

לעהרער: דאװידאף, האלפערן, דאװידאװי בוירן—
מאנטאג, דינס... און מיטװאך, 7.15 אװענד.

—

ענגליש פאר אנפאנגער און העכער, 4 קלאסען

—

דער יוניטי צענטער געפינט זיך אין פ. ס. 40, 314 א. 20טע סט.

A. DELBON
פיקסט און שארפט שערס.
90-484 6טע עװעניו, ניו יארק.
צװישען 29טע און 30טע סטריט.

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לענארד פרעס
42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

— אזוי ? וואָס עפּעס מאַר אַ שמחה איז דיר ? פון וואַנען קומסטו אצינד ?

— פון דאָרטען פון וואַנען, דו ביסט מיט אַ פּאָר שעה צוריק אוועקגעגאַנגען.

ראוויד'ס הענט האָבען גענומען ציטערן. ער האָט האַסטיג גענומען אויס־גלייכען דאָס לייליך אַרום זיך און מיט טיעפען וועה געטראַכט: „איז עס מעג־ליך, אַז זי, די צאַרטע, פיהלענדע עטהעל זאָל מיך אזוי טיעף באַליידיגען, דער־צעהלענדיג איהם וואָס עס איז צווישען אונז געשעהן ?... ניין, עס קען ניט זיין !..." ער האָט גלייך אַ קוק געטאָן איהם אין די אויגען און געזעהן, אַז ער ווייסט פון גאָר ניט. ער האָט זיך דורכ־געהוסט.

— דו קומסט פון עטהלען ?

דנאיל האָט שמאַלץ אַ שאָקעל גע־טאָן מיט'ן קאָפּ און זיינע אויגען האָבען טריאומפירענד אַ בליץ געגעבען. — יאָ, פון איהר !...

— נו, וואָס־זשע איז דאָ דאָס אוי־סערגעוועהנליכע ?

דנאיל האָט זיך שטיל און לאַנג צו־לאַכט. דערנאָך איבערגעגאַנגען די שטוב, רייבענדיג נערוועז די הענט, זיך אוועק־געזעצט אויף זיין בעטעל און ברייט שמייכלענדיג געענטפערט:

— דאָס אויסערגעוועהנליכע איז, וואָס איך האָב זיך היינט דערוואוסט, אַז זי... — ער האָט זיך צופריעדען צולאַכט און זיך אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער קניה:

— אַך, צום טייוועל, עס גלויבט זיך ניט !

דאוויד האָט ניט געענטפערט, אנגע־שטרענגט ווי אַ סטרונע, וועלכע קען יעַ־דע סעקונדע פּלאַצען, איז ער געזעסען, שאַרף געקוקט אויף זיין חבר'ס פּראָפיל און דריקענדיג די הענט געטראַכט: „ווי אזוי ? ווי אזוי האָט עס געקענט פּאַסי־רען, אַז זי זאָל איהם ליעב קריגען און מיך ניט ?... איז ער שעהנער, קלוגער, אידעאַליסטישער פאַר מיר ?... האָט ער עפּעס אויפגעטאָן, צו באַוויזען ער עפּעס אַ קראַפט וואָס זאָל פרויען געפעלען ? ניין! גאָר ניט !... פאַר וואָסזשע ?... ווי אזוי האָט עס געקענט פּאַסירען ?..."

און וואָס מעהר ער האָט זיך איינגע־טראַכט אין דעם, וואָס מעהר ער האָט זיי ביידען פאַרגליכען, אַלץ וועניגער האָט ער פאַרשטאַנען.

דנאיל האָט אַ פּנים געוואַרט דאוויד זאָל זיך פאַראינטערעסירען און איהם נעהמען אויספרעגען, אָבער זעהענדיג אַז יענער זיצט פאַרטראַכט, האָט ער אַליין גענומען דערצעהלען:

— הערסט דאוויד, איך האָב זיך היינט דערוואוסט אַ זאַך, וועלכע האָט די ווערט ביי מיר טויזענד דאָלאַר !....

— אזוי ? — דאוויד האָט אַ שפּאָטי־שען שמייכעל געטאָן — טויזענד דאָלאַר און מעהר קיין פּעני ניט ? נו, וואָס איז אזעלכעס געשעהן ?

— איך האָב זיך היינט דערוואוסט, אַז עטהעל... דו וועסט זיך ניט גלויבען, אַז עטהעל ליעבט מיך !... — ער האָט זיעגרייך אַ קוק געטאָן אויף זיין חבר.

— נו, ווי געפעלט עס דיר ?...

— עס וואונדערט מיך, וואָס אזעל־כעס האָט זי אין דיר אויסגעפונען, וואָס זי האָט דיך פון אונז אַלעמען אויסגעקלי־בען ?

— מן הסתם ווייסט זי פאַר וואָס ! — האָט ער זיכער געזאָגט. — איך וועל מאָר־גען דער חברה דערצעהלען. איך שטעל זיך פאָר וואָס פאַר אַ אויגען זיי וועלען עפענען !... — ער האָט זיך הויך און צו־פריעדען צולאַכט.

— דו האָסט איהר אַ פּנים ניט איין מאָל וועגען דיינע געפיהלען דערצעהלט ? — האָט דאוויד ווי פאַר זיך אַ זאָג געטאָן און אַ טראַכט געגעבען, ווי טיעף אין זיין האַרצען ער וואָלט דעם חלי'פען סוד באַהאַלטען, ווען זי ליעבט איהם.

— עס הויבט זיך גאָר ניט אָן ! — האָט דנאיל מעשה זיכער געענט־פערט. — עס פאַרשטעהט זיך, אַז אַזאַ מיידעל ווי עטהעל קען אימליכען געפע־לען, אָבער זיך אין ליעבע ערקלערען ? ניין, דאָס פיהרט מען ניט אוים אזוי לייכט ביי מיר !... ניין, ברודער, דאָס ניט !...

דאוויד האָט געקוקט אויף דנאיל'ן, געטראַכט, אַז זיין ווייט ניט אינטעליגענ־טער פּנים זעהט איצט אוים שרעקליך נאַריש, דעקט אויף אַביסעל דעם אונטער־שטאַנד פון זיינע געהירען און אַ שאָד וואָס עטהעל קען אָבער איצט ניט זעהן. און ער האָט געפיהלט ווי צו זיין אייגענעם וועה, צו זיין אייגענער באַליידיגונג קומט צו נאָך אַ שאַרפער וועה, נאָך אַ טיעפע באַ־ליידיגונג פאַר איהר, פאַר זיין טייערע עטהעל, וועלכע נאַרט זיך אזוי טיעף, אזוי שרעקליך אָפּ... —

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאַקטאָר און די לעזער.

מ. פערלשטיין.—איהר בעט זיך צו קרי־גען אַ קאָמפּלימענט. גוט, איהר זאָלט עס האָבען: איהר שרייבט ווירקליך גאָר ניט שלעכט, אזוי ניט שלעכט, אַז מיר וואָלטען ניט געוואָלט אייך פאַרלירען אלס מיטאַרביי־טער. און טאַקע דערפאַר האָבען מיר אייערע פאַרעפענטליכט, אפילו אויף די געפאַהר צו מאַכען זיך אַ סך שונאים די יעניגע פאַר־פאַסער, וועלכע איהר האָט פון דעם נומער אַרויסגעשטופּט. געדענקט־זשע, פאַרשטעהט עס ווי צו שעצען. און שרייבט אזוי אָפט, ווי איהר וועט נאָר האָבען עפּעס אויפ'ן האַרצען און אין מוח.

זיגמונד ראָזענטהאַל. — אייער ציימונג איז עס טאַקי, אָבער טאַקי דערפאַר דאַרפט איהר וועלען, אַז אין אייער ציימונג זאָל זיך דרוקען דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע; און מעג עס קומען פון אַן אַנדערען, אַבי עס איז גוט. דאַרף עס אייך הנאה טאָן. דאָס אָבער, וואָס איהר האָט אָנגעשריבען, איז ליידער ניט גוט גענוג פאַר אייך, אונזער ציימונג. עס איז אַביסעל שלעכטע בדחנות. און דאַן פאַרשטע־הען מיר ניט, וואָרום מוזט איהר שרייבען דאָס, וואָס איהר האָט איבערגעלעבט, דוקא אין גראַמען ? גראַמען, שלעכטע גראַמען, מאַכען די, סאַמע ערנסטע געפיהלען און ערפאַהרונגען פּשוט לעכערליך. איהר מעגט אונז גלויבען, ווען מיר וואָלטען יע פאַרעפענטליכט עטוואָס פון דאָס צוגעשיקטע, וואָלט גאַנץ ניו יאָרק געגאַנגען אויף רעדלעך. אַלזאָ, בלייבט עס אזוי: אייער, אונזער ציימונג מוז האָבען פון דאָס סאַמע בעסטע.

א. מ. פּערל.—האָט אַ כלל, אַז נור אַזאַ שרייבען האָט אַרגענד וועלכען ווערט, וועגען וועלכען מען זאָל ניט קאָנען זאָגען: „אַה, מיר האָבען עס דאָך שוין אַזוי פיעל מאָל געהערט, אָדער געלייענט. איבערהויפּט איז עס ריכטיג וועגען אַ געדיכט. אייערס, כאָטש גאַנץ גלאַט אָנגעשריבען, איז אָבער זעהר שאַבלאָנענמעסיג, און דאַרום טויג עס ניט.

אב. גאָלדבערג.—מיר זיינען מיט אייך גערנים איינפאַרשטאַנען איבער דעם באַגריף פון אינטעליגענץ. אייער קאָן זיין גאַנץ אינטעליגענט, און דאָך ניט וועלען נעהמען זיך די מיה אַנטייל צו נעהמען אין אַ דעבאַטע, אין וועלכער די מייסטע האָבען שוין אַרוים־געזאָגט אַלעס, וואָס איז דאָ צו זאָגען וועגען דעם. מיר מיינען, פאַרקעהרט, אַז עס איז גאָר אַ סמן פון אינטעליגענץ ניט צו האַלטען רעדען און ניט צו שרייבען אַרטיקלען, אין וועלכע עס ווערט איבערגעקייט אַלעמאָל איין און דיזעלבע זאַך. נאָך וועניגער זיינען מיר מיט אייך איינפאַרשטאַנען, אַז דער מאַנגעל אין אינטעליגענץ פיהלט זיך אין אונזער יוניאָן מעהר, ווי אין אירגענד אַנאַנדערער. מיר זיי־נען פונקט פון אַ פאַרקעהרטער מיינונג. אויך זיינען מיר ניט פון דער מיינונג, אַז אייער פאַרגעשלאַגענער קורס קען מאַכען די מינד־סטע ענדערונג אין דער תנועה. בילדונג קען און וועט קיינמאָל אויף קיינעם ניט אויפגעצוואונגען ווערען, איבערהויפּט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען ערוואַקסענע מענשען. די, אַז זיי ווילען כור, וועלען שוין געפינען וועגען און מיטלען, ווי זיך אַביסעל מעהר אויסצובילדען. מיר זיינען זאָגאַר מסופּק, אויב דאָס, וואָס איז ביז איצט געטאָן געוואָ־רען אין דער תנועה, האָט געבראַכט די גע־וואונשטע רעזולטאַטען. נאָר וועגען דעם אַנאַנ־דערש מאָל, ווען מיר וועלען זיך מעהר באַ־קענען מיט דעם גאַנצען אויפטו.

ל. ל.—אייער גאַנצער כעס איז ווירקליך גרונדלאָז.

ב. פעלדשטיין.—איהר האָט עס גאַנץ ריכטיג באַמערקט. מיר זיינען ניט קיין פריינד פון פראַזען; דען מיר דענקען, אַז איין קליינער פאַקט, ריכטיג איבערגעגעבען, האָט דעם זעלבען ווערט פון טויזענדע הייסע, שרייענדיגע פראַזען, וועלכע האָבען אויף די מייסטע מענ־שען מעהר קיין ווירקונג ניט. אַמאָל, אפשר, האָט עס געטויגט. מענשען זיינען געוועזען איינגעגען, פאָלגזאַם, נאַאיווער, נאַרישער, האָ־בען זיי זיך געלאָזט הינרייסען פון אַ שטאַר־קען וואָרט, אָבער דאָס געהט ניט מעהר היינ־טיגע צייטען. יע, די אַגיטאַציע האָט אויס־געשפּיעלט. אפילו רעדנער רעדען שוין אויך היינטיגע צייטען, ווי מענשען און ניט, ווי דעקלאַמירענדע אַקטיאָרען. אַזעלכע געהען אונטער'ן נאָמען מאַרק־שרייער.

ב. מירסקי.—ניין, מיר האָבען זיך גאָר ניט געפיהלט באַליידיגט פון דעם פעליעטאָן, און וואָרום זאָלען מיר. ער האָט דאָך נור אויף אַ גאַנץ וויציגען אופן אויסגעדריקט אַ חיבשען קערנדעל פון אמת. עס מוז דאָך אזוי זיין, אַז ווען אייגער וואַרפט זיך אַריין מיט עפּעס אין אַ געוויסע אונטערנעמונג, אַז מיט דער צייט זאָל ער פיעלע באַטראַכטען פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אונטערנעה־מונג. צו דאָס, ש"ז גוט און גענוגט פאַר דעם

בעל דבר, דאָס איז אַנאַנדער פראַגע, אָבער פאַר די באַטרעפענדע באַוועגונג איז עס געוויס ניט קיין שלעכטע זאַך.

ש. גראַבסקי.—ניין, עס איז נאָך ווייט ניט דאָס, וואָס מיר האָבען בדעה די ציימונג זאָל זיין. זי איז נאָך זעהר מאַנגעלהאַפט. עס פעהלט אין איהר ווירקליך פיעלעס, סיי פון דער גאַנצער אַרבייטער באַוועגונג בכלל און סיי פון דער אינטערנעשאַנאַל בפרט. מיר זו־כען וועגען און מיטלען, ווי דאָס אויסצו־פיהרען. עס זיינען דאָ נאָך זאַכען, וואָס האָ־בען באַדאַרפט זיין אין דער ציימונג, און זיי וועלען זיין, אָבער אַלץ מיט דער צייט. מיר דאַנקען אייך פאַר דאָס ביסעלע קריטיק. ווע־ניגסטענס איז עס אַ סימן, אַז די ציימונג אינטערעסירט אייך.

י. גרינשפּאַן.—די ענגלישע „דזשאָבסטים" לייענט זיך גאַנץ גלאַט, האָטש מיר קענען ניט זאָגען געוויסענהאַפט, אַז די איבערזעצונגען זיינען אמת גוטע, ליטעראַרישע. מיט דער צייט אָבער וועט אויך אין דער תנועה איינ־טרעטען אַ שטאַרקע בעסערונג.

דער רעקאָרד דעפּאַרטמענט

פון דער אינט. ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

פון נ. מ. מינקאָוו.

צווישען די פיעלע וויכטיגע רעזאָלו־ציאָנען וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָ־רען אויף דער לעצטער קאָנווענשאָן פון אונזער אינטערנעשאַנאַל איז געוועזען איי־נע, וועלכע האָט באַצוועקט די איינפיה־רונג פון אַ ספּעציעלען דעפּאַרטמענט אין דעם נעשאַנאַל אָפיס, וואו עס זאָל זיך געפינען אַ פולשטענדיגער רעקאָרד פון יעדען אינדיווידועלען מעמבער לויט די פאַרשיעדענע לאָקאַלס פון אונזער אינ־טערנעשאַנאַל.

די דזשענעראַל עקזעקוטיוו קאָמיטע, וועלכע איז אַנפערטרויט מיט די פאַר־אַנטוואָרטליכע אַרבייט פון דורכפיהרען די קאָנווענשאָן־באַשליסע, האָט קיין פיעל צייט ניט פאַרלאָרען און האָט אויף איי־נעם פון איהרע ערשטע מיטינגען אינ־סטרואירט דעם סעק.־טרעזשורער, ברו־דער באַראָף, אַזאַ דעפּאַרטמענט צו אינ־סטאַלירען, און אַ דאַנק דיזער האַנדלונג פון דער קאָמיטע און דעם סעקרעטער איז דער רעקאָרד דעפּאַרטמענט — ווי מיר רופען דיזע ספּעציעלע אַבטיילונג — שוין אין עקזיסטענץ איבער צוויי מאָ־נאַט און האָט שוין פיעלעס אויפגעטאָן.

עס איז כדאי, אַז די מעמבערס פון דער אינטערנעשאַנאַל זאָלען וויסען וואָס האָט באַוואויגען די פאַרשלעגער פון דער רעזאָלוציע — אַ פּאָר אַלטע און פאַר־אַנטוואָרטליכע מיטגלידער — דיזעס פאָר־צו ברייגגען און וואָס קען איינענטליך די אָרגאַניזאַציאָן ערוואַרטען פון אַזאַ ספּע־ציעלען דעפּאַרטמענט.

ערשטענס — און דאָס איז דאָס וויכ־טיגסטע — האָט די אינטערנעשאַנאַל אויף דעם לעצטען קאָנווענשאָן אונטער־גענומען זיך צו בויען אַן אייגענעם סאַני־טאַריום פאַר אונזערע קראַנקע מעמבערס: (איינינע ניו יאָרקער לאָקאַלס האָבען פאַר די לעצטע 4 יאָהר אָנגעפיהרט אַ גרויסע באַוועגונג פאַר דעם זעלבען צוועק און האָבען פאַקטיש געלייגט דעם פונדאַמענט אויף וועלכען די אינטערנעשאַנאַל געהט בויען דיזע אינסטיטושאָן). אום צו ווי־סען וועלכער מעמבער איז באַרעכטיגט צו זיין בענעפיט און וועלכער ניט, פאָ־דערט זיך אַ רעקאָרד פון יעדען באַזונדע־רען מעמבער. עס איז פיליייכט אמת, אַז די לאָקאַלס האָבען געקענט צושטעלען אַזעלכע רעקאָרדס ווען נויטיג, פּראַקטי־שע מענשען זאָגען אָבער, אַז דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך וועגען בענעפיטס איז בעסער און מעהר ביזנעס מעסיג, אַז דער רעקאָרד זאָל זיך געפינען דאָרט, פון וואַ־נען דער בענעפיט דאַרף געצאָהלט ווערען.

צווייטענס, איז, די אינטערנעשאַנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן — אונ־זער אינטערנעשאַנאַל — די פערטע גרעס־טע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אָרגאַ־ניזאַציאָן אין אַמעריקאַ, און אַלס אַזעל־כע איז זי שוין לאַנג אַרוים פון די ראַ־מען פון די קלענערע יוניאָנס. אַ דאַנק איהר פעהיגע, פיהרערשאַפט און פיבער־האַפטע טעטיגקייט איז זי די לעצטע פאַר יאָהר געוואָרען אַ נאַציאָנאַלע פיגור אין דער אַמעריקאַנער אַרבייטער וועלט, זעל־טען אַ טאָג געהט פאַריבער, ווען עס ווענ־דעט זיך ניט אַ פאַרשטעהער פון דער רע־גיערונג, פון ליבעראַלס, זשורנאַלען, יו־ניאָנס א. ז. וו. נאָך פאַרשיעדענע אינפאָר־מיישאָן וועגען דער מעמבערשיפּ פון דער אינטערנעשאַנאַל, זייער עלטער, גע־שלעכט, טריידס, פאַרדינסטען ווי אויך וויפיעל עס זיינען דאָ אין דעם אָדער יע־נעם טייל פון לאַנד. און אין אַזעלכע און עהנליכע פעלע קען דער דזשענעראַל אָפיס ליידער קיין אַנטוואָרט ניט געבען, ווייל אַלעס וואָס דער דזשענעראַל אָפיס ווייס וועגען דעם אָדער אַן אַנאַנדער לאָ־קאַל, איז דאָס אזוי פיעל און אזוי פיעל סטעמפּס זיינען פאַרקויפט געוואָרען, און צוטיילענדיג דאָס אויף אַ געוויסע צאָהל וואָכען, ווייס מען אונגעפעהר וויפיעל מעמבערס דער באַטרעפענדער לאָקאַל האָט אָדער דאַרף האָבען. אָפּגעזעהן דער־פון וואָס דאָס איז ניט מעהר ווי אַ באָב־סקער רעכנונג, גיט דיזע מעטאָדע אויך קיין אויסקינפטע וועגען דער מעמבערשיפּ. אונטער אַזאַ צושטאַנד איז זעהר מעגליך פאַר אַ לאָקאַל אָדער לאָקאַלען וועלכע, צוליעב אורזאַכען, ווילען זיין פאַרטרא־טען ביי אַ קאָנווענשאָן דורך אַ גרעסע־רע צאָהל דעלעגאַטען, צו קריגען אַ פיעל גרעסערע פאַרטרעטערשאַפט, ווי די, צו וועלכער זיי זיינען באַרעכטיגט. אַלעס וואָס דער לאָקאַל דאַרף טאָן איז בלויז קויפען אַ פּאָר (צעהנדליג) טויזענד סטעמפּס מעהר און זיין ציעל איז ער־רייכט.

אָדער ווען מיר נעמען צום ביישפּיעל, די פּאַסירונג אין לאָקאַל 1 לעצטען יאָהר. דער דזשענעראַל אָפיס האָט ניט געהאַט די מעגליכקייט זיך צו ווענדען צו די מעמבערס דירעקט — אויסער דער פּרעס־סע, נאַטירליך — ניט וויסענדיג ווער די מעמבערס זיינען און וואו זיי וואוינען און ניט האָבענדיג די נעמען, זאָגאַר פון די אָפיסערס פון לאָקאַל, ווי: עקזעקוטיוו באָאַרד מעמבערס, טראַסטיס א. ז. וו. עס איז מעגליך געוועזען פאַר מעמבערס, וועלכע זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון לאָקאַל — פאַר באַגעהן פאַרברע־כענס געגען דער יוניאָן, אָנצושליסען זיך אָן אַן אַנדער לאָקאַל — מעגליך אין דער זעלבער שטאָדט — און שפּיעלען דאָרט אַ וויכטיגע ראָלע. אין קורצען, עס איז געווען אַ גרויסע און זעהר וויכטיגע מאַ־שין אין וועלכער עס האָט געפעהלט אַ וויכטיגע שרייפעל. אָט דאָס זיינען טייל־ווייז די אורזאַכען וואָרום דער דעפּאַרט־מענט איז געשאַפען געוואָרען און עס איז צו האָפען, דאָס מיט דער עטאַבלירונג פון דעם רעקאָרד דעפּאַרטמענט וועלען דיזע אַלע שוועריגקייטען באַזייטיגט ווע־רען.

מיר האָבען שוין יעצט דעם פולען רעקאָרד פון 90 פּראָצענט פון דער אינ־טערנעשאַנאַל מעמבערשיפּ (איינינע לאָ־קאַלס האָבען נאָך ניט, צוליעב באַגרינ־דעטע אורזאַכען, אַריינגעשיקט זייערע ליסטען). ווען מיר זאָגען דעם פולען רעקאָרד, מיינען מיר די נעמען, אַדרעסען, לעדזשער נומערען, איינטריטס דאַטום, געשלעכט, עלטער, און צאָהלונגען.

דעם אמת זאָגענדיג, איז עס ניט קיין לייכטע אויפגאַבע צו קריגען דיזע אויס־קינפטע פון די לאָקאַלס, פּשוט דערפאַר וואָס זיי האָבען עס אַליין ניט. זאָגאַר דאָ אין ניו יאָרק, וואו די „גאַנצע" יוניאָן איז, געפינען זיך אויך פעלע וואו עס איז אונמעגליך צו קריגען דיזע אינפאָרמיי־שאָנס. דיזער צושטאַנד איז געשאַפען געוואָרען דערפאַר וואָס קיין לאָקאַל האָט נישט בעדאַרפט צושטעלען קיין באַריכט וועגען זייערע מעמבערס. יעדער לאָקאַל, קליין אָדער גרויס, איז אַ מלוכה פאַר זיך און זיין פאַראַנטוואָרטליכקייט צו דער אינטערנעשאַנאַל פאַנגט זיך אָן און לאָזט זיך אוים מיט די 5 סענט פּער קעפּיטאַ.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער די לאַגע יעצט. פון יעדען באַזונדערען לאָקאַל, פון די דזשאָינט באָאַרדס וואו עס פונק־ציאָנירען אַזעלכע קערפּערשאַפטען, קריגט דער רעקאָרד דעפּאַרטמענט יעדע צוויי וואָכען אַ באַריכט פון די נייע אַריינגעקו־מענע מעמבערס ווי אויך פון די וועלכע האָבען זיך טראַנספערירט, רעזיגנירט, און אויסגעשלאָסען. צוזאַמען מיט דיזע באַריכטען קריגען מיר אויך צוגעשיקט די דויס צאָהלונגען פון יעדען אינדיווי־דועלען מעמבער. דיזעס ווערט פאַר־צייכענט אין ספּעציעלע ביכער וואו אַ חוץ דעם רעקאָרד פון יעדען מעמבער האָ־בען מיר אויך באַזונדערע רעקאָרדס פון יעדען לאָקאַל. די סיסטעם איז אַזאַ אַז מיר קענען צו יעדער צייט וויסען די שול־דען פון יעדען מעמבער פון דער אינטער־נעשאַנאַל און צו דער זעלבער צייט אויך

צו אלע סעקרעטערע פון אונזערע לאקאלס

אויפמערקזאם:

אלע ענדערונגען אין די אדרעסען ווי אויך אלע אדרעסען פון נייע מעמ־בערס זאלען צוגעשיקט ווערען צום רעקאָרד־דעפּארטמענט אויף די ספּעציעלע סליפּס, וועלכע ווערען צוגעשיקט צו אייך.

ענדערענדיג א מעמבער'ס אדרעס מוזט איהר אבער אנגעבען זיין געוועזענעם אלטען אדרעס. דאָס איז נויטיג כדי צו פארמיידען אומזיסטע ארבייט פאר אייך און פאר אונז און אויך כדי צו האָבען א בעסערען קאָנטראָל איבער אונזער מיילינג־ליסט.

עליאס ליבערמאַן, מענעדזשער.

צו אלע מעמבערס פון דער אינטערנעישאנאל

ווען איהר מופט פון איין וואהנונג אין א צווייטער, טוט די פאָלגענדע צוויי זאכען:

ערשטענס, ענדערט אייער אדרעס אין פּאָסט אָפיס. דאָס וועט זיכער מאכען איהר זאָלט קריגען די צייטונג אונאונטערבראכען.

צווייטענס, גיט אָן אייער נייעם אדרעס אין אייער לאָקאל יוניאָן.

מיר וועלען דערווייליג ניט נעהמען קיינע אדרעסען פון איינצעלנע מעמבערס. אלעס מוז געמאָן ווערען דורך דער לאָקאל־יוניאָן.

אויב איהר וואהנט מיט פרעמדע לייטע, פארגעסט ניט אָנצוגעבען דעם נאָמען פון די לייטע מיט וועמען איהר וואהנט.

אייער סעקרעטער פון לאָקאל וועט פאר אייך אויספילען דאָס פאָלגענדע.

CHANGE OF ADDRESS

Name ....c|o ....
New Address ....Street .... City
Old Address .... Street .... City
Local .... Ledger ....
State Paper Desired ....

סלאוס פינישערס פון לאָקאל 9 אויפמערקזאם

אלע מעמבערס פון די בראָנקס זיינען אויפגעפאָדערט צו קומען צום לעקטשור פרייטאג אבענד, אין לאָנדאָן קאַ־סינא, 3875 3טע עוועניו.

בר. ב. בודיש

וועט לעקטשורען איבער

די גרינדונג פון א לייבאָר פּארטיי

די רעגולע סעקשאָן מיטינגען וועלען שטאטפינדען דעם קומענדען מיטוואך, פעברואר דעם 19טען.

דאון טאון: פלאָרענס בילדינג, 2טע עוו., קאָר. 1טע סט.

הארלעם: ארבייטער רינג בילדינג, 143 איסט 103טע סט.

בראָנקס: לאָנדאָן קאסינא, 3875 3טע עוועניו.

בראָנזוויל: שבת, דעם 22טען פעברואר אין בראָנזוויל לייבאָר לייסעאום, 229 סעקמאן סט.

לידיעס ברענטש: דאָנערשטאג, דעם 20טען פעברואר, אין 228 2טע עוו.

עקזעקוטיוו באָארד לאָקאל 9,

דזש. האלפּערן, מענעדזשער.

טעל. ארטשארד 2186

שיטצען האלל

12 סט. מארקס פּליים

זעהר שענע און בעקוועהמע מיטינג רומס.

א סטריקטלי יוניאָן הויז.

מוירמעלשטיין & שייפער, מגר.

ווארט פאר ווארט

קאָנווענשאָנס, מאסס־מיטינגס א. ז. וו. ווערט בעריכטעט.

איבערזעצונגען, נאָטארי פּאבליק, מול־טיגראפינג, אדרעסינג; מימעאגראַ־פינג, פּאבליק־סטענאגראפי א. ז. וו.

ביי דער

קאָנווענשאָן רעפּארטינג קאָ.

32 Union Sq. New York, N. Y.
Stuyvesant 1963—5296—837
B. S. Au. 12646 — 3-29-19

סטראַטמאַר פּרעס

אפּ־טו־דייט פּרינטינג

447 פּוירל סטריט,

ניו יארק.

פּיערטער יעהרליכער

רעסעפּשאָן און באלל

געגעבען ביי די

עמבראָידערי וואָרקערס יוניאָן

לאָקאל 6 א. ל. ג. וו. י.

שבת אבענד, פעברואר 15טען, 9191

אין מעקינלי סקוועער קאסינא, 169טע סטריט און באָסטאָן ראוד, בראָנקס.

מוזיק ביי הענרי מ. קיעלגאטש דזשאס בענד.

טיקעטס, איינרעכענענדיג וואָר־טעקס און וואַרדראָוב 50ס.

די דריי בעסטע סאָרטען טהעע אין דער וועלט

קאָלומביא טהעע, וויסאָצקי טהעע, וויים לילי טהעע

185 דיוויזשאָן סטריט, ניו יארק.

אויך די הערקוואָרטערס פון די וואייט לילי קאַקאַ. און פון אלע סאָרטען קאפע — פריש געברענט יעדען טאָג.

קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער!

אלע שאָפּ טשערלייט, פרייז קאָמיטעס און אקטיווע מעמבערס זיינען אויפגעפאָדערט צו זעהן דאָס די ארבייטער פון אייער שאָפּ זאָלען גלייך איינצאָהלען זייער טעקס פון 5 דאלאר.

זעהט דאָס גלייך איינצאָהלען איידער עס ווערט צו ביזי אין די אָפיסעס פון דער יוניאָן. — די סטעמפּס זיינען דאָ אין אלע אונזערע אָפיסעס. איהר וועט פארשפּארען פארלירען צייט צו שטעהן אין ליין.

דער דאונטאון אָפיס פון דזשאָינט באָארד, 40 איסט 2טע סטריט, וועט יעצט זיין אָפען יעדען זונטאָג. די מעמבערס קענען קומען מאכען זייערע קאָמפּליינטס און צאָהלען זייערע דיוס. אלע איבעריגע אָפיסעס פון דער יוניאָן וועלען פון קומענדען מאָנטאָג אָן זיין אָפען פון 7 אוהר פריה ביז 9 אוהר אבענדס.

אין נאָמען פון דער דזשאָינט באָארד

ל. לאנגער, סעקרעטער.

מ. זיגמאן, דזשענ. מענעדזשער

געסעטעלטע פירמען אין דרעס און ווייסט סטרייק

נאך פירמען פון די געסעטעלטע שע־פער, וואס האבען געסעטעלט מיט דער יוניאן ביז דעם 5טען פעברואר, 1919, נאכגעבענדיג אלע יוניאן פאדערונגען:

גראסס און ליבאוויטץ, 134 וו. 26טע סט.
געשאנעל גארמענט קא., 1 א. 28טע סט.
פיטסאן ברעס., 39 וו. 32טע סט.
אייבראמס קאסטום קא., 33 וו. 34טע סט.
מאגישאר דרעס קא., 6 וו. 32טע סט.
מאנארך דרעס קא., 11 א. 26טע סט.
ערדאו דרעס קא., 31 וו. 31טע סט.
ס. גארדאן, 39 וו. 32טע סט.
ס. און אי. גודמאן,
דייוויד אי. אולמאן, אינק., 1 א. 33טע סט.
קאסטום דרעיפוס, 16 א. 33טע סט.
וויז דרעס קא., 22 וו. 32טע סט.
חוגא ת. ליווי און ברא., 29 וו. 36טע סט.
ד. שוסטאק, 44 א. 32טע סט.
אידיעל גארמענט קא., 18 וו. 33טע סט.
שווארצרעיך און גודמאן קא., 30 וו. 33טע.

מעמבערס פון די דרעסס קאנטראקטארס מאנופעקטשורערס אסס'ן:

אדמיריישאן דרעס און ווייסט קא., 15 וו. 18טע סט.
אלווין קאסטום קא., 116 א. 18טע סט.
אנטמאן, א., 55 וו. 16טע סט.
אריד דרעס קא., 40 4וו. 22טע סט.
אסטאר קאסטום קא., 129 וו. 22טע סט.
אנגים און ליפשיטץ, 626 זעקסטע עוו.
אלשרן און קראנענגאלד (נייער מעמבער), 32 איסט 23טע סט.
אוואן דרעס קא., (נייער מעמבער), 116 איסט 14טע סט.
בארגעין סקווער און דרעס קא., 23 וו. 20טע.
בלאומאן, דזשארדזש, 152 וו. 25טע סט.
באננער מאדעל דרעס קא., 13 א. 17טע סט.
בולווארד דרעס קא., 56 וו. 22טע סט.
בעלסקי, דזשייקאב, 8 וו. 13טע סט.
ברעסלאוו, מייער, 140 וו. 29טע סט.
בעלדזשיאן דרעס, 17 א. 17טע סט.
באלזאם און ראזענפעלד, 20 וו. 19טע סט.
באום, ל., 15 וו. 26טע עסט.
ביקאן קאסטום קא., 129 וו. 22טע סט.
ב. און ט. דרעס קא., 8 וו. 13טע סט.
ב. און ל דרעס קא., 60 וו. 15טע סט.
בוקמאן, ג. און ג., 124 וו. 31טע סט.
בארקלעי דרעס קא., 5 א. 16טע סט.
באראקס, פ., 13 וו. 24טע סט.
בוירד דרעס קא., 16 וו. 19טע סט.
קאמפארט קאסטום קא., 149 וו. 24טע סט.
קאהען, ס., 108 וו. 24טע סט.
סי.־אר. דרעס קא., 30 וו. 15טע סט.
קאהען ,ס. און קא., 120 וו. 20טע סט.
סי.־ק. קאסטום קא., 138 וו. 17טע סט.
טשארמינג ד' קאסטום קא., 55 וו. 16טע סט.
סענטשורי קאסטום קא., 240 וו. 23טע סט.
כאיקין בראס. קא., 151 וו. 26טע סט.
קארנעל קאסטום קא., 159 וו. 25טע סט.
קאסמאפאליטאן דרעס קא., 16 וו. 19טע סט.
קאהען, מאררים, 147 וו. 22טע סט.
קאהען, ל., 205 לעקסינגטאן עוו.
דאלאוויטש מי גאון קא., 19 וו. 21טע סט.
דייוויס, אי., 14 א. 32טע סט.
דייוויס און קאטץ, 19 וו. 21טע סט.
דע לוקס דרעס קא., 129 וו. 22טע סט.
דעיזי דרעס קא., 136 וו. 22טע סט.
ענדזשעל און שווארטץ, 10 וו. 19טע סט.
עווערייט דרעס קא., 19 וו. 21טע סט.
עמפאריום דרעס קא., 151 וו. 19טע סט.
עליזאבעט דרעס קא., 441 וו. 25טע סט.
ענדזשעל און ליטסקי, 30 וו. 26טע סט.
עפשטיין און ווארסאו, 12 וו. 17טע סט.
עססאנעי דרעס קא., 144 וו. 17טע סט.
פיימאוס דרעס קא., 40 וו. 20טע סט.
פעוער, א., קאסטום קא., 9 וו. 35טע סט.
פישער, מאקס וו., 140 וו. 22טע סט.
פעירמאנט וו. און ד. קא., 30 וו. 15טע סט.
פ. און ג. קאסטום קא., אינק., 19 וו. 21טע סט.
פילבערט דרעס קא., 130 וו. 17טע סט.
פלארענס וו. און ד. קא., 36 א. 10טע סט.
פלאס, ה. ל., 158 וו. 23טע סט.
פרידמאן און ריבנער, 43 א. 20טע סט.
גאלדמאן א., 12 וו. 18טע סט.
גאטליעב, דזשאזעף, 130 וו. 29טע סט.
ג. און ק. דרעס קא., 100 פינפטע עוו.
גאלדבערג, דזשאזעף, 16 וו. 19טע סט.
גאלד דרעס קא., 142 וו. 244טע סט.
גראססא און שולמאן, 136 וו. 26טע סט.
גרינבערג און קאגנאן, 42 א. 22טע סט.
גאלדמאן, דזשוליוס, 1 א. 33טע סט.
גאלדבערג, דזשוליוס, 16 וו. 19טע סט.
גאלדשטיין, לואיס, אי. קא., 835 בראדוויי.
געינסבארא קאסטום קא., 27 וו. 24טע סט.
גינזבורג און הארוויטץ, 13 וו. 24טע סט.
גאלד און עקסטעין, 130 וו. 25טע סט.
גיבראלאר דרעס קא., 78 פינפטע עוו.
גאלדבערג, דזשאזעף, 16 וו. 19טע סט.
ג. און ג. מפג. קא., 24 א. 22טע סט.
גאלדשטיין און שניידער, 139 וו. 19טע סט.
גודלאר דרעס קא., 12 וו. 27טע סט.
גאלומב און קאהען (נייער מעמבער), 164 וו. 25טע סט.
הערשלד דרעס קא., 132 וואוסטער סט.
האי גרייד דרעס קא., 122 וו. 22טע סט.
ת. און ת. דרעס קא., 133 וו. 17טע סט.
האנדעלמען און האלאוויי, 137 וו. 27טע סט.
העלענא קאסטום קא., 133 וו. 21טע סט.
ת. און ב. ווייסט קא., 20 וו. 17טע סט.
הילדא דרעס קא., 13 א. 17טע סט.
4ע4ט4ר41'עיאא עי עי יע.ע יעיאאטשט
אירען דרעס קא., 45 א. 20טע סט.
אוירווינג דרעס קא., 17 א. 17טע סט.
אינטערנעשאנעל דרעס קא., 13 וו. 17טע סט.
קרעמער, מ., 27 א. 21טע סט.
לעהמאן און סאבאלאו, 143 וו. 20טע סט.
לובארסקי בראס., 155 וו. 34טע סט.
לעווין און וויגיאני, 34 וו. 28טע סט.
מ. וו. דרעס קא., 16 וו. 19טע סט.
מאדערן קאסטום האוז, 136 וו. 21טע סט.
מאסקאוויטץ און לאנד, 35 וו. 21טע סט.
מאדערן קאסטום קא., אינק., 36 וו. 22טע סט.
מיללער און סיגעל, 6 וו. 22טע סט.
פאססלעטינער, ה., 26 וו. 22טע סט.
פרעפערד דרעס קא., 10 וו. 29טע סט.
פעריז קאסטום קא., אינק., 35 וו. 24טע עסט.
קווין גארמענט קא., 40 א. 20טע סט.
קוואליטי דרעס קא., 111 וו. 27טע סט.
ר. און ג. דרעס קא., 18 וו. 17טע סט.
ראסס און פרידמאן, 120 וו. 18טע סט.
רעפאבליק דרעס קא., 58 וו. 15טע סט.
רייוואל דרעס קא., 141 וו. 28טע סט.
ריס, ת., 6 א. 4טע סט.
ר. און ל. דרעס קא., 236 פינפטע עוו.
סוקסעס דרעס קא.,
סאנפיליפא און רובין, 23 וו. 25טע סט.
שערמאן און מארגאנסטעין, 15 וו. 20טע סט.
סטעינבערג און קא., 16 וו. 12טע סט.
שלאסבערג, ב., 42 וו. 15טע עסט.
שולמאן און מיללער, 139 וו. 19טע סט.
שלעיף דרעס קא., 126 וו. 22טע סט.
סילבערשטיין און סאן, 310 דומאנט עוו., ברוקלין.
שאען, דזש. מ., 31 א. 33טע סט.
פאגעל, טשארלס, 79 פיערטע עוו.
ווארא'עטי דרעס קא., 143 וו. 20טע סט.
וויסבערגער און מילאוו, 107 וו. 25טע סט.
וואגנער און תאלבסטעין, 19 וו. 21טע סט.
וואלדמאן, ב., 20 וו. 22טע סט.
וועלל מעיד דרעס און קאסטום קא., 13 וו. 16טע סט.
וואלך בראס., 145 וועסט 28טע סט.
וו. ל. דרעס קא., 49 וו. 23טע סט.
ווארלד דרעס קא., 39 וו. 20טע סט.
וויינער, ל., 11 וועסט 17טע סט.
ג. און אי. קאסטום קא., 44 וו. 22טע סט.
דזשיאן מנפג. קא., 129 וו. 31טע סט.
דזשאזעף קאסטום קא., 40 א. 22טע סט.

נאך אנדערע געסעטעלטע פירמען — נעקסטע וואך.

ביי אונז אין לאנד

(שלום פון זייט 2)

די אפשאפונג פון פריוואט־קאנטראל איבער די נאטירליכע רייכטימער פון לאנד באטראכט זי פאר א ווינטיגער מאראלער רעפארם. זי קען טענה'ן, און מיט רעכט טענה'ן, אז איינע פון די הויפט־אורזאכען פון די אינערליכע מרידות און רעוואלוציאנען וואס האבען מעקסיקא מיט בלוט פארפלייצט צעהנדליגע יאהרען נאכאנאנד איז געווען די רייסעריי צווישען אויסלענדישע קאפיטאליסטען איבער איהרע מינעס און אויל קוועלען; און אז א געזעץ, וועלכער וועט דיעזע רייסערייען אויף אייביג אפשאפען, איז די העכסטע מאראלע רעפארם, א פיעל העכערע רעפארם ווי די אפשאפונג פון שיכרות.

* * *

דער סאפריידזש אמענדמענט איז ווידער דורכגעפאלען אין סענאט. ווען מען האט דעם ביל פארגעבראכט אין מאנאט אקטאבער האט געפעהלט צוויי שטימען איהם דורכצופיהרען. ביי דער אפשטימונג דיעזע וואך האט געפעהלט בלויז איין וואוט. מעהר וועט מען שוין דעם ביל אין דעם איצטיגען קאנגרעס ניט פארברענגען. מען וועט ווארטען ביז וואנען דער נייער קאנגרעס וועט זיך עפענען און דאן וועט מען טרייען ווידער מזל.

די עהרע צו פארווארפען דעם ביל קומט ביידע קאפיטאליסטישע פארטייען גלייך. עס האבען נעגען איהם געשטימט פראפארציאנעל אזוי פיעל רעפובליקאנער ווי דעמאקראטען. די דעמאקראטישע נעגנער זיינען געקומען אם מייסטענס פון די סטייטס אין דער סאוטה. זיי האבען מורא געהאט צו געבען פרויען שטימרעכט, ווייל די שווארצע פרויען וואלטען דורכדעם קריגען פאליטישע מאכט. הפנים, די ווייסע פון דער סאוטה שרעקען זיך מעהר פאר דער אינטעליגענץ פון די נעגער־פרויען ווי פון די נעגער־מענער. די רעפובליקאנער נעגנער פון ביל זיינען געווען די באוואוסטע רעאקציאנערען פון דער פארטיי, ־די לאדזשעס און זייער גלייכען.

צווישען די לעצטע איז אויך געווען דער רעפובליקאנישער סענאטאר פון ניו יארק סטייט, וואדסווארטה. ער פארדינט פאר זיין שטימע אי פאראכט צו ווערען אי געריהמט צו ווערען. פאראכטען קומט איהם פאר זיין אזא רעאקציאנער, פאר האבען אזוינע שענדליכע פאראורטיילע געגען זיין פרוי. א קאמפלימענט קומט איהם פאר דעם מוטה וואס ער האט ארויסגעוויזען מיט זיין האנדלונג. אין ניו יארק סטייט וואוטען די פרויען. מיט זיין שטימע געגען פאליטישע רעכט פאר פרויען האט וואדדסווארטה געגען זיך געצווינגען דעם צארן פון די מיליאנען פרויען וואוטערס אין ניו יארק סטייט, אין זיין אייגענעם סטייט. עס איז כמעט ווי זיכער אז דאס וועט איהם קאסטען פאליטיש. ער האט עס גאנץ גוט געוואוסט. דאך האט ער זיך געהאלטען ביי זיין פרינציפ און געשטימט ווי זיין איבערצייגונג האט איהם דיקטירט. אזא געוויסענהאפטיגקייט צווישען קאפיטאליסטישע פאליטישענס באגעגענט מען זעהר, זעהר זעלטען.

דער קאנגרעס אין וואשינגטאן גיט זיך אפ מיט האלטען רעדעס געגען פרעזידענט ווילסאן און מיט דורכפיהרען פרעזידענט ווילסאנ'ן בילס. די אטאקעס אויף ווילסאן קומען מייסטענס פון די רעפובליקאנישע סענאטארען. זיי געפעלט ניט קיין זאך וואס ער טוט אין פאריז. דאך ווען די דעמאקראטישע מאריאריטעט וויל דורכפיהרען א ביל דארף זי נאר ערקלעהרען אז ווילסאן וויל דער ביל זאל דורכגעהן און די רעפובליקאנער גיבען זיך אונטער.

אזא פאל האבען מיר געהאט די טעג מיט דעם ביל צו באוויליגען איבער 600 מיליאן דאלאר צו בויען נייע קריגעסשיפען. די רעפובליקאנער זיינען געווען געגען דעם ביל. האבען די דעמאקראטען ערקלעהרט אז דער פרעזידענט האט אויסגעדריקט א פארלאנג דער ביל זאל דורכגעהן, האבען די רעפובליקאנער כמעט ווי איינער פאר איהם געשטימט.

איינגעבארג, ראמאן

(שלום פון זייט 9)

בעלט; איך האב אין גאנצען פארגעסען אן דער שטימע; אזוי שעהן און באצויבערענד האט זי געקלונגען. „דערנאך", — האט פארטגעזעצט די שטימע, — „וואלטען מיר זיך אויפגעבויט א געצעלט ביים ברעג פון ים, א קליין געצעלט. דו ביזט דאך א פישער", האט געזאגט די שטימע. „א פייער וועט ברענען אויף אונזער קאמין און דו וועסט באצירען מיינע שיך מיט שאפען פון פיש". — אויף דעם האב איך דער שטימע געענטפערט: „איינפארשטאנען! איך וועל זיך ארונטערלאזען אויף דעם בלויען דעק פון ים און וועל דארט זוכען שעהנע זאכען פאר דיר. אפשר וועט מיר געלינגען צו קריגען פאר דיר א שעהן מעסערעל", — האב איך געזאגט.

איך האב א שמייכעל געטאן און ווייטער פארטגעזעצט:

— די שטימע האט אויף דעם געענטפערט, אז איך דארף זיך אפהיטען פון א פיש, דארט, אין דער טיפעניש פון ים. — כא־כא! — נאר איך האב פארטגעזעצט: „מעגליך, אז מיר וועלען געפינען עפעס א קעסטעל, וואס דער ים האט ארויסגעווארפען אויפ'ן ברעג, מיר וועלען זי עפענען און פון איהר וועלען זיך א שיט טאן אלטע קרוינען, גאלדענע פאסען מיט גרינגע און רויטע שטיינער, סצעפטערען און שנאלען און אויך א בראשקע פאר דיר". נאך די ווערטער האט די שטימע אנגעהויבען פריידיג צו זינגען. איך האב זיך אויפגעכאפט, — אין גארטען האט געזונגען דער נאכטיגאל.

איך האב א קוק געטאן אויף איינגעבארג און געווארט, אז זי זאל עפעס זאגען. נאר קיין איינציגער מוסקול האט ניט קיין ציטער געטאן אויף איהר פנים. איהר פנים האט אויסגעזעהן ווי פארגליווערט. זי האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ.

— נאר־וואס האט א פויגעל געזונגען אין וואלד און מיט אמאל האב איך זיך דערמאנט אן יענער שטימע און אן יענעם חלום, — האב איך געזאגט.

— איך פארשטעה אבער ניט, וואס האט איינס צו טאן מיט'ן צווייטען, — האט געענטפערט איינגעבארג.

דער קניטש צווישען די ברעמען איז־געווארען נאך טיפער וואס האט דאס צו טאן איינס מיט'ן צווייטען? דאס האט גארנישט צו טאן איינס מיט'ן צווייטען?

— איך האב דאך געדארפט אייך ערקלעהרען די אורזאכע פון מיין שמייכעל; איהר האט א קוק געטאן אויף מיר און מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז איך דארף אייך זאגען, פאר וואס איך האב זיך צושמייכעלט. מעגליך, אז עס איז ארויסגעקומען זעהר אומגעשיקט פון מיין זייט.

מיר זיינען צוגעקומען צום שלאס פון גראף פלוגען. אויף די זיילען פון טויער זיינען געזעסען שטיינערנע לייבען, וואס האבען אונטערהאלטען צוויי הערבען. די לייבען זיינען געווען באדעקט מיט מאך.

איינגעבארג האט מיר דערלאנגט די האנד. איך האב א קוק געטאן אויף איהר. זי האט זעהר גוט פארשטאנען מיין בליק. זי האט אראפגעלאזען די אויגען און געזאגט: איך האב מיין ווארט געגעבען צו הארי איזעדאם.

איך האב זיך פארנויגט. טיף זיך פארנויגט, — מיין אומגליק האט מיך נידערגעשלאגען. א טיפער טרויער האט מיך ארומגענומען.

— איך ווינש אייך גליק! — האב איך מיט א רוהיגער און טיפער שטימע געזאגט און ארונטערגענומען מיין הוט.

איך בין אוועק.

איך בין אוועק אין דער טיפעניש פון וואלד, די גאנצע צייט זיך אלץ אפגעשלאגען און ניט געוואוסט צו געהן רעכטס אדער לינקס, — מיר איז געווען אלץ איינס. איך האב זיך שטיל צולאכט; אזוי לאכט מען ווען מען ציטערט פאר קעלט. כא־כא־כא, האב איך געלאכט, כא־כא־כא!

אבער אין דער זעלבער צייט האט זיך מיר געוואלט ווארפען אויף דער ערד און אויסציהען זיך אויף איהר.

קומענדיג אביסעל צו זיך, האב איך אויפגעזוכט דעם וועג און געלאזען זיך אהיים.

עס איז געווען שפעט. די שטערען זיינען ארויסגעשוואומען אויפ'ן הימעל. עפעס ווייסעס איז געזעסען אויפ'ן פליגעל פון מיין הויז. דאס איז געווען איינגעבארג.

זי האט זיך אויפגעהויבען און צוגעלאפען צו מיר.

— ניין, ניין! — האט זי אויסגעשריען.

שטיל איז זי צו מיר צוגעגאנגען, גענומען מיך פאר דער האנד און א קוק געטאן אין מיינע אויגען. א, ס'ארא בליק איז דאס געווען! פול מיט ליידענשאפט, ערשטוינונג און גלאנץ. זי האט א שמייכעל געטאן און צוגעדריקט־זיך צו מיר.

איך האב זי ארומגענומען מיט דער האנד און א קוש געגעבען אין די ליפען.

(פארטזעצונג פאלגט)

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).

אז מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ־לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן

ol. I. No. 6. Price 3 cents. Friday, February 21, 1919. פרייטאג, דעם 21טען פעברואר, 1919

פיקעטען, פיקעטען און ווידער אמאל פיקעטען!

וואס איז דער טייטש פון „פיקעטען", וואס דער פרעזידענט פון דער אינטערנעישאנאל האלט אין איין ווידערהאלען? וואס מיינט ער דערמיט, ווען ער זאגט, אז עס איז די פליכט פון יעדען סטרייקער פון די ליידיעס וויסט מאכער, פון די קימאנא און ראפער מאכער און די טשילדרענס דרעס מייקער צו פיקעטען?

ער מיינט דערמיט, אז יעדער סטרייקער מוז זיין א סטרייקער, א קעמפפער, ניט בלויז אין נאמען, אויפ'ן פאפיר, שטעהן אויפ'ן פיי־ראל, נור זיין א סטרייקער, א קעמפפער אין דער טאט. ער מיינט דערמיט, אז דער סטרייקער טאר ניט באטראכטען די צייט פון סטרייק, אלס א האלידעי, נור פארקעהרט, אלס דעם העכסט ערנסטען און הייליגען מאמענט פון זיין, פון איהר לעבען, און קיין איינציגע סעקונדע ניט לאזען געהן אין ניוועץ.

פיקעטען מיינט ניט צו מאכען זיך לייכט, ניט צו גענעצען, נור צו זיין אויף דער וואך יעדע מינוט פון דער צייט, ווען איהר זיינט וואכעדיג.

פיקעטען מיינט צו געדענקען, אז עס איז דא א שונא, וועלכער דרעמלט ניט, און וועלכער גארט אויף די מינוט, ווען דער געגנער זאל נור זיך אביסעל פאר'הלומ'ען אום צו באפאלען איהם מיט מעהר זיכערהייט פאר זיך.

פיקעטען מיינט, סטרייקער און סטרייקערין, אז ווען דער סטרייק וועט געוואונען ווערען, זאלסטו אין דיין הארצען קענען זיך אליין זאגען מיט שטאלץ, אז אויך דו האסט אין דעם דיין חלק געטאן!

פיקעטען איצט, ווען דער קאמפף געהט אן, מיינט, אז ווען דער קאמפף וועט זיין צו ענד, און דער זיעג וועט זיין פאלשטענדיג, זאל יעדער ארבייטער וויסען, אז ניט לייכט איז איהם אנגעקומען דער זיעג, און דארום מוז ער איהם דאס מעהר פעסטהאלטען, און דערפאר מוז ער זעהען אז זיין יוניאן זאל ווערען וואס שטארקער.

אט דאס אלעס איז איינגעשלאסען אין דעם ווארט „פיקעטען". דאס אלעס מיינט אייער פרעזידענט, ווען ער ווערט ניט מיעד צוצורופען צו אייך: פיקעטען, פיקעטען, און נאך אמאל פיקעטען!

און דערפאר מוז די פיקעט-דעמאנסטראציע פון נעקסטען מאנטאג איבערטרעפען אלע, אלע פריהעריגע, און אזוי מוז אויך זיין דאס פיקעטען פון דער גאנצער קומענדער וואך.

געדענקט-זשע, אז נעקסטען מאנטאג אין דער פיקעט-ליין קומט איהר אין אייער גאנצער מאכט, צעהלט אייערע דיוויזיעס, געפינט, אז אלעס איז גאנץ, און מיט דאס מעהר ענטשלאסענהייט פיהרט איהר אייער ווייטערען קאמפף פאר דעם ענדליכען, גלארייכען זיעג!

די גרויסע סטרייק-כוואליע

אויף אן אנדער פלאץ אין דעם נומער „גערעכטיגקייט" וועלען אונזערע לעזער און לעזערינס געפינען גענויע באריכטען וועגען די אנדערע קאמפף־דיוויזיעס, וואס זיינען צוגעשטאנען צו אונזער קאמפף־ארמעע. צוזאמען מיט די ליידיעס וויסט מייקערס זיינען איצט אין סטרייק די קימאנא און ראפער מייקערס, עטליכע טויזענד שטארק, די טשילדרען דרעסמייקערס פון די אינדעפענדענטס און ניט יוניאן־שעפער.

די אלע זיינען נאך גאר פרישע רעקרוטען, אבער עס איז קיין צווייפעל ניט, אז זיי וועלען זיך אויסצייכענען אין זייער קאמפף ניט ערגער, ווי די וועטעראנען. האבען דאך די יונגע פון וועמען צו לערנען! נאך און נאך א טאג, און עס וועלען ארויס אין קאמפף די דיוויזיעס פון די ווהייט גודס ווארקערס, ווידער היבשע עטליכע טויזענד.

די אלע דיוויזיעס ווערען געטריבען פון דערזעלבער קראפט, פון וועלכער עס ווערען געטריבען די ארבייטער פון גאנץ אמעריקא, די בילדינג ארבייטער פון גאנצען לאנד, די וועבער פון לארענס, פון פעטערסאן, די מיינערס פון ביוט, מאנטאנא, און פון נאך הונדערטע און הונדערטע אנדערע שטעדט און אויך די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט, פון ענגלאנד, פון פראנקרייך, פון דייטשלאנד, און פון וואו ניט?

וואס איז עס די דאזיגע קראפט, וואס טרייבט מענשען פון די שעפער אין גאס ארויס? דאס איז דער ענדליך ערוואכטער באוואוסטזיין, אז לענגער אזוי לעבען, ווי די ארבייטער האבען געלעבט ביז איצט, קען מען ניט, אז איידער אזא לעבען איז שוין בעסער גאר ניט לעבען. דאס איז דער באוואוסטזיין, אז דער ארבייטער קריגט ניט דעם חלק, וואס איהם קומט; אז וועהרענד א קליינע צאהל געניסט פון לעבען דאס שעהנסטע און דאס בעסטע, מוז ער, דער ארבייטער, זיך באגנוגענען מיט די ברעקלעך, וואס פאלען אראפ פון רייכען מאנ'ס טיש.

און דאס וויל ער ניט מעהר.

דער קארפענטער פארלאנגט דארום א דאלאר א רייז אויף זיין טאג שכירות. אנשטאט 5.50 וויל ער ניט אנדערש ווי 6.50. די וועבער אין לארענס, אין פעטערסאן מיינען דאס זעלבע, און דאס זעלבע מיינען אויך אונזערע קעמפפער פון דער אינטערנעשאנאל. און, ביי גאט, מיר וועלען קעמפפען, קעמפפען און קעמפפען אזוי לאנג ביז מיר וועלען עס אויספיהרען.

דער באנקראט פון דער באסעס אסס פון דער ליידיס וויסט־אינדוסטריע

כדי די באסעס זאלען ניט פארשפירען א וואונש צו פארדרעהען זיך זייערע אייגענע קעפ און די קעפ פון מאנכע אנדערע, טו זאל דא פארשריבען ווערען שווארץ אויף ווייס, אז א גאנצע וואנד פון זייער פעסטונג האט שוין דער סטרייק פון די פיער וואכען איינגאנצען צושמעטערט. די אסס'ן האט פארלארען א פערטעל פון איהרע מעמבערס. זאג און שרייב גאנצע 66 מעמבערס פון איהר אסס'ן, און ניט בלויז 20, ווי מארושעס, דער טשיעף קלוירק איהרער, האט געוואלט אפנארען דעם עולם דורך דער צייטונג „דהי וואומענס ווער". די גרויסע, פעסטע געביידע האט איצט בלויז דריי ווענד. די גרויסע, פעסטע געביידע איז איצט א חורבה, אין וועלכער דער ווינד וואיעט און פריהערט די גליעדער פון די, וואס געפינען זיך נאר אין איהר, אזוי, אז עס איז זיי ניט צו וואויל דארט. זיי ווארפען זיך אויף אלע זייטען, זיי ריננלען ארום זייער חורבה מיט געננסטער, וועמען זיי באצאהלען מזומנים, קעש, פאר שלאגען די סטרייקערינס, אבער אויך דאס קומט זיי אן מיט קרעמעניש. די געננסטער נעהמען טאקע דאס געלד, אבער „די גודס" קענען זיי ניט דעליווערען. זייער אונגליק איז, וואס שלעזינגער האט א פען אין האנד, ער דארף ניט קיין לאיער, וואס זאל „סאטשינאיען" פאר זיי. ער שרייבט אריין אין די צייטונגען דעם אמת וועגען די געננסטער, ער פראטעסטירט געגען דער שלעכטער האנדלונג פון דער זייט פון דער פאליס, און — די באסעס געפינען זיך אפגענארט אין זייער הויפט־האפנונג. די גאנצע פרעסע איז גאר מיט די סטרייקער, און „די איוונינג סאן", צו וועמען שלעזינגער האט געשריבען וועגען דעם, זאגט עדיטאריעל, דאס „אויב עס איז דא א גרונד פאר מר. שלעזינגער'ס אנדייטונג, אז די סטרייקענדע מיידלעך האבען געליטען פון א שלעכטער באהאנדלונג פון דער זייט פון דער פאליס נאר דערפאר, ווייל די מייסטע פון זיי זיינען רוסישע מיידלעך, איז דאס א זעהר ערנסטע זאך, אזוי ערנסט, אז דאס דארף גרינדליך אונטערזוכט ווערען אי פון דיסטריקט אטארני, אי פון גאווערנאר... אויב די פאליס איז באזאנדערס פריינדליך צו אירגענד א קערפערשאפט פון פריוואט־דעטעקטיווס און פון געדונגענע בויאנעס, מוז דאס גלייך אויפהערען!"

ניין, עס וועט ניט העלפען, עס העלפט ניט די באסעס די גאנצע פראטעקשאן, וואס זיי מוזען קויפען. און זיי וויסען עס, כאפען זיי זיך צו אנדערע מיטלען. זיי קויפען אונטער פראוואקאטארס, וואס לאזען ארויס א ענדביל אונטער א נאמען פון א ניט־געשטויגענער און ניט געפלויגענער „ליעג", אז די פיהרער ווילען חלילה פארראטען די ארבייטער, און מאכען קאמפראמיסען מיט די באסעס. די אביזיכט איז קלאר: צו מאכען מחלוקות צווישען די ארבייטער. העלפט עס אבער ניט. די סטרייקער האבען געהאט און האבען דעם פולסטען צוטרוי צו זייערע פיהרער, און קיין פראוואקאציע קען אויף זיי קיין שליטה ניט האבען.

אזעלכע קונצען פרובירען זיי נאר פיעלע, ווי למשל דאס וועלען איינהיידען יאנאטאן טעי, דעם קאנטראלער פון די פוד מארקעטס, אז עס איז שלעזינגער, וואס דערלאזט ניט צו קיין סעטלמענט, ווייל ער לאזט ניט צו קיין סעטלמענט, ווייל ער וויל דוקא ניט אפלאזען דאס מינדעסטע פון דער דיסטשארדזש־פראגע. יאנאטהאן דעי איז אבער ניט קיין נאר, און ער פארשטעהט, אז די מענשען, וועלכע האבען צו איהם געשריבען, זיינען גאר קיין גוטע פריינד פון דער יוניאן.

אזוי ווארפען זיך נעבעך די באס אויף אלע זייטען, ווייל זיי פיהלען, זיי זיינען באנקראט. אבער עס וועט קיין זאך ניט העלפען, ווי נאר א פ שטענדיגעס אונטערגעבען־זיך, אזוי דאס האבען שוין געטאן זייערע 66 פ העריגע חברים, ביי וועמען עס ארבייט אונטער די פולסטע יוניאן־באדינגונ ארום 20 טויזענד פון די, וועלכע זיינ דינסטאג, דעם 21טען יאנואר, ארויס סטרייק.

אינהאלט-פארצייכניס
נומער 6 „גערעכטיגקייט"

זייט 1. פיקעטען, פיקעטען און ווידער מאל פיקעטען. די גרויסע סטרייק־כוו ליע. דער באנקראט פון דער באסעס אסס פון דער ליידיס וויסט אינדוסטריע — דאקציע.

זייט 2. ביי אונז אין לאנד (די וויכטיגס פאסירונגען פון וואך) — הלל ראגאף.

זייט 3. פראבלעמען פון דער ארבייט פרוי — דזשוליעט סטוארט פאינטז.

זייט 4. איבלען פון שטיק־ארבייט א קלאוק־טרייד — מארים זיגמאן. א פ נייע מענשען (א בילד) — יענטע סע דאצקי.

זייט 5. דער אינטערנעשאנאל „קריעגס־ד פארטמענט — ל. פינקעלשטיין.

זייט 6. עקאנאמי און עפישענסי אין ד קלאוקמאכער יוניאן — פיליפ קאפל וויטש. מיטינג פון דזשאינט באארד — ל. לאנגער.

זייט 7. די פרוי אין איטאליען אין מלחמ צייט. — דר. אסתר לוריע. בילדער פונ וויסטמאכער סטרייק. — עליאס ליבע מאן. קארטון — מ. לאעב.

זייט 8. אינגעבארג (ראמאן) — ב. קעלער מאן. א בריוועל צום רעדאקטאר. — ה סקולמאן.

זייט 9. ראמאן. קאטערס יוניאן, לאקא 10.

זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ ביכעל.

זייט 11. ווער זאלען זיין די בעלי בתי פון די אייזענבאהנען? — ליליפוט. גרוס (געדיכט) — פערעלמוטער.

זייט 12. ווירדיגע יורשים פון די קעמפ פער פון 1909 — פאניא מ. קאהן. מיי ארימע איסט סייד! (פלעיטאן) — א וואהלינער.

זייט 13. אינטערנאציאנאלע ארבייטע וועלט. — וו. מ. פיינגענבוים.

זייט 14. דעמאביליזאציע און ארבייטסלא זיגקייט. — מ. קאלטשין.

זייט 15. איימי לאועל (וועגען דער נייע ריכטונג אין דער אמעריקאנער פאעזיע.)— א. גלאנץ. קורצע שמועסען צווישען רע דאקטאר און לעזער.

זייט 16. די הויז־דרעס און קימאנא מאכער יוניאן אין דזשענעראל סטרייק. — א סטעף רעפארטער. וואס הערט זיך ביי די ריפער מאכער לאקאל 17? — דזשיי העלער.

זייט 17. די עקזאמינערס יוניאן, לאקאל 82. — מ. י. אשפיז. איימי לאועל, שלום.

זייט 18 און 19 — אדווערטייזמענטס.

זייט 20. דער סטרייק אין בילדער — איינ טערעסאנטע קארטונס פון ס. ראסקין. די לאגע אין דער ווייטגודס אינדוסטריע. — א סטעף רעפארטער.

צווישען די וויסטמאכער סטרייקער

פון א סטעף רעפארטער.

עפעס א מאדנער סטרייק איז דאס געווען, אט דער וויסט און דרעססמאכער סטרייק! איך זאג „געווען", ווייל עס פיהלט זיך, ווי ער וואלט שוין געווען איננאנצען פאראיבער.

געוועהנליך, ווען עס ברעכט אויס א גרויסער סטרייק אין אירגענד וועלכער אינדוסטריע, איז מען קיין מאל ניט זיכער וועלכער צד עס וועט זיעגען. אין די הייהען פון די סטרייקער פיהלט זיך א ניט־באשטימטע שוועריקייט, א ניט־זיכערקייט מיט'ן זיעג, א מורא פאר'ן אויסגאנג פון דעם סטרייק.

ניט אזוי אבער איז דאס געווען מיט דעם וויסטמאכער סטרייק. דאס פראוואצירען צו דעם סטרייק פון די באסעס פון דער וויסט און דרעס אסס'ן איז געווען אזוי אומגעלומפערט דום, אזוי נאריש און פארברעכעריש אין דערזעלבינער צייט, דאס עס איז פאר אלעמען געווען גלייך זעלבסטפארשטענדליך, דאס די באסעס מוזען דעם סטרייק פארלירען, דאס אנדערש קאן גאר ניט זיין! אין דער געשיכטע פון סטרייקס וועט דיעזער סטרייק זיכער פארשריבען ווערען אלס א נארישע לעכערליכע פראוואקאציע פון די וויסט באסעס צו זייער אייגענעם שאדען.

און דיעזע שטימונג פיהלט זיך איבעראל, ווען מען רעדט וועגען סטרייק, צווישען די סטרייקער, ווי צווישען דעם זייטיגען עולם. איבעראל הערט מען די באמערקונג: „דער סטרייק איז דאך שוין געוואונען! וואס דרייען זיי נאך א מוח, די עטליכע בעלי בתים פון דער אסס'ן?

דאס צייגט, נאטירליך, ווי גוט דער סטרייק שטעהט. פון דעסטוועגען אבער, וואלט ניט שאדען די סטרייקער אביסעל צו ווארנען, אויב זיי נעמען ניט דעם סטרייק שוין אביסעל צו לייכט. אמת, דער סטרייק איז פאזיטיוו א געוואונענער, אבער ווי לאנג ער איז נאך אין גאנצען ניט געסעטעלט, דארפען די שעפער ווערען געפיקעט, און די סטרייקער דארפען זיך בכלל ניט פארלאזען צופיעל אויף דעם, וואס זייער צד איז דורכאויס גערעכט. דערוויילע דארפען די סטרייקער נאך זיין אויף דער וואך און טאן זייער פליכט אלס פיקעטס.

אין גענענטייל, ווייל דער סטרייק שטעהט אזוי גוט, דארף דער קאמפף געגען די ביסעל איינגעשפארטע באסעס פון דער אסס'ן נאך שארפער ווערען און דער גאנצער סטרייק וועט באלד זיין געענדיגט.

די פיקעט דעמאנסטראציע לעצטען מאנטאג אין דער פריה ארום די וויסט־שעפער איז געווען פונקט אזוי איינדרוקספול, ווי מיט א וואך צוריק. פרעזידענט שלעזינגער איז געווען אין ליין מיט דעם אסיסטענט דיסטריקט אטורני, מר. מארקאוויטש, און די געדונגענע באמס, וואס די באסעס האלטען ארום די שעפער, האבען זיך נעבעך יענעם פריהמארגען געמוזט ערגעץ אפטראגען.

לעצטען מאנטאג נאכמיטאג איז אויך אפגעהאלטען געווארען מאססמיטינגען אין די האלס, וואו די סטרייקער געפינען זיך. די מיטינגען זיינען אדרעסירט געווארען פון די טוער און פיהרער אין דער יוניאן און די מיטינגען זיינען געווען פונקט אזוי ענטוזיאסטיש, ווי מיט א וואך צוריק, ווי מיר האבען דאס דאן גענויער באשריבען.

א באזונדער פיטשור איז די וואך געווען אין די האלס וואו די סטרייקער זיינען פארזאמעלט, דאס צוריקקעהרען זיך צו דער ארבייט פון די סטרייקער, וועמעס בעלי בתים עס האבען שוין געסעטעלט מיט דער יוניאן, נאכגעבענדיג אלע אונזערע פאדערונגען, און אזעלכע שעפער זיינען געווען גאר פיעלע. גאנצע דעמאנסטראציעס אזעלכע זיינען פארגעקומען אין די האלס און אויף די גאסען. די סטרייקערינס און סטרייקער זיינען צוריקגעגאנגען ארבייטען מיט לויכטענדע פנים'ער, מיט פיעל באגייסטערונג פאר זייער יוניאן.

באזונדערס איז דאס געווען דער פאל מיט די ארבייטער פון די אסס'ן שעפער, וועמעס בעלי בתים עס האבען זיך אפגעריסען פון דער מאנופעקטשורערס אסס'ן און געסעטעלט מט דער יוניאן. דיעזע ארבייטער האבען זיך געפיהלט באזונדער שטאלץ, געהענדיג צוריק צו דער ארבייט. צוזאמען, פון אסס'ן שעפער און אינדעפענדענט שעפער, האבען זיך שוין צוריקגעקעהרט צו דער ארבייט ארום 15,000 ארבייטער.

* * *

לאמיר איצט כאפען א בליק אין נאך א ווינקעל פון דעם גרויסען שלאכטפעלד, וואו דער סטרייק ווערט אויסגעפאכטען.

וואס לענגער עס פארציהט זיך דער וויסטמאכער סטרייק, אלץ מעהר אינטערעסע רופט ער ארויס אין די פארשיעדענע שיכטען פון דער ניו יארקער געזעלשאפט.

פרעזידענט שלעזינגער באקומט טעגליך איינלאדונגען פון פיעלע פרויען־פאראיינען, קלובען, ארדערס און אפילו פון קירכען צו קומען אהין רעדען וועגען דעם סכסוך, וועגען די אישום פון דעם שטרייט צווישען די יוניאן און די וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן.

ביי די „סאנס אוו איטאלי"

אין ניו יארק איז דא א גרויסער איטאליענישער ארבייטער־ארדען אונטער'ן נאמען „סאנס אוו איטאלי", זיהן פון איטאליען. און דיעזער ארדען האט לעצטען זונטאג נאכמיטאג איינגערופען א ספעציעלען מיטינג אין הארלעם ריווער קאסינא און איינגעלאדען פרעזידענט שלעזינגער צו קומען אדרעסירען דעם מיטינג וועגען דעם וויסט און דרעס סטרייק. פרעזידענט שלעזינגער האט אנגענומען די איינלאדונג; ער האט אדרעסירט דעם מיטינג און באקומען זעהר א שיינע אויפנאמע.

יענער מיטינג איז אויך אדרעסירט געווארען פון אונזער איטאליענישען וויס־פרעזידענט סאלוואדאר ניגפא, און פון דעם איטאליענישען ארגאנייזער פון דער וויסט און דרעססמאכער יוניאן, לאקאל 25, ברודער אנטאניני.

דער רעזולטאט איז געווען דאס דער איטאליענישער ארדען האט באשלאסען צו שטיצען דעם וויסטמאכער סטרייק מיט אלע מעגליכקייטען. עס איז זאגאר באשלאסען געווארען, דאס זיי פארפליכטען זיך צו העלפען פיקעטען די שעפער, כדי עס זאל ניט גלינגען די באסעס צו פארנארען מאנכע איטאליענישע פרויען און מאכען זיי פאר סקעבס. פאר'ן סטרייק איז דאס זיכער ווערט גאר א סך.

די ווימענס־סיטי קלוב.

צווישען די פרויען־קלובען וואס האבען זיך פאראינטערעסירט מיט דעם סטרייק געפינט זיך אויך דער „ווימענס סיטי קלוב." דאס איז א באוואוסטע ארגאניזאציאן פון רייכע פרויען. זיי האבען זיך פאראינטערעסירט מיט דעם שיקזאל פון די סטרייקערינס, די פיעלע טויזענדער מיידלעך און פרויען וואס זיינען נאך אין סטרייק.

די מיטגליעדער פון די „ווימענס סיטי קלוב" ווילען וויסען גענוי די אישום פון דעם גרויסען קאמפף. זיי ווילען וויסען, ווער עס איז פאראנטווארטליך פאר די פיעלע ליידען פון די סטרייקערינס, ווער עס האט דעם סטרייק פאראורזאכט און אויב ער האט ניט געקאנט פארמיעדען ווערען, און זיי האבען איינגעלאדען פרעזידענט שלעזינגער צו האלטען פאר זיי א רעדע אין דעם „וואנדערבילט האטעל."

עס איז איבריג צו זאגען אז ברודער שלעזינגער האט די איינלאדונג אנגענומען און וועט דיעזע טעג אדרעסירען די מיטגליעדער פון דעם אריסטאקראטישען קלוב. ער וועט פאר זיי קלאהר מאכען די גערעכטע שטעלונג פון דער יוניאן און מען קאן ערווארטען דאס דיזער קלוב וועט באלד אויסאיבען זיין מאכט און איינפלוס צו העלפען דעם גערעכטען סטרייק.

א פארטראג אין א קירכע.

פרעזידענט שלעזינגער האט אויך באקומען אן איינלאדונג צו קומען האלטען א פארטראג אין א קירכע, אויף אמסטערדאם עוועניו און 110טע סטריט.

דיזע איינלאדונג איז געקומען ניט בלויז פון איין קירכע, דאס קומט פון „די טשוירטש אסאסיאיישאן", א פארבאנד וואס האט אונטער זיין אויפזיכט פיעלע קירכען און אויב ברודער שלעזינגער וועט נור האבען די נויטיגע צייט, האט ער איצט א געלעגענהייט צו ווערען א רעגעלער „פריטשער." ער קאן געהן פון טשוירטש צו טשוירטש, און דארט ערקלערען „די גאספעל אוו די לייבאר מואוומענט", די בשורה פון דער ארבייטער באוועגונג, דעם „מעסעדזש" פון די ארגאניזירטע ארבייטער; ער וואלט זיי דארט דערצעהלט וועגען דער גרויסער ראלע וואס די ארבייטער יוניאנס שפיעלען אום צו ברענגען אין דער וועלט „די בראדערהוד אוו מען", די אמת'ע ברידערליכקייט צווישען מענש און מענש, וועגען וועלכע די פריסטער אין די קירכען רעדען אזוי פיעל און פאר וועלכע די ארגאניזירטע ארבייטער איבער דער גאנצער וועלט קעמפפען צו פארווירקליכען און געבען אפ פאר דעם קאמפף אפילו זייער לעבען!

אלזא, דעם דאנערשטאג פארנאכט רעדט פרעזידענט שלעזינגער אין יענער קירכע. מען קאן זיכער זיין, אז איהם וועט ניט אנקומען שווער צו איבערצייגען אויך יענעם עולם, ווי גערעכט די יוניאן איז אין דעם קאמפף און ווי אונגערעכט עס זיינען די פארפיהרטע וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס.

ווי איהר זעהט, גיסט זיך אריבער דער סטרייק איבער זיינע ברעגען. ער דערגרייכט צו די פארשיעדענע שיכטען אין דער געזעלשאפט און וועהרענד די סטרייקער באקומען איבעראל סימפאטיע, פאר זייער מארטירערטום, באקומען די וויסט מאנופעקטשורערס פון דער אסאסיאיישאן פאראכטונג און קללות. זיי באקומען א פלוך פון אלע שיכטען אין דער געזעלשאפט, פון די ארימע און אויך פון די רייכע.

און עס פרעגט זיך: ווי לאנג נאך וועלען עס די באסעס קאנען אויסהאלטען? ווי לאנג נאך וועלען זיי קאנען עקזיסטירען, געהענדיג נעגען דער גאנצער געזעלשאפטליכער עפענטליכער מיינונג?

דער ענטפער קען בלויז זיין: ניט לאנג! זיי וועלען זיך באלד מוזען אונטערגעבען. און קוים וועלען זיי זיך ניט באלד אונטערגעבען, וועלען זיי צוזאמענברעכען! באלד, באלד און עס וועט מקוים ווערען וואס ברודער שלעזינגער האט געזאגט גלייך ביי דעם אנפאנג פון דעם סטרייק: „די באסעס וועלען מוזען אדער סעטלען מיט דער יוניאן, אדער ארויס פון ביזנעס". און קיין אנדער ברירה האבען זיי ניט.

איז וואס, דענקט איהר, וועלען זיי זיך אויסקלייבען?

כ'לעבען דאס איז שוין איצט ניט שווער צו טרעפען.

וויכטיגעס און אינטערעסאנטעס אין לאקאל 66

פון אסיפ וואלינסקי.

די ליידיעס וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס פרעגען זיך, ווער איז לאקאל 66?

לוים מיין וויסען, איז די פראגע שוין ארויפגעשוואומען אויף איינער פון די קאנפערענצען מיט דער דזשאבערס און קאנטראקטארס אסאסיאיישאן. און באמת, געפינט זיך טאקע דער נומער 66 צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון אגרימענטס אין דער ליידיס וויסט און דרעס אינדוסטריע. דער נייער קאנטראקט לייענט זיך ווי פאלגט: אגרימענט צווישען די לאקאלס 10, 25, 58 און 66 פון דער א. ל. ג. וו. י.

יעדער באס ווערט צום ערשטען מאל אויפגעפאדערט, לוים פאראגראף 2 צו באשעפטיגען ניט נאר גוטשטעהענדע מעמבערס אלס קאטערס, אפערייטארס, פרעסערס, פינישערס, דרייפערס, קלינערס, עקזאמינערס און באטאן האל מייקערס, זאנדערען אויך די עמבראידערערס פאר די וויסט און דרעסעס מוזען געמאכט ווערען פון יוניאן עמבראידערערס.

ניט פיעלע וויסען, אז ביז 3,000 עמבראידערערס זיינען באשעפטיגט אויסשליסליך פאר דער וויסט און דרעס אינדוסטריע אין דער שטאדט ניו יארק; נאך וועניגער וויסען, אז ס'איז פאראן א יוניאן אונטער'ן נאמען לאקאל 66 א. ל. ג. וו. י., וועלכע האט ארגאניזירט דעם טרייד אין דער באנגע ליין מיט'ן גרעסטען סוקסעס און איינגעפיהרט די 48 שטונדען וואך און א מינימום סקייל אוו ווידזשעס פון 40 און 45 דאלאר א וואך.

דער לאקאל 66, באשטעהענד פריהער בלויז פון באנגע עמבראידערערס האט לעצטענס געקראגען דזשורידיקשאן אויך איבער די סינגער און הענד עמבראידערערס, און איז געווארען דער פארשטעהער פון אלע ארבייטער פון דיזען פאך.

דא זאל אבער גלייך געזאגט ווערען, אז די פראבלעמע פון די עמבראידערי ארבייטער איז הויפטזעכליך אן אויטסייד קאנטראקטינג פראבלעמע. אמת, הונדערטער עמבראידערערס ארבייטען אין די אינסייד וויסט און דרעס שעפער — די ארבייט ווערט אבער ארויסגעגעבען צו אויטסייד קאנטראקטארס. אונזערע עמבראידערערס קאנטראקטארס זיינען אלזא גאנץ אפט עבדים לעבדים, קאנטראקטארס אפילו פאר די וויסט און דרעס קאנטראקטארס.

ווי אזוי וועלען אונזערע אינטערעסען דארום באשיצט ווערען אין דער צוקונפט, לוים דעם נייעם אגרימענט? פאראגראף 16 פונ'ם נייעם קאנטראקט לייענט זיך ווי פאלגט:

„עס זאל ניט ערלויבט ווערען קיין קאנטראקטינג אדער סאב קאנטראקטינג פון וועלכען ס'איז כאראקטער אין דעם שאפ פון ארבייטסגעבער. דער ארבייטסגעבער, איידער ער גיט באשעפטיגונג צו אן אויטסייד קאנטראקטאר, זאל צושטעלען דעם נאמען פון קאנטראקטאר צו דער יוניאן, כדי די יוניאן זאל האבען א מעגליכקייט צו אונטערזוכען די סטענדארדס פון זיכערקייט און סאניטארע באדינגונגען און די שכירות און ארבייטס־באדינגונגען אין די שעפער פון די קאנטראקטארס. דער ארבייטס־געבער זאל ניט באשעפטיגען קיין קאנטראקטאר, סיידען דער קאנטראקטאר ארבייט אונטער'ן אגרימענט מיט דער יוניאן און האלט אויף די קאנדיציאנען און סטאנדארדס, וועלכע זיינען עטאבלירט ביי דער יוניאן אונטער דעם קאנטראקט מיט'ן ארבייטס־געבער."

דאס האט לאקאל 66 געפאדערט ביי דער לעצטער קאנווענשאן אין באסטאן, און דאס איז אונז אויך נעגעבען געווארען אויפ'ן פאפיר, דאס הייסט, דורך א רעזאלושאן אנגענומען פון דער קאנווענשאן.

ס'איז איבריג צו זאגען, אז מיר פיהלען זיך יעצט גליקליך, וואס דער אויבענדערמאנטער וואונש האלט אין מקוים ווערען.

מיר האבען זיך אריינגעווארפען אין קאמפף פון די ליידיס וויסט מייקערס מיט אונזער גאנצען פייער און אפפערווילינקייט. מיר האבען אפגעסטאפט עמבראידערי שעפער, וועלכע האבען געארבייט פאר סטרייקענדע וויסט שעפער, כדי זיי צו העלפען געווינען זייערע גערעכטע פאדערונגען. אויף א גרויסער פארזאמלונג פון אונזער מיטגלידערשאפט איז איינשטימיג באשלאסען געווארען ניט צו ארבייטען קיין סקעב ארבייט און שטעהן ביז צום סוף מיט די סטרייקערס.

ס'איז ביי אונז קיינעם קיין צווייפעל ניט, אז די וויסט און דרעס מייקערס וועלען פון זייער זייט טאן אלעס מעגליכעס אונז צו העלפען לעזען די שווערע פראבלעמען אין אונזער טרייד.

כאטש פיעלע פון אונז שרעקט דאס הארץ, אז דער אויבענציטירטער פאראגראף 16 איז ניט דעפיניטיוו גענוג, וואס אנבאלאנגט די עמבראידערי קאנטראקטארס, און מאנכע פון אונז זיינען ניט צופריעדען מיט דעם, וואס אונזער צד איז ביי די קאנפערענצען מיט די דזשאבערס און קאנטראקטארס אסאסיאיישאן ניט געווען פארטראטען, דאך האבען מיר פולען צוטרויען אז די אינטערנעישאנעל וועט ביי די פארהאנדלונגען מיט דער „אלמעכטינער אסאסיאיישאן" אונז ניט מעהר פארקוקען און אונזערע אינטערעסען וועלען באשיצט ווערען ווי געהעריג איז.

איבריגענס, וואס איז א פאראגראף אדער אפילו אן אגרימענט אין אלגעמיין? ס'וועט זיך ווענדען אן אונזער כח, ווי אזוי די פארשריפטען פון דיזען אדער וועלכען עס איז אנדער קאנטראקט וועלען פארטייטשט ווערען. איין זאך איז אבער פאר מיר זיכער, אז די פאראינטערעסירטע לאקאל יוניאנס אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע וועלען מוזען פארמירען א דזשאינט קאונסיל כדי הארמאניש און ערפאלגרייך צו קאנטראלירען די שעפער.

נאר וועגען דעם א צווייטען מאל.